STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01921

# ALE VERK

Isaac Leib Peretz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק.

# י. ל. פרץ.

י. ל. פרץ.

# חסידיש

פערלאג „אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק קאמפ.
ווארשא — נויארק.

אלע ווערק
י. ל. פרץ.
פינפטער באנד.

# אינהאלט
## פון 5־טען באנד.

---

### ערשטע אבטהיילונג:

1) הכנסת כלה.
2) שמעיה גבור.
3) דער נייער נגון.—
4) אז מען זאגט: משוגע, גלויב
5) דער משוגענער בטלן.
6) דער חעלעמער מלמד.
7) עלענד.

### צווייטע אבטיילונג:

1) ער און זיינע מקורבים.
2) דעם רבינם ציביק.
3) נסים ונפלאות.

### דריטע אבטיילונג:

1) מקובלים.
2) א גלגול פון א נגון.
3) אויב נישט נאך העכער.

## פיערטע אַבטהיילונג:


1) משנת חסידים.

2) אַ שמועס.

3) שהשמחה במעונו.

4) תורה.

5) צווישען צוויי בערג


## פינפטע אבטיילונג:


1) התגלות אָדער די מעשה פון ציגענבאָק.

2) ר' נחמנקים מעשיות.

3) יוחנן המלמדס מעשה'ליך.

4) פיער דורות פיער צַוָאות.

# ערשטע אבטיילונג.

# הַכְנָסַת כַּלָּה.

ר׳ עֶזְרָא האָפּענדשטאַנד איז, קיין עין־הרע, אַ יוד — אַ גביר; אפשר אַ מיליאָנער; ער האָט שוין עפּיס צו זאָגען אויף דער וועלט, אויף יענער — אַ ודאי!

אַט, זיצט ער ביי׳ם טיש, ביים „וואַרימעס״.

אַ טיש — ווער מיר גוטס גינט! די סעודה הייבט זיך אָן מיט הערינג, קילקעס, סערדינען...

זילבער — ווי האָלץ! עס בלאַנקט אויפ׳ן טיש, אינ׳ם אָפענעם קרעדענץ; אַרום אויף די ווענד הענגען אַ צעהן זילבערנע טאַצען, וואָס קענען שוין אין קרעדענץ נישט אריין. פון איבער דער שאַנק בליצט אַראָב אַ גרויסע חנוכה־לאָמפּ מיט אויסגעשניצטע בלומענרעהרען, און אין ביידע זייטען שטעהען, ווי אויף דער וואַך, צוויי אונגעהייערע שבת׳ניקעס.

ער אַליין, ר׳ עזרא איז אַ קליין, דאַר יודעל און ווערט אין גאַנצען פערלוירען אינ׳ם גרויסען, מיט רויטען סאַמעט אויסגע־בעטען פאַטערשטוהל; קוים איבער דער אָנלעהן גלאַנצט דאס גרין־סאַמעטענע הויך, ברייט און שטייף אויפגעשטעלטע היטעל, די פאָרם איז זיין אייגענע ערפינדונג! דערמיט וועט ער איבער־געהן אין דער חסידישער מויל־געשיכטע איש מפּי איש אויף אייביג!

ער וועט שוין האַלטען אין גן־עדן ביי משניות (אָנהויבען וועט ער טראַף!) און אונזערע אוראייניקלעך (אַזוי האָפט ער) ווע׳לען נאָך טראָגען די פאָרם, דאָס עזר־קאַשקעטיל.

עסען עסט ער שווייגענדיג, מיט ערנסט־איינגעצויגענע שטערן און ברעמען, אָהן אַ בליק פאַר די בייזיצער.

און דער לאַנגער טיש איז בעזעצט. רעכטס — אַ שורה נקבות: דאָס ווייב, צוויי טעכטער, אַ שנור מיט דריי אייניקלעך;

אין דער לינקער האַנד — מאַנספּערזאָנען: צוויי זיהן, איין איידעם און זייערע דריי חדר־יונגלעך.

דאָס ווייב זיינס טראָגט איין אויסגעשטיקט האָהר־באַנד אונטער אַ טיעפע קאָפּקע, מיט פלאַטערדיגע ברייטע פלאַמענדיג רויטע בענדער —, די טעכטער טראָגען שייטלען, די שנור האט שוין דערגרייכט צו פּריוזערטע „קרעפּינקים״.

די מעדליך דאַרפען זיך די האָהר נישט פערשטעלען. די „גרזיווקעס״ יאָגען זיך פריי ארום איבער די שמאָלע שטערן אַז עס וועט קומען צום אָבגאָהלען — ווער ווייסט?!

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק, איז נאָך אויבען־אָן ר׳ עוזר׳ס מוטער געזעסען! אַ יודענע אין אַ שטערנטיכעל, אַראָבגעהאָנגענע אוירינגלעך און אַ ברוסטטיכעל מיט איין אויבעל, — איז זי שוין אויפ׳ן עולם אמת...

די מענער טראָגען זיך אויך פערשיעדען. ר׳ עוזר אַליין זיצט אין זיין חסידישען „צילינדער״. דער זוהן — אין אַ שפּיטציגע, די איידעמעס — אין פּלאַכע, קאַנטיגע יאַרמולקעס. די חדר־יונגלעך טראָגען שוין „קאַשקעטלעך״, אויף וועלכע ר׳ עוזר וואַרפט אַלע מאָל אַ בייז אויג; דער היטעלמאַכער האט פערשמעלט און פערקירצט די פאָרם!

יענע וואָך איז נאָך דאָ געזעסען אַ מלמד אין אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקעס; האָט מען איהם ערגיץ אויפגענומען פאַר אַ רב אין אַ שטעדטעל, דאַרף ערשט ר׳ עוזר פאָהרען צום רבין פרעגען אויף אַ נייעם מלמד. גלאַט אַזוי לאָזט ער נישט אין שטוב אַריין!

„היינטיגע צייטען״ טראַכט ער און זיפצט.

ער קוקט ארום און זעהט, ווי די צייט רייסט אַלע מינוט אָב אַ שטיין פון דער מויער, מיט וועלכער ער האָט זיך אַזוי קונציג אַרומגעבויט, אָבצוטהיילען זיך פון דער אפּיקורסישער גרויסער וועלט, צו וועלכער ער געהער לויט׳ן פערמעגען. ז. ז. די נייע צייט, גנב׳ט זיך אַריין ווי אַ וואַסער אין זיין אַלטער תיבה, אין וועלכער ער האָט געוואָלט איבערשווימען דאָס

„דייטשע מבול״, אַז קיינער פון זיין משפּחה זאָל זיך אפילו קיין פּוס נישט איינגעצען! אָבער עס געהט נישט!

אין איינקעל אַ מעדעל — האָט מען נור געלערנט אַ ביסל שרייבען, האָט מען זי שוין געהאַפּט לעזען אַ ראָמאַן; אַ שנור האָט זי פערמסרט, מן הסתם איז „ראָמאַנען״ נישט קיין גוטס.

אין צווייטען איינקעל — אַ יונגעל — איז פּלוצלינג אַריין אַ דבוק — ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: אין שקאָלע אַריין. עס האָט נישט געהאָלפען קיין רעדען, קיין בעטען, קיין חלש׳ן, קיין שלעג אפילו... מען האָט איהם קיום איינגענומען מיט אַ גאָלדען זייגערל!

ער ציהט אַיין נאָך פעסטער די ברעמען — ער זעהט בחוש, מיט זיינע אויסגעוויינטע, אַלטע אויגען, מיט וועלכע ער האָט אַזוי פיעל תהלים געזאָגט, אַזוי פיעל געלד געציילט און אַזוי פיעל וועלט געזעהן, אַז די צייט האָט קיין רחמנות נישט, אַז זי ווישט און ווישט אָב דאָס אַלטע, דאָס פערשימעלטע, דאָס הייליגע!

---

עס עפענט זיך די טהיר.

עס קומט אַריין אַיין איבערגעבויגענער יוד מיט אַ ווייסער צופּלאָשעטער באָרד, וואָס פּלאָנטעט זיך צוזאַמען מיט די פעדעם פון דער אַלטער אָבגעריבענער קאַפּאָטע, אַ בלייך פּנים אונטער אַיין אויסגעפּעצט היטעל.

דער דלות אַליין איז אַריין געקומען —

— שלום עליכם, מענדעל, — רופט צו איהם דער מיליאָנער.

— עליכם שלום, עוזר, — ענטפערט מענדעל-דלות.

ער געהט צו צום טיש, דער בעל-הבית וויקעלט אױך אַרום די האַנד אין אַ סערוועט און דערלאַנגט איהם „שלום-עליכם״.

דאָס אייגענע טהוען די איידעמעס, די אייניקלעך, איינס נור פערקרומט זיך. —

מען זאָל איהם נאָך אַ ברעלאָק קויפען צום זייגערל, וואָלט ער זיך אפשר נישט פערקרומט אויך.

מענדעל אָבער בעמערקט עס נישט, און שמייכעלט:

— עפּים האָסט דו, עוזר, צו פיעל ווייבער ביים טיש!

— סאַמע אייגענע! ענטפערט עוזר ערנסט און מיט אַ זיפץ.

אין האַרץ איז ער מסופק, אויב אַ שנור איז אַיין אייגענע.

— ווייסט דו וואָס, עוזר, מאַכט ווייטער מענדעל, איך וועל נעמען אַ טרונק בראָנפען.

— נו!

— נו, שקצים׳לעך, לאָזט!

און דער „דלות" רוקט זיך אַריין צווישען צוויי אייניקלעך-שטוהלען און נעמט אַ ביסל בראָנפען.

— און פערבייסען? פרעגט ער, אויפהויבענדיג די פייכטע אויגען צו דער בעל-הבית׳טע.

עוזר גיט אַ וואָרף איין אויג, שוין מיט אַ גרימצאָרן, אויף דער גאַנצער שורה ווייבער: וואָס איז, זיי זעהען נישט, אַז מען דאַרף צו פערבייסען?

דאָס ווייב פערשטעהט דעם ווינק, עס גלוסט איהר דאָך, אַ פּנים, נישט אויפצוהויבען —

— חאַפּט אַ שטיקל פאָלקע! מאַכט זי.

— אָבער גאָר לאָ — ענטפערט מענדעל, צו דעם וועל איך מיך ערשט וואַשען, כּדבעי! דערוויל — לעקיך, לעקיך קומט מיר.

— זאָג נור, שרה — פרעגט ער איבער די בעל-הבית׳טע — האָסט דען גאָר נישט חתונה געמאַכט איבער דער צייט, האַ?

איינע פון די מעדליך פערקרומט זיך און טראָגט דאָך צו אַ שטיקל לעקיך פון קרעדענץ.

מענדעל-דלות טרינקט לחיים און פערבייסט.

— צונר, געה איך מיך וואַשען.

ער קוקט זיך אום, זוכט אָב דאס האַנדפאַס, און געהט צו.

אַ דיענסט טראָגט דערווייל אַריין אַ קאָבעדינע וואַזע.

עוזר שיקט ווייטער צום ווייב אַ צאָרנינען בליק.

— טראָג דערווייל צוריק! קאָמאַנדיערט דאָס ווײַב, געקומען אַ גאַסט.

די דיענסט וואַרפט אַ קרום אויג אויפ'ן דלות, און געהט צוריק.

---

נאָכ'ן עסען און נאָכ'ן בענשען מזומן, האָט מענרעל-דלות אַרוים געיאָגט די ווייבער פון שטוב מיט'ן בייסענדיגען רויך פון זיין ליולקע-ציבעך. ער שמייכעלט פערגניגענט און קוקט זיך אום און דערזעהט וואָס ער זוכט — די קאַנאַפּע. דער קאָפּ איז איהם שווערליך; שוין לאַנג אַזאַ שווערען מאָגען נישט געהאַט. ער הויבט זיך שווער אויף פון שטוהל, וואַקעלט זיך צו און ציהט זיך אוים אויף דער קאַנאַפּע.

עוזר פרעגט:

— ווילסט אַ ביסל שלאָפען?

— יאָ, איך וועל דערנאָך מיט דיר רעדען. ער געניצט אָב און גיט צו: איך וועל, אם ירצה השם, ביי דיר זיין אַ פּאָר טאָג.

נו, שלאָף — מאַכט עוזר אַרויסגעהענדיג; די רעשט בני-בית געהט איהם נאָך.

---

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז עוזר צוריק נעקומען און געטראָפען שוין מענדלען ליגען מיט אָפענע אויגען.

— נו, וואָס מאַכסט דו, מענדעל? פרעגט ער איהם און זעצט זיך איהם צוקאָפּענס אויף אַ שטוהל.

— אזוי, ענטפערט מענדעל, האסט נישט א גלאז טהיי?

עוזר קלינגט און בעשטעלט ביי'ם ווייב, וואס ווייזט זיך אין טהיר, דעם סאמאוואר.

מענדעל גענוצט.

— וואס טהוסט דו, אייגענטליך, דא? פרעגט דער גביר.

— וואס איך טהו דא, ווילסט דו וויסען? חזרט מענדעל־דלות איבער די שאלה — ד'מאך חתונה! —

— דיין שמערלען?

— ניין, ד'האב נאך איין עלטערע טאכטער...

— אזוי?

— ווי דען...

— נו?

— נו נו! דארף מען... פערשטעהסט דו, נדן...

— ביי מיר האסט דו שוין א פינף און צוואנציגער!

מענדעל זעצט זיך אויף:

— איך לאך אוים דיין טאטען!

— וויפיעל דען מיינסט דו?...

— וויפיעל איך מיין? איך דארף פינף הונדערט רובל!

— פינף הונדערט רובל? וואונדערט זיך דער מיליאנער.

— ד'האב צוגעזאגט!

— נו? און אז מען זאגט צו?

— שוטה! דאס האב איך שוין ביי'ם צוזאגען געמיינט, מאכט זיך אבער א מעשה... הער, וואס עס קען זיך טרעפען! מיין טאכטער ווערט... עפים נישט בקו הבריאה... נא דיר א שמעק טאביק פאר'ן גאנצען עסק... ווייס איך וואס! נור — דו קענסט דאך מאטי שייגעץ? — איך האב מיך מיט'ן צעווערטילט — זענמיר בורדים געווען— געהט ער, ימח־שמו, און שרייבט צום מחותן...

— וואס רעדסט דו? פערקרימט זיך ר' עוזר?

— אזוי ווי דו הערסט!

— טאקי א פושע ישראל!

— פאהר איך טאקי צונד צו'ם רבין — א פסק וועט ער

שוין האָבּען... אָבער אָבגעטהון האָט ער, און ווייסט וואָס ער האָט, ימח־שמו, געשריבּען? „חולי נופל" האָט ער געשריבען! מיר מענסט דו גלויבען — געוואָרפען האָט זי זיך אין גאַנצען איינמאָל, אפשר צוויי מאָל, מעהר, בהן צדקי, נישט!

מענדעל רוהט זיך אָב און פיקט אַ ביסל פון דער קאַלטער ליולקע.

— נאַ דיר אַ ציגאַר, מאַכט דער גביר.

מענדעל נעמט, פעררויכערט און גיט צו:

— און צונד, פערשטעהסט'ו מיך, זאָגט דער מחותן, אז ער וויל דאָס גאַנצע געלד.

— ס'אַ העזה פונ'עם! בייזערט זיך דער גביר.

אודאי! דער כלב, כמובן, וויל אָבלאָזען דעם שדוך! וויל ער נאָך מיינער פטור ווערען אָהן חצי־נדן־קנס!

— קיין נאַר נישט! שפּאַסט דער גביר.

— איך הער איהם, ווי די קאַץ! נור פערשטופּען דעם טרפה'נעם פיסק מוז איך. דאַרף איך טאַקי די גאַנצע פינף הונדערט קאַרבּוינעס!

— און פאַר וואָס נור ביי מיר?

— חוץ מזה — פיהרט מענדעל־דלות ווייטער זיין זאַך — דאַרף מען חתונה הוצאות ווי דער סדר עולם איז... חתונה קליידער האָב איך שוין.

— און אַלץ איך? — פרעגט נאָך אַ מאָל ר' עוזר נישט זעהר צופריעדען — פאַר וואָס געהסט דו נישט צו בערלען, צו חיים'ן?...

דלות ווערט בייז:

— ד'בעט דיך זעהר, וואָס ווילסט דו פון מיין לעבען האָבען? איך האָב כח צו אייערע שטיינערנע גאַסען, צו אייערע טרעפּ? איך זאָלל אויף דער עלטער קלינגען אונטער די טהירען!

ער שטעלט זיך אויף:

— מענשען — שפּריצט ער מיט אַ כעס — וואָהנען אין גאַסען, וואָס זענען לאַנג ווי דאָס גלות... מעהר טרעפּ ווי

הויז... און איך לייד אויף אסטמא, זאל איך געהן! געה דו! גיב אומגעגאנגען... מיין דאגה?! אז איך האב געהאט, האב איך געגעבען!

עוזר שווייגט, און מענדעל זעצט זיך צוריק.

— און וואו איז דיין טהיי? פרעגט ער אומגעדולדיג.

עוזר קלינגט נאך אמאל און פון דער צווייטער שטוב הערט זיך דעם ווייבס תשובה, אז עס וועט באלד זיין.

מענדעל געניצט ווייטער.

— איך מיין באמת — מאכט ווייטער עוזר — פערלאנגסט דו, איך זאל אין גאנצען געבען! דארפסט דאך האבען „יהדות“!

— חס ושלום — ענטפערט מענדעל — נעם וואו דו ווילסט, נור איך געהן קאן נישט! איך קאן נישט!

— בין איך שולדיג?

— הער, עוזר! איך דארף 500 רובל נדן און א 50 רובל חתונה הוצאות, א ביסל חתונה קליידער, ווי געזאגט, האב איך... מיט דער רעשט וועל איך איהם שוין אנפייפען דעם אלטען תרח... איז בסך־הכל — 550 רובל... פון דעם טאר שוין קיין דרייער נישט פעהלען!

עוזר שאקעלט מיט'ן קאפ; ער איז כמעט מודה: אבער...

— און דערויף — לאזט איהם מענדעל צום ווארט נישט קומען — האב איך דאס!

ער ווארפט ארויס פון בוזעם אויף עוזר'ס שויס א פערפעצט לייווענטען בייטעלע.

— צייל, מאכט ער.

עוזר נעמט זיך צום בייטעל, קראצט ארויס א פעקיל פערקנוילטע באנקאצעטעל און ציילט אויס 164 רובל.

— איך האב פערקויפט — פערטייטשט איהם מענדעל — די שטוב מיינע, האב איך דאס געלד!

עוזר פאקט צוריק דאס געלד אין בייטעל אריין און וויל עס צוריק אוועקגעבן מענדלען.

— ניין — וועהרט זיך מענדעל אב — איך האב געשוואלגנע

פים... געהן וועל איך נישט... דאָס געלד האַלט שוין ביי דיר... איך האָב ביי דיר 550 רובל! און צייט גיב איך דיר. איך וועל דאָ זיין עטליכע טאָג, וועסט האָבען גענוג צייט! אַגב — וועל איך מיר ביי דיר אַביסל אָברוהען און אָנעסען זיך — פעשטעהסט! הכלל — צייט האָסט דו גענוג!... פאַר'ן אַוועק פאָהרען וועסט דו מיר געבען דיינס אַ שלישית אויף 500 רובל, 50 רובל מזומן אויף חתונה הוצאות און אַ פינפער רובל צו פאָהרען קיין גער. — נעמען מענסט דו ביי וועמען דו ווילסט... נישט מיין דאגה!

— נו! ברומט עוזר —

— און אין גער — מאַכט מענדעל — וועל איך שוין בלייבען... וועט זיך מיר גלוסטען, וועל איך אַמאָל אַריינפאַלען צו דיר אויף אַ פּאָר וואָכען.

— נו! ברומט ווייטער ר' עוזר.

— שלאָפען — מאַכט מענדעל — וועל איך טאַקי, אויב איך וועל קוממען, דאָ, אויף דער קאַנאַפּע, אַ וואהלע קאַנאַפּע...

# שְׁמַעְיָה דֶער גִבּוֹר.

נאָך „מעריב", און דאָס חב"ד'ער מנין האָט אויפגעקאָכט ווי אַ קעסיל, ס'טייטש?! דער רב ד״ט געפסקעט לויט'ן חיי אדם, דעם רב-שלחן-ערוך אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד!

— אַ חוצפּה, אַ העזה! — האָט מען געשריגען און געפּאַטשט אין די טישען און אין די ווענד — אַזאַ חלול השם! אַזאַ רציחה! זייט די וועלט שטעהט, איז נאָך אַזאַ אויסטערלישער חלול השם נישט געוועזען.

מען קען נישט שווייגען, מען טאָר נישט שווייגען און מען וועט נישט שווייגען!

— נור — וואָס טהוט מען?

עס פאַלען פערשיעדענע פּלאַנען:

איינער זאָגט: עס איז אַ יושר מען זאָל „דעם חצוף, דעם בטלן" טאַקי ממש „קורע כדג" זיין! און ווען? טאַקי „ביום הכפורים שחל להיות בשבת" — „למען ישמעו וייראו!"

און נישט דעם רב אַליין, נור „דעם רב מיט דער גאַנצער טרפה'נער משפחה"!

עס איז אָבער געשעהן חול המועד סוכות, וואַרטען אויף „יום כפור", בפרט אויף אַ יום כפור שחל להיות בשבת, איז צו ווייט; דעריבער ראָטה אַ צווייטער: מען זאָל איהם חאַטש דער-ווייל „עוקר מן השורש זיין" — דערנאָך וועט מען זעהן!

אַ דריטער וויל, מען זאָל איהם קודם כל לעגען אין חרם אַריין; אונטערוואַרפען „חרם-קוויטלעך" אין אַלע בתי-מדרשים, אין אַלע שטיבלעך, אפילו אין רב'ס מנין אויך, אויף זיין אייגענעם שטענדער זאָל זיין אָנגעקלעבט אַ חרם-קוויטעל, און דוקא מיט גרויסע אותיות, און געבתיב'ט. נישט קשה! חב"ד'ער חסידים פערמאָגען נאָך מענשען, וואָס קענען שרייבען ווי געדרוקט!

איינער שרייט: דעם ספאָדיק זאָל מען איהם אָברייסען פון קאָפּ, „עפרא דארעא" זאָל מען פונ'ם מאַכען!

מען ווייסט נישט וועמען: דעם רב אַליין, צי נאָר דעם ספאָדיק, נור אַלע פיהלען, אַז עס איז געשעהן אַ מעשה רע, אַז דאָ איז „לא תקום ולא תטור" נישט נוהג, אַז עס וועט זיך די וועלט איבערקעהרען!

איינער, אַיין אַלטער מאַן מיט גרייז-גראָהע באָרד און פאות און רוהיג ליכטיגע אויגען, וויל אַיינשטילען דעם צוקאָכטען עולם; עס געהט אָבער נישט. ער פּרובט רעדען, זיין שטימע ווערט אָבער פערטרונקען אינ'ם הייזעריגען אַרומיגען געשריי. ער פערשפּרייט די הענד, ציהט זיי אויס מיט פערשיעדענע צייכען; די פלאַמענדיגע אויגען בעמערקען נישט. ער קלאַפּט אין טיש אַריין, נור דאָס טהוען צעהנדליגער הענד מיט אַמאָל! ענדליך פערלירט ער אויך זיין רוה, שפּרינגט אויף אַ באַנק אַרויף, פון באַנק אויפ'ן טיש, טרעט אָן עמיצען אויף אַ האַנד. עס הערט זיך אַ קוויטש, וואָס שניידט דורך דאָס ווילדע געשריי, ווי אַ שאַרף מעסער. דער עולם דערהערט, קוקט זיך אום און בלייבט ווי פערבליפט, דערזעהענדיג דעם אַלטען יוד אויפ'ן טיש.

און דער אַלטער בענוצט זיך דערמיט און רופט אויס:

— רבותים, איהר זינדיגט! אַ יוד, אַ תלמיד חכם! איהר רעדט „על ה' ועל משיחו — — איך בין אייך מתרה!"

דער עולם צורודערט זיך צוריק, עס הערען זיך געשרייען: שאַ, שאַ! שוויַיג! אַנדערע רופען:

— אָה! דער קאַלטער חסיד! דער קאַלטער יוד! הערט איהם ווי'ן רב!

און אַ הויכער דאַרער יונגער מאַן, אַ בלאַסער מיט טיעפע פלאַמענדיגע אויגען און ציטערדיגע שלייפען, שלעפּט אַראָב דעם אַלטען ביין פאָלע און רופט אויס:

— רבותים, איך געה! איך וועל מיך נוקם זיין! אַ תל וועל איך פונעם מאַכען!

דאָס האָט אַיין אַיינדרוק געמאַכט.

מען האָט גערעכענט זיך אויסצושרייען, אויסצווידלען, טאָקי צו מאַכען „אַ הימעל געשריי", אָבער עס זאָל קומען צו'ן אַ פּאַקט, עס זאָל עפּיס מקוים ווערען?

און ווער? שמעיה, דער קראַנקער שמעיה מיט די טאָנ־צענדיגע אָדערן ביי די שלעפען. מיט'ן קאַלכיגען פנים, מיט די ברווינע ליפען, טיעף אַריינגעפאַלענע אויגען — דער „בעל־בכי" פון ימים נוראים, דער „קאָפּ־אָן־וואַנד" קלאַפּער ביי סליחות? דער שטעלט זיך איין? שמעיה! דער מלמד, וואָס איז אָבהענגיג פון בעלי־בתים, וואָס אין איין טאָג קען מען איהם דאָס חדר צו־שלעפען, לאָזען איהם אָהן אַ ביסען ברויט... דער אָבגעריסענער שמעיה, דער אביון, דער... דער... דער וואָרם?!

דער עולם בלייבט אַ ווײַלע שטיל און וואונדערט זיך, און דער קאַלטער חסיד בענוצט זיך מיט דער שטילער רגע און רופט:

— שמעיה! גאָט איז מיט דיר! דיין סוף וועט נישט גוט זיין!

שמעיה אָבער הערט נישט.

— איך וויל, שרייט ער, — אומקומען על קדוש השם! איך ווייס, בעלי בתים וועלין מיך רודף'ן... נור „עת־לעשות!"

— „עת לעשות!" חזרט ער איבער, און דער עולם זעהט, ווי די אויגען פונקלען ביי איהם ווי די שטערען! עפּיס איז ער אין גאַנצען אַנדערש געוואָרען, אויפגעוואַקסען מיט אַמאָל אַזוי גרויס, עפּיס אַזוי הייליג. גאָר נישט דער אייגענער שמעיה!

— „מן השמים" — טראַכט דער עולם, און מען מינטערט איהם:

— גיה, גיה, שמעיה! זיין ליעבער נאָמען וועט זיין מיט דיר! גיה!

דער אַלטער רופט אַריין מיט אַ האַרטער שטימע:

— זה התרנגול ילך—למיתה!

— רשע מרושע! ענטפערט דער עולם מיט אַ כעס.

— — — — — — — — —

שמעיה לויפט איבער דער גאַס און דעם אַלטענס קול יאָגט

איהם נאָך און קלינגט איהם אין די אויערן: זה התרנגול, זה התרנגול...

— פאַר וואָס? פאַר ווען?—וואונדערט זיך שמעיה. — צי נעמט ער זיך נישט אָן דעם רבונו של עולם'ס קריוודע? צי וואָלט פנחס אהרן הכהן'ס אייניקיל אַנדערש געטהון?

ער לויפט און דאָס האַרץ וואַרפט זיך אין איהם, ווי אַ איבערגעשראָקענער פויגעל אין אַיין איינגער שטייג; דער אָטהעם ברענט, די שלייפען האַקען, די פיס ציטערן, נור אָבשטעלען זיך האָט ער מורא, ער ווייסט, אַז ווען ער זאָל נאָכגעבען דעם יצר הרע און אָבשטעלען זיך אַ רגע, איז ער אויס „פנחס", און ער לויפט אַלץ האַסטיגער און האַסטיגער.

— גאָט זיי דאַנק, דעם רב'ס טהיר!

און די טהיר איז אָפען, ער פאַלט אין שטוב אַריין.

ביי'ן אַ קליין טישל, נישט ווייט פון פענסטער, זיצט דער רב, פערטיעפט אינ'ם „ים של שלמה", אין דער לינקער האַנד האַלט ער אַ חלב'ן ליכטל נאָהענט ביין ספר, מיט דער רעכטער האַלט ער צו דאָס געדרייטע העלזיל פון לאַנגען ציבוך, וואָס שטעהט מיט דער ליטקע אויף דער פאָדלאָגע. דער שטערן איז געקנייטשט, די אויגען לויפען איבערן ספר געשווינד, און אַז זיי קומען צום ברעג פון דף, לאָזט די רעכטע האַנד אָב דען ציבוך און שאַרט אַוועק די גראָהע באָרד פון ברעג.

ער דערהערט טריט, הויבט אויף די שטילע גראָהע אויגען, דער שטערן גלייכט זיך אויס, דער קאָפּ הויבט זיך אונטער.

— שמעיה, דו ביסט עס? פרעגט ער געלאַסען.

און אַז ער דערזעהט, ווי שמעיה'ס אויגען ברענען, די ווייסע ליפען ציטערן און די הענד וואַרפען זיך פרעגט ער אונרוהיג:

— וואָס איז מיט דיר, שמעיה?

— מיר — גאָר נישט — ענטפערט שמעיה קאָכענדיג מיט שוים אין מויל, אייך — דיר זאָל נור עפּיס נישט זיין! איך בין דיך געקומען עוקר מן השרש זיין — פושע באלקי ישראל!

דער רב שטעלט זיך אויף:

— משוגע, מטורף!

נאָר שמעיה שפּרינגט אונטער, רייסט דעם רב דעם ספּאָדיק פון קאָפּ און לויפט מיט'ן אַרוים!

דער רב פערריכט זיך געשווינד די יאַרמולקע און ווישט זיך איבער דעם שטערן, צי איז עס נישט אַ חלום געוועזען?

ער רוקט זיך צו צום פענסטער און זעהט: שמעיה לויפט און רייסט דעם ספּאָדיק!

— שמעיה! שרייט איהם נאָך דער רב פון פענסטער — אויב דו ביסט ניט משוגע, הער, איך בין דיר מוחל, הלואי מען זאָל דיר דאָרט מוחל זיין!

---

„נישט=טויט, נישט — לעבענדיג קומט שמעיה צוריק אין שטיבעל אַריין.

עפּים בייסט איהם אין האַרץ, עפּים קלינגט איהם אין די אויערן, אַ קאַלטע שרעק צושפּרייט זיך איהם אין די אָדערן, נאָר ער בעטויבט אַלץ מיט אַ הויכען געשריי, מיט אַ געשריי פון אַ שכור'ן נצחון:

— אַזוי רבותים, מן השמים האָט מען מיר געהאָלפען! זעהט, איהר ווייסט... אַ נייער ספּאָדיק, שמעון היטעל=מאַכער... געמאַכט ערשט יענע וואָך... יאָ? און צוריסען, אויף פיץ=פּיצלעך צוריסען, מיט מ י י נ ע הענד, איך אַליין!

און ער שטרעקט אוים די דאַרע, וואַקס געלע הענד...

— מן השמים, מן השמים... קיין פאָדעם נישט געבליבען.

דער עולם שווייגט האַלב דערשראָקען און דער אַלטער רופט:

— חייב מיתה ביסט דו שמעיה, ווערסט נישט „מוציא שנתו" זיין...

ווי להכעים דעם אַלטען צורודערט זיך אַ ביסל דער עולם,

דער און יענער הויבט די אויגען אויף פון דער פּאָדלאָגע און שטאַמעלט:

— אַ וואהלער יונג, שמעיה —

— אַ גבור, שמעיה! חאַפּט אונטער דער צווייטער.

אַ דריטער וויל בעסער שיקען נאָך אַ ביסל יי"ש... עס איז עפּיס „אָבגעפּאַלען", אָבגעקיהלט געוואָרען, מען דאַרף צוריק אויפהויבען, אויפלעבען!...

דער שמש נעהמט אַרויס אַ פלאַש פון בוזעם; אַ חברה־מאַן — קעלישקעס פון אַ קעסטיל.

מען פרעגט אַפילו נישט ווי תמיד: ווער צאָהלט?

מען פיהלט, אַז מען מוז נעהמען אַ קאָפּ, חאַטש שמעיה'ן צוליעב, ווי ער ציטערט.

— לחיים! לחיים! ווער טרינקט?

אַלע טרינקען, אויסער דער אַלטער.

— ערגער ווי יין נסך, זאָגט ער שטרענג. דער עולם מאַכט זיך נישט הערענדיג, רינגעלט אַרום שמעיה'ן:

— לחיים! לחיים!

— אַ ברכה לבטלה! מאַכט דער אַלטער...

— זקן־אַשמדאַי! אַלטער תרח!.. ווערט דער עולם אין כעס.

דער אַלטער פערטייטשט:

— אַ מורד במלכות, מאַן מלכא? רבנן!

— ער האָט מיר מוחל געווען, פון פענסטער געשריגען! דערמאַהנט זיך שמעיה און שרייט.

— תלמיד חכם שמחל על כבודו אין כבודו מחול, זאָגט דער אַלטער קאַלט און הארט ווי געפּרוירען שטאָהל.

שמעיה האָט אַ ציטער געטהון, די שוואַרצע־אַפּעל פון די אויגען זענען איהם ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען און ער האָט געקוקט פאַר זיך מיט צוויי ווייסע לענגליכע פלעקען.

אַהיים געהענדיג וואַקעלט זיך שמעיה ווי אַ שאָטען; קוים ער שלעפּט נאָך די פיס.

— עט, שטאַרקט ער זיך, איין אַלטער נאַר רעדט... אויסגעוועבט... שוין אָהן אַ פונק... ד'הער איהם ווי אַ רב...

— און יענער האָט מיר מוחל געווען...

— און גלוי וידוע לפניך (ער הויבט די אויגען אויף צום הימעל) אַז נישט מיין כבוד — —

דער געדאַנק האַקט זיך איבער. ער האָט בעמערקט די לבנה. און עס דאַכט זיך איהם, אַז זי קוקט אויף איהם בייז. יהושע בן נון קוקט אויף איהם מיט כעס, מיט איין אויג!

ער דערשרעקט זיך, רוקט זיך צו צו אַ וואַנד, שפּאַרט זיך אָן און קוקט דערשראָקען אויף דער לבנה.

עס שווימט אָן אַ לייכט ווייסליך שטיקל וואָלקען און פערשטעלט די לבנה.

ער עטעמט אָב.

— עס האָט זיך מיר געדאַכט! —

— און, — טרייסט ער זיך ווייטער — מען זאָל אפילו דאָרט אויף מיר פּעראיבעל האָבען, וועט ער, זכרונו לברכה, נישט דערלאָזען צו עפּיס שלעכטס... זיין כבוד!

ער וואַקעלט זיך ווייטער, אָנהאַלטענדיג זיך אָן דער וואַנד פון יעדען הויז.

דער קאָפּ איז איהם שווער, זעהר שווער און ער וואונדערט זיך, אַז פון אַזאַ ביסל בראָנפען, זאָל איהם שווער ווערען דער קאָפּ.

צי איז מיר נישט עפּיס?

ער איז שוין פאַר זיין שטוב.

עס פאַלט איהם איין, נישט מיט אַ מאָל אַריינצוגעהן.

ביילע. טראַכט ער, וועט זיך פאַר מיר דערשרעקען. ער פיהלט אַז ער מוז שרעקליך אויסזעהן.

ער מיידט די טהיר און געהט צו דער באַנק פון אונטערן פענסטער.

ער זעצט זיך און שפּרינגט באַלד אויף.

עס פאַלט איהם איין, אַז ער מוז אַריינקוקען דורכ'ן פענ-

סטער אין שטיב, צי איז נישט דאָרט חס ושלום, עפּיס גע־שעהן!

די קינדער, זעהט ער, שלאָפען שוין אין די בעטען, ביילע שטעהט אָנגעשפּאַרט ביים קוימען, זי איז אײַנגעדרימעלט שטעהענדיג ביי׳ם קוימען, מיט׳ן שטיקל קיהן, וואָס זי האָט גע־זאָלט אונטערלעגען, די וויעצערע זאָל נישט קאַלט ווערען, אין דער האַנד, דאָס פייער איז דערווייל אויסגעגאַנגען.

און די ווייסע ליפּען זיינע ציטערן: געלויבט השם יתברך, געלויבט זיין ליעבער נאָמען!

ער קען זיך דאָך נישט אַוועקרייסען פון פענסטער.

---

דאָס פייער פון קוימען איז פערלאָשען.

דאָס לעמפּיל אויפ׳ן טיש האַלט אין אויסגעהן.

עפּיס וואונדערליכע שאָטען דרעהען זיך אַרום אין שטוב.

דאָס פּנים פערקרימט זיך איהם פאַר שרעק און קאַלטע טראָפּען שוויים רינען און רינען פון שטערן.

ער דערקענט זיי די שאָטען.

דער פאָטער עליו השלום, און דער פעטער דוד, און יונתן דער צווייטער פעטער. און חיים שמואל — פון ווייבס צד... דער הינקט אונטער, ווי ביים לעבען...

זיי געהען אויף און אָב, זייער קול הערט ער נישט, נור זיי קוקען אויף זיך און אָן די תנועות, אָן די הענד זעהט ער, אַז זיי רעדען צווישען זיך, דער עיקר דער פעטער דוד, שטענדיג איין עקשן געוועזען; ער שטרעקט פלאַך אויס די האַנד, ער זאָגט אַודאַי: דאָ זאָל מיר האָר וואַקסען!

זיי געהען פאַרביי פאַר ביילען און שאָקלען טרויעריג מיט די קעפּ. אַ רחמנות—הייסט עס—אויף ביילען, וואָס איז זי, נעביך, שולדיג? דערנאָך געהען זיי צוריק און פערהאַלטען זיך ביי די בעטען, קוקען לאַנג אויך מיט רחמנות אויף די קינדער...

און עס הויבט אָן עפּיס שטיל צו רוישען אין אויער. ער האָט אויפגעכאַפּט עפּיס ווי: יתומים, אָרעמע יתומים. ער לאָזט אַרויס אַ ווילד געשריי.

---

ביילע איז אַרויסגעלאָפען און אַריינגעפיהרט שמעיה׳ן אין שטוב אַריין.

— וואָס איז מיט דיר! וואָס האָסט דו געשריען?...

— ביסט שטעהענדיג געשלאָפען, האָב איך דיך געוועקט! שטאַמעלט שמעיה אוים אַ תירוץ.

ביילע קוקט אויף איהם און קען דעם תירוץ נישט גלויבען

— האָסט זיך עפּיס דערשראָקען?

— ווי. ווער?...

— זעה נור ווי דו זעהסט אויס?

— ווי זעה איך אויס? ווי אַ יוד זעה איך אויס.

ביילע זיפצט און פעררוכט דערוויל דאָס לעמפּיל.

— נעם אַ ביסל בראָנפען, נעם, איך וועל דערוויל פייער מאַכען, אייז־קאַלט זענען די קאַרטאָפעל.

— איך וועל נישט עסען...

— ביזט שוין גענוג — ווענדט זיך ביילע אָב פון קוימען.

— איך האָב, דאַכט זיך, אַ ביסל היץ.

ביילע לויפט צו און לעגט איהם די האַנד צום קאָפּ.

— ביזט קאַלט ווי אייז! נור דו ציטערסט אין גאַנצען האָסט זיך פערקיהלט?

— אפשר.

— לעג דיך אין בעט אַריין... אַליין... כ׳וועל נעמען אַלע קינדער צו מיר.

— לעג דיך, בעט זי־זיך, איך וועל דיר מאַכען טהיי!

— ניין, שטאַרקט זיך פּלוצים שמעיה, שלוחי מצוה אינן נזוקין! איך הער זיי ווי די קאַץ, זאָל ער זיך מחילה מאַכען אַ נייעם ספּאָדיק!

און ער פאַלט אין נצחון.

— און דעם נייעם ספּאָדיק וועל איך אויך צוררייסען!

ער רעדט וואָס אַמאָל העכער, ער האָט די קינדער אויפגעוועקט.

— טאַטע, טאַטע! ווערט אַ גערופּעריי, מיר האָבען געוואַרט.

— שאַט קינדער! איך האָב היינט אַ גרויסע, גרויסע מצוה געטהון, אַ גרויסע מצוה, מקדש השם געוועזען! פון רב׳ס ספּאָדיק אַש געמאַכט...

— איהר פערשטייט? פון חיי אָדם האָט ער געפסקעט! דער רב־שלחן־ערוך, זאָגט ער, איז גאָר נישט! עפרא לפומיה. איהר הערט! עולם הבא זיכער! הערסט, ביילע, אָבער זיכער!!!

ביילע ענדערט זיך אויפ׳ן פנים פאַר שרעק, עס רייסט זיך איהר אַ געוויין פון טיעפסטען האַרץ צום האַלז צו, זי האַלט זיך איין, זי זאָל שמעיה און די קינדער נישט איבערשרעקען.

זי שטאַמעלט:

— צו עולם הבא, שמעיה, איז נאָך ווייט...

— אָבער הערט ווי אַזוי עס איז געוועזען.

און שמעיה דערצעהלט באַריכות די שאלה, וואָס מען האָט געפרעגט דעם רב, וואָס דער רב־שלחן־ערוך זאָגט, וואָס דער חיי אָדם זאָגט, און וואָס דער רב האָט געזאָגט, און וואָס פאַר אַוכוח עס איז געוועזען אין שטיבל, און ווי דער עולם האָט געשריען, און ווי ער איז געלאָפען צום רב, וואָס ער האָט געטהון, און ווי ער איז צוריקגעקומען, ווי מען האָט איהם געוואונשען, לחיים געטרונקען.

די קינדער שווייגען און ביילע פרעגט;

— און וואָס האָט דער אַלטער ברוך געזאָגט?

— דער אַלטער תרח, — שפּרינגט שמעיה אונטער ווי איין אָבגעבריהטער — ימח שמו דער אַלטער תרח... געשאָלטען האָט ער מיך ד׳וועל דאָס יאָהר נישט אויסלעבען — דער אַלטער כלב.

ביילע איז ווי געפאַלען אונטער זיך אויף אַ באַנק און האָט זיך שטיל און ביטער צוויינט.

שמעיה געהט ברוגז צום פענסטער.

מילא זי, אַ יודענע... אָבער די קינדער! דער עלטסטער פון 5 יאָהר, 5 יאָהר און פערשטעהט נאָך נישט! אַ שיינעם קדיש וועט ער איבערלאָזען.

די קינדער זענען צוריק איינגעשלאָפען; ביילע ווישט זיך אוים די אויגען און געהט צו צום קוימען, זי בלאָזט אויף אַ ביסל פייער, גיסט אָן אַ טעפיל וואַסער און שטעלט צו אויף טהיי.

אָנגעשפאַרט מיט איין האַנד אויפ'ן עק קוימען, קאָן זי די אויגען נישט אָפּרייסען פון שמעיה'ס אַקסעל.

ער שטעהט מיט'ן שטערן אָנגעשפאַרט אָן דער שויב און ציטערט, און די פלייצע וואַרפט און וואַרפט זיך...

— שמעיה, רופט זי זיך אָן, ד'וועל געהן נאָכ'ן פעלד־שער...

ער דרעהט זיך צו איהר איבער.

— נאָך וואָס? זעה בעסער די לבנה זאָל נישט אַזוי קוקען... וואָס האָט דיר דער פעטער דוד געזאָגט... ער האָט געטייט אויף דיר מיט'ן גראָבען פינגער...

---

שמעיה איז שוין צו זיך נישט געקומען.

# דער נייער נגון.

מען האָט געגעבען אַ בלאָז, דער עולם האָט אָנגעהויבען רעש'ן: „לשנה הבאה בירושלים"! ווייסע חברה האָט זיך שוין צוגעחאַפּט צו'ם וואַקס פונ'ם שלחן, ביים עמוד אין שוין געשטאַנען אַ וואָכענדיגער חזן, מען האָט געדאַווענט שוין דעם וואָכעדיגען מעריב מיט'ן וואָכעדיגען ניגון.

פּיל פון בויגען האָט זיך געדאַווענט, פּיל פון בויגען אָבגעלעגט קיטעל און טלית און אָנגעהויבען אָנטהון די שטיוועל — ווער האָט צייט?

קיינער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו בעמערקען דעם בלאַסען יונגענמאַן, וואָס האָט געדרעהט זיך אַרום עולם און נאָכגעשלעפּט אַ שוואַך און נאָך אַ בלאַסער קינד. דאָס דריטע מאָל געהט ער שוין אַרום די שטעדט; קיינער זעהט איהם נישט. דער ליעגט אונטער אַ באַנק און זוכט אַ שטיוועל, יענער איז פערנומען, מען האָט איהם אַ קאַלאָש פערטווישט, אַ היטעל פערשמירט מיט חלב און — אַלע זענען הונגעריג...

אומזיסט קוקט ער יעדען אין פּנים, ער קאָן קיינעמ'ס בליק ניט חאַפּען.

— טאַטע קום שוין אַהיים! בעט זיך דאָס קינד.

— נאָך איינמאָל וועלען מיר אַרומגעהן, האָט ער געענטפערט, איך וויל נאָך דורכגעהן פאַר'ן פעטער...

דערווייל אָבער האָט זיך דער עולם אַ ריהר געטהון. דער לעצטער קדיש, דער לעצטער „אמן"!

דער עולם יאָגט און שלעפּט מיט דעם יונגענמאַן מיט'ן קינד.

אויפ'ן שוהל-הויף שטעלען זיך די מענער מקדש זיין די לבנה. די ווייבער ציהען זיך אין ביידע זייטען פון שוהל-גאַס, ווי צוויי ווייסע שניר.

אהיים געהענדיג, האָט מען צייט אויסצורעכענען, וויפיעל ווייבער עס האָבען גע'חלש'ט, וויפיעל שיר־נישט גע'חלש'ט; צו רעדען אַ ביסעל מכח דעם חזן, וואָס איז היינט געוועזען הייזריג מעהר ווי אַלע יאָהר.

ביי יעדען הויז געזעגנען זיך צוויי דריי און פערשווינ־דען... בשעת ווען אויפ'ן שוהל־הויף שטעהט נאָך דער גרויסער עולם און טאַנצט געגען דער לבנה. צווישען עולם דרעהט זיך ווייטער אַרום דער בלאַסער יונגערמאַן מיט'ן בלאַסען קינד. דער עולם הויבט אָן ווערען קלענער און זיין פנים — פינסטערער; אָבגעזאָגט, דער ל'עצטער פערשווינדט ערגיץ אין אַ עק. דער יונגער־מאַן שטעהט נאָך:

— קיינער... נו מילא, מוז מען זיך בעגעהן... איך וועל נישט בעטלען אויפ'ן נייעם יאָהר; באַלד מוצאי יום־כפור... האָבען זיינע ליפען געציטערט.

דאָס קינד האָט געמיינט, אַז ער איז מקדש די לבנה.

— געננג שוין, טאַטע! האָט ער איהם געשלעפּט ביי דער פּאָלע, קום שוין אַהיים! — זיין קול איז געוועזען אָנגעזאַפּט מיט טרערען.

— נאַריש קינד, וואָס יאָגסט דו דיך אַהיים?

— עסען! איך בין הונגעריג.

— פשיטא! אַודאי ביזט דו הונגעריג... שוטה איינער! מאי קא משמע לן? וואָס דערצעהלסט דו מיר, אַז דו ביזט הונגעריג... אַ נישט, וואָס וואָלט איך געמיינט, אַז דו פאַסט אָב אַ יום־כפור און ביזט נישט הונגעריג?

— קום שוין אַהיים, האָט זיך ווייטער געבעטען דאָס קינד.

— הער, דוד'ל, אין דערהיים איז אויך נישט דאָ וואָס צו עסען...

— חאָטש אַ שטיקעל ברויט!

— קיין ברעקיל ברויט!

דאָס קינד איז געבליבען שטעהן דערשראָקען.

— דוד'ל, מאַכט צו איהם דער פאָטער, דו ווייסט וואָס היינט איז געוועזען?

דאָס קינד שווייגט און חליפעט שטיל.

— היינט, דוד'ל, איז געווען יום־כפור... יום הקדוש,

— יאָ, האָט קוים דאָס קינד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— נו, זאָג דוד'ל, וואָס האָבען מיר געטהון?

— געדאַווענט, וויינט דאָס קינד.

— גוט! און השם יתברך וואָס האָט געטהון?

— מוחל געוועזען, האָט קוים דאָס קינד אַרויסגעחליפעט.

— ווייסט דו וואָס, דוד'ל, אַז גאָט, ברוך הוא, האָט מוחל געוועזען אונזערע זינד, דאַרפען מיר, דאַכט זיך, זיין פרעהליך! וואָס?

דאָס קינד ענטווערט נישט.

— דו געדענקסט, דוד'ל, פאַר אַ יאָהרען, ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט, האָבען מיר געזונגען, נאָך דער וועטשערע אַ נייעם נגון, געדענקסט דעם נגון?

— ניין!

— איך וועל דיך דערמאָהנען, נור העלף מיר אונטער!

און דער יונגער־מאַן האָט אָנגעהויבען זינגען מיט אַ הייזעריג שוואַכע שטימע אַ נגון; נישט קיין סיני, נישט קיין וואָלעך, נור עפּיס אַ גריילליבען נגון, וואָס האָט געשניטען אין האַרץ.

דאָס קינד האָט וויינענדיג צוגעהאָלפען.

# אַז מֶען זָאָגְט: מְשׁוּגָע, גְלוֹיבּ!

איהר פרעגט אויף משה יוסעלעס? וועגען אַ שדוך פרעגט איהר? אַדרבה! וועמען דען זאָלט איהר פרעגען, אַז נישט מיך? מיין חבר געוועזען, ווי דען! איך האָב אפילו זעהר גוט זיין פאָטער, דעם דַיָן, געקאָנט; לסוף ימיו ביי אונז דַיָן געוועזען. אַודאי ער זאָל מיר עס מוחל זיין, אַ מתנגד געוועזן, נאָר אַנ'אַייזערנער מוח! אַזוינער מ ע ג זיין אַ מתנגד, אַז אַ מענש איז אַליין ביים צ אַ פּ ע ן!

אוים קבלה האָט ער אפילו חוזק געמאַכט. נאָר איך גלויב איהם זעהר! אַ פערציישיגער יוד, האָט ער אונז, יונגע לייט! געוואָלט אָבּסטראַשען!

צו קיין גוטען יוד איז ער טאַקי נישט געפאָהרען, נאָר ער איז אַליין געווען אַ גוטער יוד.

זיין זיצען און לערנען! מיט אַ נאָס האַנדטוך אַרומגעוויקעלט דעם קאָפּ (אַ נישט, זאָגט ער, וועט איהם דער מוח פלאַטצען), מיט איין פוס אונטער זיך... און פון אונטער די לאַנגע, בּייזע ברעמען, האָט זיך טאַקי ממש פייער געשיט! וואָס קלערט איהר, אויב משה ר' יוסעלעס איז אַ מיוחס? אַיינגעטונקט אין יחוס! נאָר גלאַט, ער אַליין איז קיין לייט נישט! עס טהוט מיר דאָס האַרץ וועה, נאָר וואָס אמת איז אמת — אַ פלוט איז ער, אין מוח פעהלט עפּים!

יונגעלוויז אויך אַנ'אַייזערנער מיח געוועזען; זונטאָג האָט ער שוין געקאָנט דעם שעור אויסוועניג! באַלד זונטאָג!

נאָר משוגע! זיינע תנועות, זיינע הויות. און איך אַזוינע לאַנגע ברעמען, און ברענענדיגע אויגען, ווי דער פאָטער, עליו השלום. נאָר דער פאָטער איז געוועזען מיושב און ער — משוגע. אַ יונג מאַכט זיך אַ מאָדע צו קוקען אין הימעל אַריין! עס געהט, למשל, דורך — אַ וואָלקען, זעהט ער אינ'עם אַ געשטאָרבענעם

פעטער, אַ כהן גדול, אַ צאַפּ... וואָס איהר ווילט נאָר אַליין, זעהט ער אין די חמאַרע! איז דער הימעל לויטער, זאָגט ער, אַז עס איז אַ ראש־השנה׳דיג פּרוכת!

ווינטער פלעגט ער אָבליעגען גאַנצע טעג אין פענסטער און אַרויסקוקען אויפ׳ן שניי. ברילּיאַנטען, זאָגט ער, זעהט ער אין שניי! ווי, עס איז דען נאָכצודערצעהלען? איך וועל אייך לאַנג נישט ברייען, נאָר די מעשה איז אַזוי געווען:

מיר האָבען בּיידע אין איין וואָך חתונה געהאַט; איך בּין געפאָהרען צום שווער קעסט עסען, און ער האָט זיך געזוכט אַ מעמד.

ביים שווער, ווי דער שטייגער איז, האָב איך גאָר אָן משה׳לען פערגעסען; אין שטעדטעל דאָרט איז געווען אַ מחלוקת, האָב איך מיך שטאַרק אַריינגעלאָזט...

דערנאָך האָב איך מיינע צרות געהאַט! אַ קינד איז מיר, לא עליכם, געשטאָרבען, און מיט איהר האָב איך אויך נישט גוט געלעבט; אַהין — אַהער, מיר האָבען זיך געג׳גט, און מען הויבט מיר אָן צו רעדען שדוכים פון דער היים!

איך לאָז איבער דאָרט די קינדער; זי וויל נישט, האָב׳מיר אַ דין תורה; דער רב פּסק׳ט, זי זאָל זיי האַלטען ביז צו דריי יאָהר; קום איך אַ היים, געה אין בית המדרש אַריין און טרעף משה׳לען:

„וואָס מאַכסט דו גוטס?"

— אַזוי... ענטפערט ער.

„האָסט שוין עפּיס קליינוואַרג?"

— ניין, מאַכט ער.

„פאַר וואָס?"

— איך וויים, פאַר וואָס?

„און וואָס טהוסט דו דערצו?"

— גאָר נישט!

איהר הערט אַ תשובה!

„פאָהרסט ערגיץ?"

— מיין טאַטע איז אויך נישט געפאָהרען.

איהר הערט אַנ׳עסק! אַז דער טאַטע איז נישט געפאָהרען, פאָהרט ער אויך נישט! ווי הייסט? „איך האָב, זאָגט ער, אַ צנאָה!". איך גלויב נישט מיינע אייגענע אויערן! אַז עס געהט וועגען קינדער, פאָהרען קריסטען צום רבי׳ן!

ביי מיינעם, זאָל לעבען, האָב איך געזעהן איבער דער צייט, איך זאָל קיין גוזמא נישט זאָגען, איבער צוואַנציג געגאָלטע בערד... איינער האָט דעם רבין אַנידערגעלעגט 50 זילבערנע טהאָלער! עס האָט איהם אפילו געהאָלפען ווי אַ טויטען באַנקעס! וואָרום טאַקי, העלף אַזוינעם, וואָס איז אַיינגעטונקט אין עבודה־זרה; נאָר — ער האָט זיינס געטהון! און דער — גאָר נישט! מען זאָגט, עס פאָהרט נישט אַ גראָבער יונג, אַ טרעגער, אַ שוסטער — אָבער ער, משה׳לע?! וואָס איז, ער ווייסט נישט, אַז גאָט, ברוך הוא, איז אַ מאָל אַמישנע גוזר, דער צדיק זאָל האָבען וואָס מבטל צו זיין? וואָרום אַז נישט, טאַקי, וואָס פאַר אַ וועלט וואָלט זיך געפיהרט? אַלץ על פי דין... שטענדיג גלייך ווי אַ וויערע? נאָר, געה, טענה מיט׳ן! —

דערווייל האָט זיך מיר דער קאָפּ פערדרעהט; איך בין געשטאַנען אין אַ סך שרוכים אויפ׳ן אָרט, און געמאַכט האָט זיך, אַז איך האָב חתונה געהאַט פון דער פרעמד...

וואָס קלעהרט איהר? מען האָט מיך אָבגענאַרט, אַז עס איז מיר אַ חרפה און אַ בושה געוועזען אויסצוזאָגען; אַהין און אַהער, איך קום צו פאָהרען — מיין משה׳לע איז שוין אַנ׳אַלמן צום מזל, און דאָ הויבט זיך אָן אַ נייער שגעון! ער לאָזט זיך קיין שדוך נישט רעדען...

על פי דין מעג מען רעדען אַ שדוך אין דער שבעה, וויל ער טהון לפנים משורת הדין! דערנאָך וויל ער איבערוואַרטען שלשים; דערנאָך איז איהם די ספירה נישט מזל׳דיג; דערנאָך פאַלט איהם איין צו וואַרטען אַ גאַנץ יאָהר! און נאָך דעם אַלעם, אַז איך האָב שוין קיים דערלעבט און דאָס יאָהר איז אַריבער, זאָגט ער ערשט, אַז ער איילט זיך נישט! אַנ׳אַנדערער, זעהסט,

אַז דו קענסט זיך בעגעהן אָהן אַ ווייב, מהיכא תיתי, האָב חתונה, נעהם אַ פּאָר גילדען נדן און פאָהר ערגיץ אַוועק און ווער אַ פּרוש!

ניין, דאָס וויל ער נישט, דאָס דאַרף ער נישט — ער האָט גלאַט צייט! ער וויל זיך פּשוט מישב זיין!

וואָס קלעהרט איהר, ער האָט אָבגעלעבט אַ פּאָר יאָהר טאַקי, נישט פאַר אייך געדאַכט, ווי אַ כלב אין דרויסען! וואָרום טאַקי באמת, וואָס איז ווערטה אַ מענש אָהן אַ שטיקעל יודענע? אָהן אַ ביסעל וואַרעמס, אָהן אַ געקאָכטע קאַרטאָפעל? מיט הערינג האָט ער זיך געשפּייזט; געזעסען און געקנעלט און געגעסען הערינג! אַ שעהן לעבען?

אָט, קוקט מ י ך אָן, וואָס פאַר אַ פּנים א י ך האב! און ווי לאַנג איז, אַז מיין דריט ווייב איז נפטר געוואָרען? אפשר אַ האַלב יאָהר!

נו? תהו ובהו אין אַלע ווינקעלעך: אָהן אַ העמד אויף שבת, די מחיה אין שענק איז אין דער ערד! קיין גאַנצע פּאָר פלודערן נישט! און ער זיצט און קנעלט, און גאָר נישט!

איהר קאָנט פערשטעהן אַ לעבען? אין דער פריה אַ ציבעלע מיט ברויט, מיטאָג אַ ש־־קעל הערינג, ביי נאַכט די רעשט פ־נם הערינג, וואַשען — וואַשט מען זיך מיט אַ קוואָרט ביי'ם פּלומפּ אויפ'ן הויף, מען ווישט זיך אָב אָן די פּאָלעס, און מען קייעט הערינג מיט ברויט! וואָס קלערט איהר, אַ שעהן פּנים האָט ער געהאַט, צו גרונד איז ער געגאַנגען! קיין אויגען האָט מען נישט געזעהן, נאָר צוויי שוואַרצע לעכער אין קאָפּ! איינגעבויגען — כפול שמונה, און אַ הולך, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין!

ער האָט זיך אַרומגעדרעהט ווי אַ שאָטען, ווי אַ מת, רחמנא ליצלן, און האָט דעם גאַנצען קאָפּ פערלוירען; איינמאָל, שבת, לויפט ער אין בית המדרש אַריין מיט טלית און תפילין אונטערן אָרם! אַ מענש געהט דורך דער גאַס, זעהט שטריימלעך,

אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, פערמאַכטע געוועלבער און גאָר נישט, ער לויפט מיט טלית ותפילין!

— משה׳לע! שרייט מען איהם נאָך — ער הערט נישט! און דאָ איז שבת, מען טאָר קיין גרויסע שפּרייז נישט מאַכען, און גלאַט — מען צולעגט זיך פּאַר געלעכטער! אַ מערכה, וואס אַ שניידער־יונג האָט איהם נאָכגעוואָרפען אַ שטיין, געטראָפען אין פּלייצע אַריין און ער איז אומגעפאַלען...

און אַ וואונדערליכע זאַך: כל זמן ער לערנט, לערנט ער, איז ער כאחד האדם, נישט צו דערקענען; ער דערהיצט זיך, רעדט, חזרט איבער — און דערביי איז ער פּאָרט משוגע. מען האָט דערזעהן, אַז ער איז אַזוי פערטיעפט אין לערנען, אַז ער פערגעסט אַ מאָל אַ קינד אַ קלאַפּ צו געבען; דעם קאַנטשיג האָט ער שוין לאַנג ערגיץ פערוואָרפען! און, וואָס קלערט איהר, די קינדער האָבען אַ גן עדן אין חדר!

מען וואָלט איהם צוגענומען דאָס מעמד, לערנט ער אָבער אַזוי וואהל, אַז די קינדער קענען אָהן אַ קניפּ, אָהן אַ ריהר; אַזאַ כח האָט ער שוין געהאַט. פאַר דאָס, קיים פערמאַכט ער די גמרא, ווערט ער אוים מענש, נישט צו גאָט, נישט צו לייט. ער פערגעסט צו עסען, צו שלאָפען, צו דאַוונען אפילו; אַ מערכה, וואָס ער האָט אַ מזל געהאַט צו די קינדער, דאָס לעבען האָבען זיי איהם ליעב געהאַט, זיי האָבען זיך פאַר׳ן מקריב גע־וועזען! אַלץ דערמאַהנט און דערלאַנגט.

„רבי, וואַשט אייך״ — זאָגט איהם אַ תלמיד, וואַשט ער זיך. „רבי, עסט!״ דאָס נישט: „עסען — זאָגט ער — וועט ער נישט; ער וויל וואַרטען, ער האָט פיינד אַליין צו עסען!״ טאָמער ווייסט איהר אויף וועמען ער וויל וואַרטען? ער וואַרט און זיצט אַזוי מיט׳ן עק פון הערינג אין דער האַנד און שאָקעלט זיך און קוקט אין דער טהיר אַריין, גלייך אליהו הנביא דאַרף אַריינקומען.

פּלוצלונג דערמאַהנט ער זיך, אַ פּנים, אַז אליהו הנביא קומט נאָר צום סדר, הויבט ער אָן צו עסען און צו וויינען

צוזאַמען. „וואָס וויינט איהר, רבי?“ פרעגען איהם די דערשראָקענע קינדער — ענטפערט ער נישט. דרעהט זיך איבער צו דער וואַנד, און די קינדער הערען, אַז ער וויינט! טהייל מאָל געהט ער צו צו דער קליידער־שאַנק, וואָס איז איהם פון ווירטהשאַפט געבליבען, עפענט זי אויף, שטעלט זיך אַנידער און קוקט, און קוקט, גלייך ער וואָלט דאָ דער גרויסער גביר געוועזען, און שטעהט און קלערט, וואָס פאַר אַ קאַפּאָטע ער זאָל אָנטהון, אַן אַטלאַסענע אָדער אַ זיידענע; מיט־אָדער אָהן־סטראָקעס! און דאָ, שווער איך אייך בנאמנות, איז אין שאַנק, אויסער איהרע עטליכע שמאַטעס, וואָס קיינער האָט צומאָל נישט געוואָלט אָבקויפען, קיין לעק נישט געוועזען!

אין שטעדטעל, באמת, האָט יעדערער זיינס אין זינן, יעדערער האָט מיט זיך צו טהון. איך האָב יאָ אויפ׳ן רחמנות געהאַט, בין איך פונקט דעמאָלט צום ערשטען מאָל אַנ׳אַלמן געוואָרען!

איך האָב אייך שוין דערמאַהנט, אַז מיט׳ן צווייטען ווייב האָב איך מיך גאָר אָבגענאַרט, אָבער גאָר אין גאַנצען! זי האָט, לא עליכם, געקרענקט און געקרענקט ביז זי איז, נישט פאַר אייך געדאַכט, געשטאָרבען, און איך האָב ווייטער געמוזט זיך אַרומקוקען ווענען אַ שדוך אין חתונה האָבען. וואָרום, באמת! האָב איך שוין געהאַט ווי מען זאָגט „מיינע, איהרע און אונזערע“ קינדער. און וואָס קען אַ מאַנספערשוין טהון מיט קינדער. אדרבא, וואָס? זייגען ווער איך זיי? איינשלעפען? וואַשען און קאָרמען? עס איז מיר אַוודאי ביטער געוועזען ווי די גאַל, און האָב צו משה׳לען קיין צייט נישט געהאַט! גאָר קיין שלימזל. ברוך השם, בין איך נישט, איך האָב געזעהן ווי צו טהון און האָב חתונה געהאַט צום דריטען מאָל, טאַקי מיט דעם דריטען ווייב, וואָס איז, לא עליכם, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום יוד געדאַכט, ערשט נישט לאַנג געשטאָרבען. זי איז אפילו אַ בריה אַ יודענע געוועזען, צו דער שענק ווי געוואוינשען, און דוקא נישט געקינדעלט!

וואָס טהוט גאָט? פערקיהלט זי זיך — אין מיטען זומער, אין חדש תמוז! — אין מקוה... קריגט אַ לונגען-אָנצינדונג, קאָסט אָב אַ מטמון מיט גאָלד, און שטאַרבט אַוועק! הכלל, וואו האַלט איך? יאָ, מיט'ן דריטען ווייב האָב איך דעמאָלט חתונה געהאַט און קיים האָט זי איבערגענומען די שענק, און איך האָב געזעהן, אַז איך האָב מיך אויף וועמען צו פערלאָזען, האָב איך מיך באַלד גענומען משה'לען פערזאָרגען!

„דו מוסט חתונה האָבען" — זאָג איך — „דיין טויט וועט זיין אין חתונה האָבען מוסט דו!"

ער הערט מיך ווי'ן רב! אַזוי, טראַכט איך, וואַרט! איך האָב אָבגעשטעלט מיט די בעלי בתים, מען האָט איהם מכלומר'שט דאָס חדר צונומען! איינמאָל פאַר אַלע מאָל — אַ מלמד מוז האָבען אַ ווייב! מיין משה'ל—גאָר נישט; אָהן תלמידים איז אָהן תלמידים!

ער געהט זיך אַרוים אונטער דער שטאָדט שפּאַצירען, וואַלגערט זיך אַרום אויפ'ן לאַנקע ביים טייך... נישט זיין זאַך! ווערט ער הונגעריג, קומט ער אין שטאָדט אַריין און חאַפּט ערגיץ אַ שטיקעל ברויט, וואַשט זיך, עסט און בענשט, און געהט אַוועק. איך מיין שוין, אַז עס וועט דערפון גאָר נישט זיין, נאָר צום דריטען טאָג, משה'לע איז דאָ אין בית המדרש! ער וויל שוין חתונה האָבען! אפשר מיינט איהר, ער איז צום שכל געקומען? ער האָט אַ ישוב געהאַט, אַז אַ מענש אָהן אַ ווייב איז קיי און שפּיי? חס ושלום! נאָכן קנעלען בענקט ער! די קינדער פעהלען איהם!

נו, לאָז זיין פון קאָזאַק, אַבי צום לעבען! ער גיט האַנד-תקיעת-כף, אַז ער וועט חתונה האָבען, מיך מאַכט מען פאַר אַנ'עומד, איך זאָל איהם אויסזוכען אַ שדוך, און ער קריגט צוריק די תלמידים!

און וואָס קלערט איהר, אַז איך האָב גענומען די זאַך אין דער האַנד אַריין, האָט אַ וודאי געברענט אונטער די פינגער! נאָר איך קען נישט זאָגען — אַ גאָט-זאַך איז עס אויך געוועזען! פונקט

מאַכט זיך איהם אַ וואהלער שדוך! פריהער האָט מען איהם אפילו מיר אָנגעשלאָגען, נאָר אַ שדכן, אַ ימח שמוניק, האָט מיר דעם קאָפּ פערדרעהט. שטעלט אייך פאָר, אַ יודענע, אַ שמאַרץ-גרוב, אָנגעזאָפּט מיט עשירות: אַ בעל הלואה'ניצע, אַנ'אַלמנה, אויף משכנות פלעגט זי לייהען, און אַ בריה נפלאה געוועזען; אויפ'ן קאָפּ דאָס גאַנצע געשעפט געפיהרט, און קיין איינציג מאָל אויף איהר היזק, אויף דער האָר זיך נישט טועה געוועזען. און זי האָט'ן דוקא געוואָלט, אַזאַ מזל האָט ער שוין געהאַט! איך קלער איהם צוזאַמען צו מאַכען אויף מלבושים, חאָטש אַ שטריי-מעל קויפען... אַ טלית קטן; שיקט זי זאָגען, אַז זי וויל נישט, זי גיט אַ פינפאונצוואַנציגער, און מען האָט איהם מלביש ומנעיל געוועזען כיד המלך... פון אלעם גוטען: אַ שטריימעל, שיך און זאָקען, צוויי טליתים קטנים, צוויי צי דריי פאָר פלודערן... מען האָט קיין שהיות נישט געמאַכט, באַלד אַ חופה געשטעלט און מיין משה'לע שיינט אונטער דער חופה ווי אַ שררה, נאָר וואָס דאָס משוגענע פנים רוהט נישט אַ רגע, גלייך ער וואָלט וועהען געהאַט, די ליפען ציטערן ווי ביי'ם אָבשפּרעכען אַנ'עין הרע, און די אויגען ברענען עפּיס נישט היימליך... אמת משוגע! נאָר באַלד האָט זיך גאָר געמאַכט אַ נייער שגעון!

ערשטענס וויל נישט די יודענע, ער זאָל קנעלען. זי פּערדיענט אפשר 10 רובעל אַ וואָך, וואָס טויג עס איהר? וואָס דאַרף זי עס? זיטץ און לערן און שמעלץ זיך אין מילך און פּוטער! וויל ער נישט! ער מוז קנעלען, ער איז שוין געוואָהנט צו די קינדער, ער קען אָהן זיי נישט לעבען! וועסט האָבען דיינע אייגענע קינדער! ניין, דערווייל מוז ער האָבען אַ מעמד.

נו, אַ שעהנע כפרה, האלט זיך ביי דעם מעמד; ווערט ער אָבער אויפּס ניי פערטראַכט, הערט ממש אויף צו רעדען, אויסער ביים לערנען מיט די קינדער... און אַזוי האָט ער נישט מעהר ווי צוויי ווערטער אין מויל: ס'איז נישט דאָס! וואָס „נישט דאָס", ווער „נישט דאָס", ווייסט מען נישט.

די יודענע, נעביך, האָט זיך דאָס לעבען געשטרעקט,

טאַקי מקריב געווען פאַר'ן; געקאָכט און דערלאַנגט דאָס שעני-סטע און דאָס בעסטע, און ער הויבט אַלע מאָל אויף די אויגען, קוקט אויף איהר, גלייך ער וואָלט זי דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, האַפּט אַ שווערען אָטהעם און זיפצט: נישט דאָס! ס'איז גאָר נישט דאָס!

ער פערזיצט זיך אַ מאָל ביי נאַכט אין בית המדרש, נישט ער דאַווענט, נישט ער לערנט, נאָר גלאַט, ער זיצט אַזוי איבערן שטענדער אָדער שפּרייזט אַרום פון איין וואַנד צו דער צווייטע. דער לעצטער, וואָס געהט אַרויס, קריגט אויפ'ן רחמנות, רופט איהם מיט: „משה געהסט?" ער ענטפערט נישט, „פאַ- וואָס געהסט דו נישט אַהיים?" ער שווייגט. מען האַפּט איהם אָן ביים אַקסעל און שאָקעלט מיט'ן, האַפּט ער זיך אויף ווי פון דער היהנער-פּלעט און זאָגט: „ס'איז גאָר נישט דאָס!"

שלעכט! דאָס ווייבעל, נעביך, האָט מיר דעם קאָפּ פערוויינט, וואָרען טאַקי, איך האָב דאָך זי אַריינגעפיהרט, איך בין דאָך דער ערב קבלן געווען...

און עס שניידט מיך טאַקי ביים האַרץ; אַ יורענע נעביך, אַזוי פיעל הוצאות געמאַכט, אַזוי פיעל געלד אָבגעקאָסט און איינגעהאַנדעלט זיך אַ „גאָר נישט דאָס"! מילא, וואָס קען איך העלפען? איך גיב איהר אַנ'עצה, זי זאָל איהם פערנאַרען צום רבי'ן... מען מאַכט אַ פּלאַן אויף ראש-השנה, וואָרען טאַקי, ראש-השנה איז גרעסער דער עולם, — טאַקי אַ וועלט קומט אויף ראש-השנה! — האָב מיר אַ קימא לן, אַז דער כח פון צדיק איז אויך גרעסער, נאָר פאַר ראש-השנה טרעפט זיך אַזאַ מעשה! איינמאָל, אָבענד צייט, זאָגט איהם דאָס ווייבעל פאַר דער וועטשערע, ער זאָל אַרויסגעהן פערמאַכען די לאָדען. וואָרען טאַקי, זי וויל נישט עסען צוזאַמען ביי אָפענע פענסטער; זי נעמט די שרויף אין דער האַנד אַריין, ער געהט אַרויס, אייפ'ן וועג זיפצט ער: „ס'איז נישט דאָס!". ער שפּאַרט אונטער דעם לאָדען, זי פערשרויפט, נאָר קומען — קומט ער שוין נישט אַריין; ער איז נעלם געוואָרען.

וואָס קלערט איהר, עס האָט זיך געטהון אין שטעדטעל! מען האָט גערעכענט: אַ משוגענער, איז ער זיך אין דער קעלט געגאַנגען באָדען און איז ערטרונקען געוואָרען, אָדער ער איז אַזוי אַרויסגעגאַנגען אונטער דער שטאָדט און האָט פערבלאָנדזיעט, אַ דאגה אויף אַ משוגענעם! מען האָט געדונגען פויערן, געזוכט אין טײַך, אין דער געגענד, קיין זכר פון אַ מענש: אויף אַנטלויפען איז נישט צו רעכענען, וואָרען טאַקי עס טרעפט זיך, אַ מענש אַנטלויפט פון אַ ווייב, מהיכא תיתי, נישט איינער אַנטלויפט, נאָר — אַ מענש, עסט אָב וועטשערע, נעהמט מיט אַ קאַפּאָטע! ווער לאָזט עס שטעהן אַ שיסעל קליסקעלעך מיט ביבערלעך און לויפט אַוועק אין אַנ'אַלטער, וואָכעדיגער תכונה?! און עס איז אַ האַרצרייסענדיג רחמנות אויף דער עגונה געביך! עס האָט זי וועניג געקאָסט? אַ לייטישע חתונה, מלבושים, רח"ש... און פאַר וואָס? פאַר ווען? פיער וואָכען געלעבט מיט אַ מאַן! און וואָס פאַר אַ לעבען! אומשטיינס געזאָגט — אַ לעבען! מען קאָן נישט זאָגען, ער האָט איהר אפילו קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט, נאָר קיין גוטס אויך נישט, אַלץ די משוגענע ווערטער: „ס'איז נישט דאָס!". עס איז איהר, נעביך, אַזוי אויך טאָג אויף טאָג דער טאַמעס מילך איינגעפאַלען, דאַרף זי נאָך ווערען אַנ'עגונה!

וואָס טהוט מען? מען שרייבט צו רביים; עס העלפט נישט! האָט מען געפרעגט אַ שאלה, צי מען מעג שרייבען אויפ'ן „מגיד"...

איינער האָט יאָ געהייסען. דער צווייטער — נישט געהייסען; מילא מתיר צו זיין אַנ'עגונה, האָט מען יאָ געשריבען, נאָר לעבען זאָל ער אַזוי, דער „מגיד", ווי ער ווייסט עפּיס! און פון וואַנען זאָל ער וויסען? אַז די רביים האָבען נישט געוואוסט!

גאָר נישט, ווי אין וואַסער אריין!

דאַכט זיך, שוין פערפאַלען? ניין! פאַלט פּלוצלונג ווי

פון הימעל אראב אַ שליח מיוחד מיט אַ גט! אפשר טיינט איהר פון ווייט? ניין, דוקא פון 5 וויערסט אונטער דער שטאָדט, פון פיצשעווקי.

נו, דאָס גאָר געקענט עמיצען איינפאַלען, אַז אַ משוגענער וועט אַנטלויפען אין גאַנצען אויף פינף וויערסט? עס איז גאָר קיינעם אויף דער מחשבה נישט געקומען, אַזוי גאָהנט צו זוכען! ביי'ם גט שיקט ער איהר נאָך צו אַ חרם-קוויטעל אויף 200 גילדען פאַר איהרע הוצאות. אויסצאָהלען, שרייבט ער, וועט ער אַ גילדען אַ וואָך, און איז איהר משעבד דערויף אַלע זיינע נכסים! דעם ערשטען גילדען האָט איהר דער שליח געבראַכט!

אין אַ פאָר וואָכען אַרום איז ער אַליין געקומען און האָט זיך ווייטער אויסגעזוכט אַ מלמדות.

— משוגענער — פרעג איך איהם, — נאָך וואָס ביזט דו געקומען, האָסט נישט געקענט דאָרטען קנעלען?

— איך האב געבענקט! זאָגט ער.

— צו וועמען?

— צום היגען בית עלמין! זאָגט ער. און ער זאָגט עס אַזוי ערנסט, אַז אַ גרויל געהט דורך די ביינער! איהר האָט געהערט, אַ מענש זאָל בענקען צום בית הקברות? ער בענקט! און ער זאָגט קיין שקר נישט!

נאָך מעריב געהט ער נאַכט אויף נאַכט אַרויס אונטער דער שטאָדט און דרעהט זיך אַרום בית עלמין! אַ כהן איז ער, אריינגעהן טאָר ער נישט, דרעהט ער זיך אַרום צוים און קוקט פון ווייטען אויף די מצבות!

וואָס פאַר אַ שווארץ יאָהר, קלער איך, איז דאָס? צי איז עס נישט אַ מאָל אַ סגולה אויף קינדער? צי איז ער נישט אַ מקובל געוואָרען? אפשר גאָר אַ כשוף-מאַכער.

וואָס זאָל איך אייך זאָגען, עס זענען מיר שוין געקומען הוריות אין קאָפּ אריין, אַ קשיא אויף אַ מעשה! אדער ער איז אַ בעהאַלטענער צדיק, אָדער ער האָט נערק'יפט די נשמה אין גיהנום אריין. ווים איך? קליינער-הייט האָב איך

געהערט, אז אויב מען ציהט אליכט מיט חלב פון א נפל'ע אויף א פאַדעם פון א ציצה — ווערט מען א רואה ואינו נראה — און גלויבט מיר, ווען איך וויים נישט, אז ער איז א כהן, וואָלט איך זיכער געמיינט, אז ער האָט זיך מתחבר געווען מיט א חברה גנבים און זוכט א נפל'ע אונטערן צוים! גנבה'נען, פערשטעהט זיך, וועט משה ר' יוסעלעס נישט, אָבער ליכט צ ט לען, אפשר יאָ.. א דאגה — וואָס טהוט נישט א יוד צ לי ב פרנסה?!

עס איז אָבער נישט! ער קוקט שוין וואָכען-לאַנג און קוקט, און גאָר נישט: מען הערט נישט, און מען זעהט נישט! און געה פערשטעה?

פערשטעהט איהר שוין, וואָס מען מיינט „שגעון?" אז מען זאָגט „משוגע" — גלויב!

אזוי, אזוי, רב קרוב, משה'ל איז מיין חבר, איך האָב'ן ליעב דאָס לעבען... נאָר משוגע, געביך, איז ער... חתונה מאַכען, איז איהם שווער, זעהר שווער... מילא, איך זאָג אייך נישט „גיין"... איהר ווילט דאָך א ודאי עפּים פערדיענען, טהוט ווי איהר פערשטעהט...

זעהט איהר, אויב איהר האָט פון מיינעט וועגען א שדוך

# דער משוגענער בטלן.

## 1.

ער איז געלאָפען אויף און אָב ביי טאָג איינער אליין אין בית המדרש און פלוצלינג זיך אָבגעשטעלט.

— רבונו של עולם, ווער בין איך?

— ווער בין איך?... מען רופט מיך: בערל חנה'ציעס... נו, בין איך דען בערל חנה'ציעס? בין איך דער נאָמען? — די שילד איז נאָך נישט די קלייט! דאָס הויז, וואו דער רב וואָהנט, הייסט: „פאָר־קאָרפּיעס" און איך — בערל חנה'ציעס!

אין ציאַבנאָווקע קען מען מיך: מען ווייסט ווער בערל חנה'ציעס איז; אָבער אין אַמעריקא? ווען איינער למשל גיט אזוי ראַפּטים אַ זאָג אַרוים אין אַמעריקא, אין בית המדרש: „בערל חנה'ציעס"... נו וואָלט עמיץ געוואוסט, אז מען מיינט מיך?

שאני הכא! דאָ איז עפּים אַנדערש, דאָ גיט יעדער אַ שמייכעל, אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, מאַכט אזוי אַ תנועה... „אַ בעקאַנטע זאַך, בערל חנה'ציעס!". איינער טראַכט: דער בטלן, דער צווייטער — דער משוגענער, דער דריטער — כ'ווייס וואָס; דער פיערטער ווערט זיך דערמאָהנען, אז איך הייס נאָכ'ן פּעטער בערל. — טויבעלע, אמת גיט אַ קרעכץ דער־ביי, ווייל זי ווייסט, אז איך בין נעביך אַ יתום. אָבער אין אַמעריקא, וואו מען קען נישט חנה די זיטצערקע, און וואו מען ווייסט נישט, אז עס איז געוועזען אויף דער וועלט אַ בערל חקרן, דער מאַמעס אַ ברודער, וואו מען ווייסט נישט, אז איך בין, וואָס מען רופט מיך: אַ משוגע'נער, אַ בטלן, אַ יתום און אפשר גאָר אַ חקרן אויך. (איך בין, דאַכט זיך, גע־

ראָטהען אין פעטער אַריין) וואָס פאַר אַ רושם וואָלט דאָרט געמאַכט: בערל חנה'ציעס?!

עפּיס ווייס איך דאָ יאָ ווער איך בין? איך אַליין זאָג דאָך: אַ משוגענער, אַ בטלן... נו, דאָס בין איך!

— בין איך דען נישט משוגע? וועלכער מענש שטעלט זיך אַנידער קלערן, ווער ער איז? אַ מענש איז אַ מענש! איך בין אַ מענש און היים: בערל חנה'ציעס... וואָלט איך געוועזן אַ הויז, וואָלט איך אפשר געהייסען: פאָר־קאַרפּיעס, — איין אַרעסטאַנט — וואָלט איך געהאַט אַ לאַטע אויף די אַקסעל און אַ נומער... וואָלט מיין טאַטע, נישט די מאַמע, געוועזן דער פערזאָרגער, דער „פרנסה געבער", נישט דער בטלן, וואָלט איך געהייסען, „בערל שמערל'ס". עס וואָלט אַפילו שווער געוועזן אַרויסצוזאָגען: „בערל שמערל'ס" נור מען וואָלט שוין געמוזט! און אפשר וואָלט איך דעריבער ווייניגער געוועזן ביי מענשען אין די מיילער — ווען מיין נאָמען זאָל זיך נישט אַזוי גלאַטיק אַראָבקאָלערן פון דער צונג.

— אָבער, ווי איך וואָלט געהייסען — אַ מענש בין איך...

— אַ מענש! נור אַ בטלן דערצו... מאַלע אַ מענש בלייבט אַ יתום, נו, וואָהנט ער אין בית המדרש? קראַנק בין איך עפּיס צו טהון? אין שליחות געהן, האָלץ האַקען, אַ משרת ווערען אין געהן אָנגעטהון אַ בגד, נישט קריעה בלויה, עסען ברווידט, נישט זיין ביז דרייסיג יאָהר ישיבה־בחור, עס זאָל מיר פעהלען צוויי טעג אין דער וואָך און אַרומדרעהען זיך אַלץ און קלערען: ווער איך בין?!

— איך וואָלט האָטש געוואוסט, ווער מיין קאַפּאָטע איז; צינד, אָסור אויב איך ווייס! — אַ שטיק בענדיט, אַ שטיק חיים, אַ שטיק יונה, דריי כּרמי פון מיסט! אַ מערכה, טויבעלע קען נייען, אַ נישט וואָס איך געוועזן אדם נאַקעט.

— איז דען דאָס אַליין נישט קיין שגעון? אַזאַ מין בטלנות, אַזאַ מין בטלנות! גאָר נישט... שמעריל, חיים, יונה... עס

האָט אַ שעור וויפיעל בית המדרש'ניקעס איך האָב איבערגעלעבט!... איינער איז שוין אַ סוחר, איינער — אַ טרעגער, איינער — אַ שענקער; אַ דאגה, איינער איז שוין איין אַלמן אפילו, שמעריל האָט שוין דאָס דריטע ווייב; נור אַלע האָבען קינדער, געשעפטען, עסקים; גוט, שלעכט, נור פּערנומענע מענשען, עסען נישט קיין טעג, זענען נישט קיין בטלנים... מענשען! איך וויל אויך זיין אַ מענש!

— וואָס הייסט אַ מענש?

— ווי איך בין אַ יוד, איך בין קיין מענש נישט!

— ווי איך בין אַ יוד, איך בין אַ יוד! אמת, איך בין אַ יוד, נור גאַנץ ציאַכנאָווקע זענען אויך יודעז און זענען נישט איך! הלמאי, איך בין אַ מאַנספּערשוין, (האָט אַ קלאָג צו מיין מאַנספּערשוין, אַ ווערטיג צו איהם!) נו... אַלע מענשען, וואָס זענען נישט קיין נקבות, זענען מאַנספּערשוינען, הכלל, זענען אַלע בערל חנה'ציעס!

— ניין, ברודער בערל! נאַר דיך נישט! דו ביזט אַ מאַנספּערשוין, דו ביזט אַ יוד, אמת; נור נישט דו ביזט דער מאַנספּערשוין, נישט דו ביזט דער יוד!... דו ביזט עפּיס אַנדערש; דאָס אַלץ איז נור אַ צולאָג, צוגעגעבענע זאַכען; אָבער נישט דו אַליין...

— איך רעד מיר איין, אַז איך בין אַ בטלן, אַ משוגענער, אַ יתום, אַ אומגליקליכער מאַנספּערשוין... נור בטלנים משוגעים, יתומים זענען דאָ אַ סך, אפשר אַזוינע מאַנספּערשוינען ווי איך בין — וועניגער; נור דאָ איז, אַ דאגה, אפשר אין איין אַנדערע שטאָדט, אפשר אין אַמעריקאַ, נו, זענען אַלע איינס? חס ושלום, יעדערער פאַר זיך!...

— נו, ווערזשע בין איך, צו אַל'די שוואַרצע יאָהר!

— עס האָט געמוזט אין מיר אַריין אַ דבוק, עס מוז עמיץ זיצען און קלערען איבער מיר, און מיר דאַכט זיך: איך אַליין קלער! אַ והא ראיה, ווען איך האָב כח (אַ גאַנצע וואָך, אויסער מאָנטאָג און דינסטאָג) האָט יענער אויף מיר

קיין שליטה נישט; קלער איך ווייניגער! און באמת, די הקירה איז, אז קיין שום מענש אין דער וועלט קאָן נישט איבער־קלערן זיך אליין! — ווי הייסט, איך וויל מיך משיג זיין? איך וויל מיך ארויסרייסען פון מיר אַרויס, אַוועקשטעלען זיך אָדער איהם אין אַ זייט, „ער" זאָל קוקען אויף מיר! איך־ער זאָל קוקען אויף ער־איך!...

חאַ, חאַ, חאַ! ווי הייסט! זאָל איך מיר נור בערעכע־נען!... עפּיס ווערט מיר וואַרעם אין קאָפּ!...

(ער לויפט צו צום כיור, גיסט זיך אָב מיט קאַלט וואַסער; שלעפט אַרויס פון אונטערן אויוועז אַ שמאַטע, און בינדט זיך שטייף אַרום דעם שטערן).

— צינד וועט עס געהן. נאָך אַמאָל!... איך וויל וויסען ווער איך אַליין בין...

— וואו זאָל איך קוקען אַראָב צי אַרויף? רעכטס — צי לינקס?... איך בין דאָך אין מיר. ווען איך למשל, קריך אַרויף אויפ'ן ארון קודש, בין איך אין גאַנצען אויבען; איך וועל אונטען גאָר נישט איבערלאָזען. לאָ'מיך לויפען אין קעלער אַריין, וועל איך זיין אין גאַנצען אונטען... נו אַזוי ווי קען איך קוקען אויף מיר!?

— היכי דמי?!

— וואָס דען זיטצט אין מיר און קלערט פאַר מיר?

— און עפּיס זיצט דאָך פאָרט... האַ?...

— איך ווייס דאָך, אַז ווען עס זענען געלעגען ביי דער שמש'טע אומ־געציילטע קיכלעך און איך האָב שוין דריי טעג קיין מאכל נישט געהאַט אין מויל, האָב איך גאַנץ שטאַרק חשק געהאַט אַראָבצושלינגען אַ קיכעל... נור איך האָב געזאָגט: ניין! מען טאָר נישט! נישט מיין... דערנאָך האָב איך געפונען טויזענד תירוצים... „די שמשטע האָט געגנוב פערדיענט אָן מיר, זי מעג מיר געבען אַ צולאָג", „איך זאָל זי בעטען, וואָלט זי מיר אַליין געגעבען", „איך וועל איהר מיט נאָטס הילף אַמאָל בעצאָה־לען... „נור איך האָב אַלץ געזאָגט: „ניין, מען טאָר נישט"...

און עס איז געבליבען—נישט!... פריהער איז עס געגאַנגען איינס נאָכ'ן אַנדערן: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך אַליין פרעג און. איך אַליין ענטפער, נור דערנאָך, שפּעטער אַ ביסל, חאָטש תוך כדי דבור, נור דערנאָך, איז עפּיס אַנדערש געוואָרען, עס איז געוואָרען צוזאַמען: יאָ און ניין, ניין און יאָ און ווייטער ניין! עס איז געוואָרען אַ מחלוקת, און נ י ש ט איז געוואָרען, נישט ווייל א י ך האָב נישט געוואָלט, אָדער דעם חשק פערלאָרען; ניין, נ׳ור די האַנד האָט זיך נישט געקענט ריהרען; זי האָט נישט געוואוסט וועמען צו פאָלגען... אַ והא ראיה, איך בין דערנאָך שטאַרק מיעד געוועזען, טאַקי ווי נאָך אַ גרויסע מחלוקה, ווי נאָך אַ הייסען וכוח מיט יונה לאָקש, וואָס וויל מיר אַלץ איינרעדען, אַז דער גאון ז״ל, זיצט אין גן עדן מיט אַ פּעררעאָצטער באָ ו ד, ווייל ער האָט נישט געהאַלטען פון חסידות!

— אַזאַ פערד!... נור מיעד בין איך געוועזען; איך דערמאָהן מיך גאַנץ זיכער, זיכער! דאָס איינענע איז געוועזען פורים, ווען איך האָב געטראָגען פון פרץ פיינהאָלץ, פון גביר, דעם רב, שלח־מנות. איך האָב געהאַט אַ פול מויל מיט וואַסער, די צונג איז מ׳ר אַרומגעלאָפען אין מויל ווי משוגע, ווי איך לויף צינד אַרום אין בית המדרש. די הענד האָבען מיר געציטערט; אַ שטיק טאָרט, מאַקאַראָנען, עפּיס נאָך טליבע מינים... איך נאַשער האָב געוואָלט, איך עהרליכער מאַן האָב נישט געוואָלט!..

— מען זאָגט: „יצר טוב״, זאָל זיין אַזוי! אָבער סיי ווי סיי, בין איך דאָך נור אַ דירה, וואו עס וואָהנען צוויי שכנים, איינער הייסט: יצר טוב, דער צווייטער—יצר הרע. נישט אַזוי? ווייטער די מעשה מיט די נעמען... אָבער ווער זענען זיי? ווער בין איך?!

— איך בין אַ דירה, איך בין אי דער גוטער שכן, אי דער שלעכטער שכן. אַלץ איך, און דערצו וויל איך וויסען ווער איך בין?! חאַ, חאַ, חאַ!— שאַ! נעכטען ערשט, דער עולם האָט געלאַכט, וואָס איך בין געבליבען שטעהן אויף איין אָרט, אפשר אַ שעה! א י ך  ו ו י י ס וואָס איך בין געשטאַנען! איך

האָב נישט געקענט געהן: מען האָט געהאַקט האָלץ אויפ'ן שול-הויף, האָב איך געוואָלט געהן פּרובען צי איך קען אַ שייט'-האָלץ צוהאַקען, צי קען איך אַרבייטען... איך האָב שוין אָנ-געהויבען געהן; שטעהען צוויי בענק: אין דער זייט אַ באַנק, אין יענער זייט אַ באַנק. דאָ דערצעהלט מען, אַז מען הייצט אין באָד, הויבט מיך אָן בייסען דאָס גאַנצע לייב און איך וויל צוגעהן צום קעסטעל, אַרויסשלעפּען דאָס בעזעמיל און געהן אין באָד אַריין... נעגענאיבער האָט זרח מלמד דערצעהלט, יענקעל קעטצלען, אַז אין „בעל עקדה״ איז דאָ אויף דער הייטיגער סדרא אַ פּלאַי פּלאָים'דיגער דרוש! וויל איך וויסען, וואָס זרח מלמד איז געפעלען, צולויפען צו דער מזרח וואַנד און אַראָבחאַפּען דאָס ספר... נו, בין איך טאַקי געשטאַנען! די פיס האָבען נישט געוואוסט וועמען צו פאָלגען: צי דעם בערל חנה'ציעס, וואָס וויל געהן האָלץ האַקען, צי דעם בערל חנה'ציעס, וואָס וויל געהן אין באָד אַריין, ווייל עס בייסט איהם, צי דעם בערל חנה'ציעס וואָס וויל וויסען, וואָס זרח מלמד איז געפעלען!... איך בין טאַקי אַזוי לאַנג געשטאַנען, ביז איך האָב מיך דערמאַהנט, אַז איך האָב נאָך קיין מנחה נישט געדאַווענט!

— נו, על כן? וואָהנען אין מיר שוין פיער פערשוין! אַ האָלץ-העקער, אַ בעל-עקדה'ניק, אַ בעדער און דער לעצטער — אַ מנחה דאַוונער, וועלכער האָט אַלע אַרונטערגעיאָגט אונטערן אויווען, זיי זאָלען קיין פּיפּיץ נישט געבען, נור ער האָט צו שאַפען. און די פיס מוזען איהם פאָלגען. אַ והא ראיה איך בין טאַקי צוגעגאַנגען צו דער וואַנד און האָב געדאַווענט!

אַ שטיקעל אמת שטעקט דערינען... וואָרום זיי זענען נישט פערלוירען געוואָרען; זיי האָבען זיך נור בעהאַלטען אונטערן אויווען, זיי האָבען פון דאָרטען אַרויסגעקוקט... זיי האָבען געווינקען צו מיר, און האָבען מיך מבטל געוועזען! און מיט'ן שמונה עשרה האָב איך אַלץ אין זינען געהאַט: האָלץ האַקען, שטייסען

זיך אויף דער העכסטער באַנק אין באָד, און דעם בעל עקדה'ס דרשות אויך!...

— נו, אַכלל? וואָס העלפט דער יצר טוב מיט'ן יצר הרע, אז איך בין אַמאָל דריי, און אַמאָל פיער!

— אָט ציינר פיהל איך, אז „איך" אַליין בין עפּיס אַגאָר נישט! איך אַליין וואָלט גאָר נישט געלעבט. איך אַליין, ווען איך לעב אפילו, וואָלט איך מיך אין דער פּריה אפילו פון דער באַנק נישט אויפגעהויבען, איך וואָלט געלעגען ווי אַגולם עד סוף כל הדורות... איך בין טאַקי אַגולם, איך האָב גאָר קיין נשמה נישט; וואָס דען? אַלץ אַרום לעבט, אַלץ אַרום האָט נשמות, די נשמות זייערע לאָזען אַרויס פון זיך אַזוינע לאַנגע, דינע, שפּיציגע פעדעמלעך, אַזוינע שטראַהלען, און זיי חאַפּען זיך און ציעפען זיך אין מיר, קריכען אין מיר אַריין, ריהרען מיך, שטעלען מיך אויף די פיס, הייסען מיך געהן, טהון, לויפען... אָבער איך אַליין בין גאָר נישט!

ווער דען פאָרט קלערט? האַ? ווער זיצט אין מיר און קלערט? ווייטער אַפרעמדער? נישט איך?

— נו, זאָל זיין אַפרעמדער! ווער איז ער? ווי קומט ער צו מיר? צי בין איך אַשטייג און ער — אַפויגעלע?... דוד המלך, עליו השלום, זאָגט: יונתי, הייסט עס מיין טייבעלע! — וויל דאָס טייבעלע האָלץ האַקען, אין באָד אַריין געהן, אַראָפּגנב'ענען פון שלוח מנות, אַוועקשניפּען אַקיכעל ביי דער שמש'טע, און תיך כדי דבור זעהן דעם בעל עקדה'ס דרשה?... פו, טייבעלע, נישט שעהן! ביזט דו עס, מעגסט דו זיך שעמען!

— חאַ! חאַ! חאַ! בערל חנה'ציעס איז אַטייבעלע, אַ פויגעלע; בערל חנהציעס האָט אַקליין פּיסקעלע מיט פליגעלעך, בערל חנה'ציעס וועט אַמאָל אַרויספליהען פון דער שטייג...

— נו, בערל חנה'ציעס, דעמאָלט וועסט דו אויך קלערן ווער דו ביזט? אויך זיין אַיתום, אויך זיין אַבטלן, אויך זיין משוגע?

אוודאי! ווער דען? די שטייג איז משוגע? די שטייג איז א יתום?

— רבונו של עולם! ווער בין איך פארט?

---

## 2.

עס קומט אין בית המדרש אריין וואלף סוחר.

בערל חנה׳ציעס דערזעהט איהם, און ענטלויפט אין א זייט. וואלף סוחר וואשט די הענד, ווישט אב אין דער פאלע, נעמט ארויס פון דער שאנק א ספר און זעצט זיך אריינקוקען. בערל חנה׳ציעס לאזט פון איהם קיין אויג נישט אראב...

— ווער איז ער? פרעגט ער זיך און ענטפערט זיך באלד:

— וואלף סוחר! ער גיט זיך דערביי א שטארקען קניפ אין באק אריין...

— בהמה! חמור! וואלף סוחר איז אזוי ווי בערל חנה׳ציעס! אזוי הייסט ער; נור ווער איז ער?... צי איז ער איינער, צוויי, צי דריי? וויפיעל פייגעלך פישציען אין זיין שטייג, פערשטעהסט דו, וואיטעק!?

ער האט זיך נאך שטייפער צוגעצויגען דעם קאפ.

— לא׳מיך קלערן...

— אצונד איז ער איינער, איין וואלף סוחר... ער זיצט און לערנט! פערטיעפט, ער זעהט מיך נישט. ער לערנט אוודאי נדרים, זיין פרק, מעהר קען ער נישט... אצונד איז א קונה קונם קונם... אצונד איז ער א „לשון שבדו חכמים״. אצונד וויים איך וואס ער איז, א פרק נדרים... דערנאך? דערנאך וועט וואלף סוחר אראבגעהן אין גאס אריין, וועגען תבואה אויף א פאלשער וואג, אבנארען גאנץ קריין פוילען און אהיים געהן געבען דעם ווייב, דער ארעמער, דערשלאגענער, טויבע, צוועלף פעטש מיט פיער דואך! זעהסט דאס לעמעלע, בערל חנה׳ציעס! זעהסט דאס שעפעלע, זעהסט ווי עס קנייטשט איין דעם שטערן,

זעהסט די פרומע אויגעלעך, זעהסט, זעהסט! און דו שוטה, דו בערל חנה'ציעס, דו חמור, ווילסט מיר איינרעדען, אז דאס איז דער אייגענער גנב פון גאס, דער אייגענער רוצח פון דערהיים? ניין, בערל חנה'ציעס! מיר וועסט דו דאס נישט איינרעדען! ניין, ניין! — נישט אזוי קוקט א גנב, נישט אזוי זעהט אויס א רוצח!... שוטה!...

— איך זאג דיר, בערל חנה'ציעס, אז עס זענען דא דריי וואלף סוחר'ס... איינער איז א לעמעלע, א פרום לעמעלע, וואס זיצט און לערנט נדרים און וועט אויף יענער וועלט אויך לערנען נדרים, און טאקי מיט'ן רבונו של עולם'ס פירוש... דער צווייטער — איז א גנב און וועט דארטען אויך חאפען פון די טעלער; דער דריטער איז א רוצח, וואס הרג'עט דאס ווייב מכות רצח...

— א רחמנות אויף איהר!... עס שניידט מיך ביי'ם הארץ, אפט חלום'ט זי זיך מיר... זי בעט מיך א מאל, ביי נאכט אין שלאף, איך זאל איהר העלפען... דאס הייסט: זי בעט נישט מיט'ן מויל, זי רעדט נישט, חו"ש, א יודישע טאכטער רעדט נישט מיט א מאנספערשוין... נור זי קוקט אויף מיר מיט אזא... מיט עפים אזא... מין קוק...

— רבונו של עולם! קוקען מעג זי דאך! זי מעג קוקען אויף א מאנספערשוין!...

— חא, חא, חא! איך א מאנספערשוין... וואלף סוחר איז א מאנספערשוין, פוילען זאל ער, וואלף סוחר! איך בין איהם א שונא אויפ'ן לעבען. איך האב ביי איהם א טאג; נור א שונא בין איך איהם! שנאת חנם טאקי, גיר אשונא... איך וואלט איהם געשטאכען! יא!... נור נישט דעם וואלף סוחר, וואס זיצט און לערנט, אפילו דעם גנב נישט, נור דעם רוצח! איהם וואלט איך געשטאכען... איך אליין קען נישט, איך אליין האב נישט צו שאפען, איך בין נור א שטייגעל... איך האב אפילו א קניפיק, א שארפען קניפיק, גאר א שארפען, מען קען מיט איהם גענעל שניידען, א קאפ גאלען...

— איך מאַך מיר אפילו קיין לאַמטערן נישט, ווייל עס איז מיר אַ שאָד דער קניפּיק, ער זאָל נישט שטומפּיק ווערן...

דאָך איך אַליין קען נישט... מען דאַרף, עס זאָל מיך עמיץ הייסען; עפּיס אַ בת קול, עפּיס איינער, אפילו זרח מלמד! זאָל ער אַליין מיך הייסען! ווער שמעסט ווען זי זאָגט מיר, אַזוי שטיל, ביי נאַכט אין חלום; נור זי וועט נישט זאָגען, אַ יודישע טאָכטער וועט נישט זאָגען. חס ושלום! איך וואָלט זי פיינד געהאַט. זי זאָל מיט מיר רעדען.

— אַזוי איז בעסער, קוקען זאָל זי, און שטענדיג, און אַ גאַנצע נאַכט; ביי טאָג קען נאָך עמיץ דערזעהן, חס ושלום! עס איז גענוג יעדע נאַכט...

— אָה! ווי שעהן וואָלט עס געוועזען! איך וואָלט אַריס-גענומען דעם קניפּיק, איבערגעגאַנגען די האַליאַווע, איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל. און בוח!...

— חאַ, חאַ, חאַ! עס וואָלטען אַרויסגעלאָפען געדערם און געדערמלעך. חאַ, חאַ, חאַ! און בלוט, רויט בלוט... חאַ, חאַ, חאַ!

— ניין. וואָלף סוחר, נדרים-לערנער, נישט דיך מיין איך! יענעם, יענעם, דעם רוצח... גאָר נישט דיך!

— הערסט, בערל חנה'ציעס, ווען דו ביסט אַ מענש, ווען דו ביסט נישט קיין יתום, קיין בטלן, קיין משוגענער, קיין הקרן, וואָלט שוין אַלץ גוט געוועזען... טייבעלע וואָלט אפילו געווײנט, זי וואָלט דאָך געוואָרען אַן אלמנה, נור איך וואָלט איהר אין חלום געזאָגט: טייבעלע, גענוג דו האָסט צוויי מאַנען, איינער גנב'עט, דער צווייטער זיצט און לערנט, וואָס טויג דער דריטער, ווילסט דוקא דריי? דוקא מען זאָל דיך, טייבעלע, שלאָגען. דוקא דו זאָלסט ווײנען גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט...

— און אפשר איז ער פאָרט נור איינער?...

— בערל חנה'ציעס! דריי זענען זיי, לאָמיר זך וועטען! קים אַמישנע, ווייל ער זיצט דאָ און לערנט, [illegible] אין גאַס

אריין וועסט דו זעהן, ווי יענער גנב'עט דערוויל אין גאַס...
דערנאָך ווי ער שלאָגט, קום! וועסט זעהן!...

ער הויבט זיך אויף, לויפט אויף די נעגעל צו דער טהיר, שלעפט אַרוים דעם שליסעל און פערמאַכט פון יענער זייט...

---

## 3.

ער קומט צוריק, בלאַס און אין כעס...

— זיי האָבען זיך בעהאַלטען, די גנבים! וואָס האָבען זיי צו טהון? עס איז היינט נישט קיין טאָרג! עפּים אַ יום טוב, עס הענגען פעהנער, מען קען ניט גנב'ענען... טייבעלע איז נישט אין ד'ערהיים... זי האָט געמוזט געהן צו אַ שכנה. די טהיר איז צו... זיי האָבען זיך אפשר ביידע בעהאַלטען! איך האָב אריינ־געקוקט דורכ'ן פענסטער. אונטערן בעט, האָט זיך מיר געדאַכט, ריהרט זיך עפּים. אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך דער שאָטען געהוידעט, געוואָרפען, געצאַפּעלט! אַ קשיא אויף אַ מעשה, ער זיצט דאָ און לערנט, און זיי ליעגען אונטער די בעטען... וואו דען זאָלען זיי ליעגען!—

— און וואָלף סוחר, דער תם, דער נדרים־לערנער האָט אפילו נישט געהערט, אַז איך האָב אויף־ און צו־געשלאָסען די טהיר! ער איז אַזוי פערטיעפט אין לערנען!

— און אפשר לערנט ער גאָר נישט? אפשר זיצט דאָ דער גנב און וויל אָבנאַרען מיך מיט'ן רבונו של עולם?

— וואָלף! רופט ער איהם פּלוצלינג.

— וואָס איז?

— גאָר נישט!

— בטלן! —

אין אַ מינוט שפּעטער.

— וואָלף!

— וואָס איז?

— איך האָב אַ קניפּיקל!

— וואהל דיר!

— ווילסט זעהן?

— ניין!

— דאַרף מען נישט!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום:

— וואָלף!

— וואָס?

— דו לערנסט, צי דו מאַכסט נור אַזוי?

— וואָס גערט עס דיך אָן?

— איך דאַרף נייטהיג צו וויסען, ד'לעבען, נייטהיג!...

— שטיל, משוגע!

אין נאָך אַ פּאָר מינוט:

— וואָלף!

— וואָס איז?

— וויפיעל ביזט דו?

וואָלף סוחר ווערט בייז, מאַכט צו די גמרא און געהט אַרויס פון בית המדרש; בערל חנה'ציעס בלייבט אַליין.

— צי האָב איך גערערט מיט וואָלף'ן? און וואָס האָב איך מיט איהם אַזוינס גערעדט? וואָס איז ער ענטלאָפען? ווי בין איך אַרויסגעגאַנגען? האַ? וואָס טהוט ביי מיר אין האַנד דאָס קניפּיק'ל?

ער וואונדערט זיך שטאַרק, און נאָך מעהר, בפרט אַז ער דערזעהט, אַז ער האָט זיך דורכגעשניטען די האָלעווע. ער ווערט בייז.

— בערל בטלן! דו אַליין האָסט צושניטען דיין האָלעווע!

דו האסט אנדערע חאלעוועס? טויבעלע וועט דיר ווייטער שענקען א פאר שטיוועל? זי האט ווייניג געלייזט פאר יענע שטיוועל! זעהסט דו, בטלן, זעהסט דו, משוגע, זעהסט, עס איז עמיץ אין דיר און נישט דו! זעהסט?

— לא'מיך נאר אליין זעהן, ווי דו זעהסט אויס, חמור, וואס לאזט זיך די שטיוועל צושניידען! לא'מיך דיך אנקיקען, בטלן!

ער לויפט צום כיור, חאפט די שמאטע אראב פון קאפ און הויבט אן רייבען און פוטצען דאס מעש.

— איך זעה דיך שוין א ביסעל, בטלן, — ווארט, ווארט, איך וועל דיך נאך בעסער זעהן. איך וועל דיין גאנץ טרפה פרצוף זעהן, דיין חמור־קאפ!...

ער לאזט זיך אראב אויף דער קניע און רייבט מיט'ן גאנ־צען כח. ער בלייבט דאך פלוצלינג שטעהן.

— ווער פוצט דעם כיור? ווער? איך? איך האב כח? איך האב דען היינט געגעסען, נעכטען געגעסען? וואס איז היינט? דינסטאג! מאנטאג און דינסטאג האב איך דאך נישט קיין טעג, ווער רייבט?!

ער האט זיך צוריק צוגעחאפט צו דער ארבייט.

— זאל רייבען ווער עס וויל, איך, צי דער פויגעל, צי די טייב, דער יצר הרע, צי דער יצר טוב, נור דיין בטלניש טרפה פרצוף מוז איך זעהן! באלד, באלד! און אויף א מאל!

ער פערמאכט די אויגען און רייבט ווייטער א ווײלע מיט כח. דערנאך עפענט ער די אויגען און דערזעהט זיך.

— חא, חא, חא! אזוי זעה איך אויס, א מת, א ריינער מת! צו נעמען אויף דער טהרה־ברעט, צו לעגען שערבלעך אויף די אויגען!

— זעהסט, טויבעלע, ווי איך זעה אויס! זעהסט! און אזוי זעה איך אויס, ווען דו דערלאנגסט מיר אלע מאל א שטי־קעל ברויט... א נישט, ווי וואלט איך נאך אויסגעזעהן? —

ער פערטראַכט זיך, און דערמאָהנט זיך ווייטער.

— אַ מת! דאָס בין איך, יאָ, יאָ! דאָס איז בערל בטלן, בערל יתום, בערל משוגע! אָט דאָס! דאָס! און ווער בין איך פאָרט?

ער קוקט אויפ'ן כיור און קוקט אויף זיך.

דאָרטען זעהט מען נישט די צוריסענע האָלעוועס! וואונדערט ער זיך און ווערט בייז.

אַ מכה דיר! — שרייט ער פלוצלינג אויס — אַ מכה דיר, דו כיור-מענש! דו דאַרפסט אויך האָבען צוריסענע האָלעוועס! אַז איך האָב, דאַרפסט דו אויך האָבען!

ער האָט זיך אַראָבגעלאָזען מעהר אויף דער פאָדלאָגע, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף דער ערד און אַריינגעשטופּט די פיס אין כיור.

— איך זעה נישט, נור דו האָסט, דו האָסט צוריסענע האָלעוועס! זעהסט!... אויפצוהויבען זיך איז איהם שוין שווער. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דער מענש אינ'ם כיור האַלט איהם צו ביי די פיס; ער האָט זיי דאָך אָבגעריסען, אויפגעהויבען זיך, אַ ביסעל פערוואונדערט, אַ ביסעל דערשראָקען.

— כיור-מענש! בטלן! האָט ער זיך געדרייצט און פאָרט מורא געהאַט צו קוקען אין כיור אַריין. ער איז צוגעלאָפען צום אויווען, אָנגענומען אויף די הענד קאַלך און פערשמירט דעם כיור.

— ליעג דאָרט אין דער קרענק, קוק נישט אַרויס!

דער קאָפּ האָט איהם אָנגעהויבען שטאַרק וועה טהון און די פיס האָבען איהם געבראָכען, ער האָט זיך ווייטער פערטראַכט.

— לאָ'מיך נור עפּיס דערמאַהנען...

— אַצינד טהוט מיר וועה דער קאָפּ... אַז דער רוצח שלאָגט טייבעלען טהוט מיר וועה דאָס האַרץ... עס ברעכען מיר די פיס. אַז איך גיב מיר אַ קניפּ אין באַק, פלאַמט מיר די באַק, וועיל איך האָב אַ באַק, איך האָב הענד און פיס, איך האָב אַ קאָפּ מיט אַ האַרץ און האָב אפשר אַ נשמה אויך —

אַליץ האָב איך. נור וואָס בין איך אַליין? נישט די באַק, די פּים, נישט דאָס הארץ, נישט דער קאָפּ, נישט די נשמה. וואָס דען? גאָר נישט...

— איך זאָל מיך קענען מאבד עצמו לדעת זיין, און אַליין זעהן וואָס עס וועט זיין, וואָס עס וועט בלייבען, אַז עס וועט אַוועקפאַלען דער קאָפּ, די הענד, די פּים, די בעק. די צוריסענע חאָלעוועס... דעמאָלט וואָלט איך אפשר עפּיס געוואוסט? צי וואָלט נישט אַ יושר געוועזען צו פּרובען...

— ווען זי זאָל נור הייסען! אפשר וואָלט איך עס ביי איהם געפּרובט?

# דֶער הֶעלְמֶער מְלַמֵּד.

„אַ מאָל איז די וועלט אַזוי פערפּלייצט געוואָרען מיט תאוות״ — דערצעהלט שבנא פאַר אַ גאַנץ רעדעל יודען אין בית המדרש — אַז מען האָט מורא געקריגען, דער רבונו של עולם זאָל נישט, כביכול, פערגעסען פאַר גרויס גרימצאָרן די שבועה און נישט עפענען די טויערן פון הימעל און ברענגען אַ מבול, גאָר אָהן נח׳ן און אָהן דער תיבה. עס איז רחמנא ליצלן, געוועזן באו מים עד נפש — ווי זאָגט ער, ביז אַהער! עס איז אַזוי ווייט געקומען, ביז די למ״ד וא״ו צדיקים האָבען מורא געקריגען פאַר זיך אַליין און זענען זיך צוזאַמענגעקומען, אויף איין אסיפה קיין בראַטקעוו. זיי זענען געזעסען און האָבען געקלערט זיבען טעג און זיבען נעכט; עס איז שוין ביי זיי געווען אַ סברא, מען זאָל מאַכען כלו חייב, לאָז משיח קומען וועט נעמען אַן עק. ס׳איז אָבער אין מיטען געווען אַ פּראָסטער יוד, אַ וואַסער־טרעגער, ער האָט זיך איינגעשפאַרט: ניין און ניין! ס׳איז אַראָב־געקומען אַ בת־קול, דער מלאך גבריאל האָט זיך בעוויזען, מען האָט געזאָגט, אַז מען וויל אַזוי אויפ׳ן הימעל, אין די עולמות העליונים; אונזער וואַסער־טרעגער קוקט נישט אויף די אַלע זאַכען, ער וויל נישט קיין עבירה טהון! מען האָט זיך אַזוי לאַנג געהאַמפּערט, ביז עס איז געבליבען, מען זאָל צורעכט מאַכען דעם יצר הרע.

אַלע למ״ד וא״ו צדיקים, זענען געווען פּראָסטע אָרעמע יודען; אַ חוץ וואַסער־טרעגער זענען נאָך געווען שוסטער, האָלץ־העקער, שטיינער־קלאַפּער וכדומה. נאָר איינער פון זיי האָט געכאַפּט אַ קורצע צייט אָפּגענומען אַ גרויסע ירושה פון אַ מומע, וואָס איז געשטאָרבען אין אַלכסנדריא של מצרים, און ער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט נכשל צו ווערען אינ׳ם

גאָלדענעם עגל. אַט פאַר זיין געלד האָט מען אַראָפּגעבראַכט,
און טאַקי פון מצרים, אַ סרים.
מען האָט אַראָפּגעבראַכט אַ סרים, מען האָט איהם פער=
שטעלט פאַר אַ גוטען יודען, מיט באָרד און פאות, מיט אַ
קאַפּטאַן מיט סטראָקעס, שיך און זאָקען, מיט אַן' אָפּען האַרץ
און מען האָט זיך אָנגעהויבען רייצען מיט'ן יצר הרע: אַט דאָ,
ביי דעם צדיק, ווייז דיין גבורה!
דער יצר הרע איז געקומען; וואָס זאָל ער וויסען? ער
זעהט אַ יוד מיט באָרד און פאות און צולאַכט זיך אויף אַ
קול: האַ, האַ, האַ! אַ גרויסע זאַך אַרויסצוברענגען צו אַן'
עבירה.
איהם איז גאָר נישט איינגעפאַלען אַז דאָס איז אַ סרים. ער
זעצט זיך נעבען איהם אַנידער, הויבט זיך אָן מיט איהם צו
ווערטלען, רעדען אַ ביסעל חנופה, חכמה'לעך, עזות'קייט, נבול־
פה; דער סרים אָבער פערשטעהט נישט קיין וואָרט און גיט
אפילו נישט קיין שמייכעל. דער יצר הרע איז אַזש הייזעריג
געוואָרען: דאָס ערשטע מאָל טרעפט זיך איהם אַזוי פיעל אַרבייט
ביי אַ גוטען יודען! ער גיט אַ פייף: רחמנא ליצלן! עס בעווייזען
זיך אַלערליי נשים: גבאי'טעס, פּראָסטע ווייבער, יונגע ווייב=
לעך און אַזוי נקבות. זיי קומען אָן פּאָרלעך־ווייז, ווי די עופות
טמאים אין נח'ס תיבה אַריין, אָנגעטהון אויף פערשיעדענע
אופנים: מיט קרינאָלינעס, אָהן קרינאָלינעס, פערהאָנגענע, פער=
שטעלטע, האַלב=נאַקעטע, און מיט פערשיעדענע מדות: לאַבע=
דיגע, וויינענדיגע, שעלטענדיגע, שרייענדיגע — אָבער עס
העלפט ווי אַן' אַרבעס אין דער וואַנד! אַ טייך מיט שווייס
האָט שוין דעם יצר הרע בעגאָסען, ער איז אַזוי מיעד געוואָ=
רען, גלייך ער וואָלט אַ גאַנצע וואָך האָלץ געהאַקט. און דער
סרים ריהרט זיך אַלץ נישט! דער יצר־הרע גיט נאָך אַ פייף און
ברענגט אַרויף ר ח ב־ה ז ו נ ה — עס געהט נישט, האָטש צוּרייס
זיך! „איך וועל נאָך מאַכען די לעצטע פּראָבע — זאָגט דער
יצר־הרע — מאַסאַזש! איך וועל נאָך פּרובען איהם אַ ביסעל

איינרייבען!" ער כאַפּט דעם סרים און קנייטשט איהם, בייגט איהם, רייבט איהם און גליהט איהם. ווער, וואָס? דער יצר־הרע האָט אַזוי לאַנג אומזיסט געאַרבייט איבערן סרים, ביז ער האָט אָנגעהויבען סאַפּען ווי אַ גאַנז; עס האָבען איהם געבראָכען הענד און פיס און האָט פּלוצים אָנגעהויבען צו חלש'ען.

די למד־וא"ו צדיקים האָבען נאָר דאַרויף אַרויסגעקוקט. זיי האָבען גענומען דעם יצר־הרע, געבונדען מיט דרייסיג בינטלעך כפול־שמונה ציצית, געקוילעט מיט אַ מוהל־מעסער, אַריינגערוקט אין אַ הייסען באַק־אויווען און פערברענט אויף קאהל. נאָך דעם האָבען זיי גענומען דאָס אַש, און, אַז עס איז געוואָרען אַ שטאַרקער שטורם־ווינד, האָבען זיי עס פערשפּרייט און צוזייעט אויף די פיער ווינקלען פון דער וועלט.

אין הימעל איז געוואָרען אַ גרויסע שמחה, אויף דער ערד אַ גוט יאָהר; אַ לעבען, ווי אינטער דער זון: די אומות העולם האָבען אויפגעהערט צו האַלטען מלחמה; מאַן און ווייב האָבען זיך נישט געקריגט און די קאַטשערעס מיט די לאָפּעטעס האָט מען נאָר בעניצט צו חלה באַקען; אַלע מלכים האָבען אהיים געלאָזט דאָס חיל, די ביקסען האָט מען אַוועקגעשענקט קליינע קינדער אויף ל"ג בעומר, און די אַרמאַטען האָט מען גענומען אין די דערפער אַריין און געשטעלט פאַר סטראַשאַקעס אויף די פעלדער. דעמאָלט האָט מען געמעגט טייטען מיט די פינגער אויף יעדער אַרמאַט, לאַכען און חוזק מאַכען, וויפיעל עס וועט אַריין. עס איז געווען אויף דער וועלט שלום ושלוה, לעבעדיג, פרעהליך.

עס וואָלט אַלץ גוט געוועזען, נאָר די חופה־שטאַנגען, אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען אין שוהל אין אַ ווינקעלע, אַזוי האָט זיי קיינער נישט גערירט. אַלע מאַנסבילען זענען געוואָרען פּרושים, אַלע ווייבער גבאי'טעס און צנועות — אַ גאַנץ יאָהר ימי הגבלה! רבנים, שמשים, חזנים, שדכנים און כלי־זמר זענען אַרומגעגאַנגען פּוסט און פּאַס: אוים חתונה־הוצאות, אוים

חתונה־קליידער, אויס נדן, אויס חופות — הכלל, נאָר מען זיצט און מען לערנט!

די וועלט האָט זיך פערזאָרגט: ס׳טייטש? שטאַרבען שטאַרבט מען און קיינער ווערט נישט געבאָרען! עס איז אַזוינס נאָך נישט געהערט געוואָרען! — און גאָט ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען נישט דער חעלמער מלמד!

אַט הערט אויס אַ מעשה:

נאָך פאַר די למד־וא״ו צדיקים׳ס אסיפה האָט אַ חעלמער מלמד דערפיהלט, אַז דער יצר־הרע דלובעט איהם שטאַרק דעם מוח... ער האָט איהם געשלעפט אין בית־המדרש אַריין — אַח אין מיר! — ער געהט מיט; ער איז מיט איהם געפאָהרען צו אַ גוטען יוד, מהיכא־תיתי, ער פאָהרט גאַנץ גערן; ער געהט מיט איהם אין מקוה אַריין, דער ימח־שמו׳ניק האַלט צו די גאַז — נאָר געהן געהט ער. דער מלמד האָט געזעהן, אַז עס איז שלעכט, ער קען פערלירען דאָס מלמדות, האָט ער זיך מישב געווען און איז אַנטלאָפען העט, העט אין וואַלד אַריין...

זיבען יאָהר איז ער געווען אין וואַלד, געשלאָפען אויף דער גאָלער ערד, געגעסען פוילע וואָרצעל און געזאָגט תהלים מיט זוהר. ער איז אַזוי אויסגעדאַרט געוואָרען, אַז מען האָט איהם געקאָנט דורכציהען דורך אַנ׳ אויער פון אַ נאָדעל, און אַזוי דורכזיכטיג, אַז מען האָט איהם גאָר נישט געזעהן. ער איז פראָסט געוואָרען אַ רואה ואינו נראה, איהר פערשטעהט?

אַז ער איז געקומען צו דער מדרגה, האָט ער זיך אויפגעהויבען צוריק צו געהן אין ישוב אַריין; איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַצונד איז ער שוין אויף אייביג בעפרייט פונ׳ם יצר הרע, אַז ער מעג שוין פאָהרען אַהיים.

נאָר קוים ער איז אַרויס פונ׳ם וואַלד — האָט זיך איך פלוצים אַ שטורמווינד, און קעהרט איבער וועלטען! דאָס איז געוועזען פונקט דעמאָלט, ווען די למד־וא״ו צדיקים האָבען צו־שפרייט דעם יצר־הרע׳ס אַש אויף אַלע פיער עקען פון דער וועלט;

און עס האָט איהם, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַריין געפּרושעט אַ שטויב אַש אינ'ם לינקען אויג. אַ שעהנע מעשה! דאָס לינקע אויג האָט אָנגעהויבען צו זעהן אַזוינע זאַכען וואָס, רחמנא ליצלן, מען זעהט עָס נישט אויף דער גאַנצער וועלט. פונ'ם לינקען אויג האָט זיך באַלד אָנגעשטעקט דאָס רעכטע אויג, באַלד איז עס איהם געקראָכען אין מוח, נאָך דעם אין הארצען אַריין; איך וועל אייך נישט לאַנג בריִיען — דער חעלמער מלמד איז געוואָרען פול מיט יצר־הרע, און אַז ער איז געקומען צוריק אין ישוב אַריין, האָט ער, וואָס טויג אייך מעשיות, צוריק אָנ־געשטעקט די גאַנצע וועלט.

מיין זיידע, עליו השלום, וואָס האָט מיר דערצעהלט די מעשה, פלעגט אַלץ זאָגען, אַז ווען נישט דער חעלמער מלמד, וואָלטען מיר שוין לאַנג נישט געווען אויף דער וועלט! און ווען ער, דער זיידע עליו השלום, האָט געזעהן אַ חתונה, אַ ברית, אָדער אַ פדיון הבן, פלעגט ער אַלץ זאָגען: „דאָס איז דעם חעלמער מלמד'ס מלאכה; אין יעדען פון אונז שטעקט אַ שטיק חעלמער מלמד!...” —

# עֶלֶענְד.

סענדער האָט געהאַט זעקס ווייבער און וויל דאָס זיבענטע!

דאָס ערשטע ווייב זיינס געדענקט ער קוים. זיין פאָטער עליו השלום, ר' פתחיה, האָט איהם אַ מאָל אהיים געבּרענגט אַ זייגער'ל, דערנאָך האָט מען איהם אָנגעטהון אַ פוטער מיט אַ שטריימעל, דערנאָך האָט ער געגעסען אַ גאָלדענע יויך!.. ער קען זיך ניט דערמאַהנען, ווי דאָס ווייבעל האָט אויסגעזעהן; ער געדענקט אַ קלייד מיט אַ זילבּערנעם פאַס, אַ שטערנטיכעל, אַ פּאָר אוירינגל'עך, קיין פּנים נישט; זי האָט דאָך געמוזט האָבען אַ פּנים!

פאַר דאָס געדענקט ער, אַז פאַר דער חתונה, אַ חודש, העכּסטענס צוויי, איז ער געוואָרען בר מצוה. דעמאָלט האָט דער פאָטער, אַ בעלזער חסיד, גענומען ביי איהם פאַר'ן גאַנצען עולם האַנד־תּקיעת־כּף, אַז ער וועט זיך ניט אויסלערנען קיין פרעמדע מנהגים ביים שווער אין הויז, ניט געהן אין שווערס דרך, ניט ווערען קיין קאָצקער, קיין מאָל ניט עובר זיין זמן קריאַת שמע, און יאָהר ביי יאָהר עולה רגל זיין קיין בעלז.

דער שטעדטישער רב, אויך אַ בעלזער האָט איהם געגעבען אַ קניפּ אין בעקעל פאַר דער דרשה. דערביי האָט ער איהם געזאָגט, אַז תורה אַליין איז נישט מציל מדינו של גיהנם, א והא ראיה דער גאון, ער איז דאָך געווען אַ למדן מופלג, טאַקי אַ גאון, און איז היינט פאָרט אין אַ קליינע מדרגה... ער זיצט אין פערדרהויז פון גן עדן איבער אַ ש"ס גמרא און לערנט, און דאָס האַרץ טהוט איהם וועה זעהענדיג, ווי פּראָסטע מענשען, וואָס קענען קוים עברי, שפּרינגען איבער'ן אַריבער גלייך אין

גן עדן ; וואָרום באמת , זאָגט ער , דער עיקר איז כונה און אמונה . . . אמונה , זאָגט ער , אין זיין ליעבען נאָמען , און נאָך מעהר — אמונה אין דעם יוד וואָס . . .

וואָס . . . געדענקט ער שוין נישט , נאָר עס איז אויסגע־קומען , אַז עס איז שוין גלייכער צו עסען טרפות ונבלות איידער צו פאָהרען קיין קאָצק . גלייכער צו זיין אַ כלב , אַנ׳ אַפּיקורס , איידער דעם בעל־זער און גאָט ברוך הוא להכעיס , טאָג אויף טאָג עובר צו זיין זמן קריאת שמע , און אַזוי ווייטער . . .

און באַ״ד נאָך דער חתונה האָט זיך אָנגעהויבען דאָס גיהנם ! . . . ער איז שיער נישט געשטאָרבען פאַר הונגער ; ער פלעגט אָבדאַוונען אַכט אין דער פריה און עסען געהט מען צוויי ביי נאַכט , ווען ער איז שוין געלעגען און געשנאָרכט ערגיץ אויף אַ באַנק . . .

ער האָט אָנגעהויבען גנב׳נען עסען , אויסטרינקען , מיט דער הילף פון אַ שטרוי , די מילך , אַרויסחאַפּען פלייש פון טאָפּ ; גנב׳נען געלד און קויפען עסען . דער שווער האָט אָנגעהויבען פאַטשען , די שוויגער — צו שאָקלען איבער איהם מיט אַ קאָציובע , מיט׳ן בעזעם , מיט וואָס זי האָט געקריגען אין דער האַנד אריין , ביז ער האָט זיך איין מאָל מישב געווען און איז ביי נאַכט אַנטלאָפען . . .

מען האָט איהם געחאַפּט .

— די שייגאַץ , שרייט דער שווער , אַ ווייב געהט צו קינד אַנטלויפט מען .

ער האָט זיך קיים געגלויבט ! סטייטש ?

צום דריטען טאָג איז דאָס ווייבעל , ניעביך געשטאָרבען , אין קינפעט . עס האָט איהם שטאַרק וועה געטהון ; דאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אויסצוווינען , האָט איהם דער שווער אַראָבגעחאַפּט דעם ספּאָדעק , אויסגעטהון דאָס זייגער׳ל , אָפּ־געצויגען די יופּיצע און געגעבען אַ טאָלעץ אַרויס , אַז ער האָט אַזש די צייהן געקליבען .

ער געדענקט שוין ניט אפילו ווי אזוי ער איז אהיים גע־קומען. בעהילפיג זענען איהם געווען בעלזער חסידים. דעמאָלט איז ער אלט געווען 14 יאָהר. געזעסען איז ער שוין ביז 16. אין די צוויי יאָהר האָט דער פאָטער פערלאָזט אלע געשעפטען (ער איז געווען א תבואה־מעקלער) און אלץ געהאָט דין תורות מיט'ן מחותן. געלעבט האָט מען פון דער מאַמעס שטעל. דער פאָטער האָט זיך געריכט פונ'ם „קאָצקער חזיר" אלע האָר אויסצורייסען! און האָט אלע מאָל גענומען אויף הוצאות, אויף אנדערע טוענים, אנדערע רבנים, פלעגט שטענדיג אהיים צו קומען מלא כעס, און אריינוואַרפען סענדער'ן 14 פעטש:

— אזא נבלה ווי דו לאָזט זיך ארויסוואַרפען! אז די מאַמע האָט זיך אנגענומען, איז געוואָרען ערשט חשך. סענדער האָט גאָט געדאנקט, אז ער איז נאָך א מאָל געשטאַנען אונטער דער חופה. איידער מען האָט געבּרענגט די כלה, האָט ער מיט'ן גאַנצען האַרץ מתפלל געווען, דער שדוך זאָל שוין עולה יפה זיין. געוואוסט האָט ער, אז דער נייער מחותן איז שוין א בעלזער. אז ער וועט שוין נישט דאַרפען גנב'נען און האַפּען פון די פעפ. נאָר, „רבונו של עולם", זאָל זי ניט שטאַרבען אין קינפעט, זאָל זי שוין בעסער זיין אנ'עקרה.

ער ווייסט, אז ווען נישט וואָס יענע איז געשטאָרבען, וואָלט ער פאָרט אויסגעהאַלטען די צוויי יאָהר קעסט! דערנאָך וואָלט געווען קעסט ביים טאַטען. אלע מכות וואָלטען זיך אויסגעהיילט... ער וואָלט נישט אהיים געפאָהרען נאַקעט און בלויז, ווינטער אין גרעסטען פראָסט...

אז ער האָט זיך דערמאַהנט אין דער קעלט, האָט ער אונטער דער חופה אנגעהויבען אינערליך שטאַרק צו וויינען. ער האָט ניט געהערט, ווי מען האָט איהם בעוואָרפען מיט שניי, געשטאָבען מיט שפּילקעס, ווי די כלי־זמר האָבען געשפּיעלט, ווי מען האָט מיט דער כלה אַרום איהם זיבען רעדלעך געמאַכט, ווי דער חזן האָט געזונגען... און, אז מען האָט איהם מקריא געווען דעם „הרי את", האָט ער אין האַרץ אויסגעשריגען:

— רבונו של עולם בעסער, אַנ׳עקרה!

און ער האָט עס געבעטען אין אַ בייזער שעה.

געווען איז זי אפילו, דערצעהלט ער, אַ חנ׳ודיג ווייבעל, אַ גאָר נישט־קשה׳דיג ווייבעל! אַ בריה, אַ גוטע... זי איז איהם געקראָכען אונטער די נעגעל. אין אַ לוסטיגע יודענע, קיין שמייגער, נישט קיין, ווי רופט מען עס, נישט קיין טשמאַי, נאָר פערקעהרט! אַ לאַך, אַ שטיף ביי דער וויעטשערע — דעם שווער האָט עס אפילו אַ מאָל געאַרט.

— נאָר איך, דערצעהלט ער, איך האָב באמת שטאַרק הנאה געהאַט דערפון. טאַקי, עס איז ליכטיגער געוואָרען אין שטוב! איהר ווייסט נישט, אַ גוט ווייב איז פרעהליך. נאָר וואָס קומט אַרויס — אַנ׳עקרה! און אפשר וואָלט איך מיך מיט איהר פּאָרט נישט געג׳גט; אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַז מע׳קניפּט זיך צו עמיצען צו, איז שווער זיך אָבצורייסען, און צוגעקניפּט בין איך געווען, אמת, נישט צו איהר, זעהסט דו, אַ יודענע איז אַ יודענע, נאָר צו דער שמחה! צו דעם שמייכעלע, פון וועלכען עס פלעגט מיר וואַרעם ווערען אין אַלע אברים... אָבער ערשטענס האָט מיך די מאַמע בעשיט מיט ביטערע בריעף, זי וויל אַנ׳אייניקעל! צום שלים־מזל בין איך געווען אַ בן יחיד; די מאַמע, עליה השלום, האָט קיין אַנדערע אייניקלעך נישט געקענט האָבען! עס איז איהר ממש געגאַנגען אין לעבען. יעדער בריעף איז אויסגעווייקט געווען מיט טרערען. דער טאַטע האָט פאַר כעס גאָר אויפגעהערט צו שרייבען; ער האָט מיך גאָר פאַר־מסר׳ת פאַר׳ן רבי׳ן... אין דער לעצטער צייט איז זי גאָר אַנדעריש געוואָרען, פערלוירען די שמחה, עפּיס די אויגען האָבען איהר אָנגעהויבען רויט צו ווערען, און וואָס זי האָט מיך אָנגע־קוקט, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ בעטש... זי האָט, אַ פּנים, מורא געהאַט פאַר אַ גט.

געוואָהנט האָבען מיר צוזאַמען מיט׳ן שווער. דער נדן איז נאָך געווען איינגעלעגט, דער שווער האָט מורא געהאַט אַרויס־צוגעבען דאָס שלישית; איך האָב איהם נישט וואָס פאַראיבעל

צו האָבען: אָהן קינדער רייסט זיך עס ווי אַ פּאַרעס... געלעבט האָט מען פון פּראָצענט. געזעסען צוזאַמען אין איין שטוב; עס איז אפילו נישט מעגליך געווען אַ וואָרט צו רעדען... און זי האָט מיך נאָר אָנגעקוקט און געקאַפּעט מיט טרערען. עס איז אויף איהר רחמנא לצלן, אַנ'איבערקערעניש געקומען... אַ העלפט איז פון איהר, רחמנא לצלן, געבליבען, און די געבליבענע העלפט איז, זאָל גאָט שומר ומציל זיין, גרין און געל און איינגעשרומפען... פון דעסטוועגען האָב איך געהאַט שטאַרק רחמנות, שטאַרק רחמנות... עס האָט מיך געשניטען ביים האַרץ...

טרערען קומען איהם אין די אַלטע אויגען אַריין.

„נאָר וואָס האָב איך געוואָלט טהון! דער רבי האָט גוזר געווען! דער שווער איז בעשטאַנען (אמת, ער האָט דעם גאַנצען נדן צוגענומען), דער טאַטע איז געקומען... מען האָט מיך אָבגעג'גט".

„איך בין שוין דעמאָלט געווען קרוב לשלשים, אַ זיבען, אַכט און צוואַנציג יאָהר, און בין צוריק געפאָהרען צום טאַטען..."

דער מסחר דערוייל איז געפאַלען, קיין געלד איז נישט געווען, און אונזער סענדער ווערט אַ מלמד.

אַ מלמד קאָן נישט זיין אָהן אַ רבי'צין.

6 יאָהר איז ער געווען מלמד, און 3 ווייבער האָט ער געהאַט אין די זעקס יאָהר: איינע האָט איהם גע'גט, צוויי האָט ער גע'גט; איינע איז גלאַט געווען רחמנא לצלן אַ שלים-מזלניצע, ער האָט זיך אין גאַנצען גענאַרט: מען האָט איהם איינגערערט, אַז זי איז אַנ'אלמנה, צום סוף איז זי געווען דאָס פיערטע מאָל אַ גרושה, ער איז געווען איהר פינפטער מאַן, אַ קלייניגקייט! מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט איין קינד, געברענגט האָט זי פינף! נאָך אַ מערכה וואָס די רעשט האָט זיך ביי איהר נישט געהאַלטען, וואָרום געהאַט האָט זי מיט יעדען מאַן דריי און אַפשר פיער.—

און „עס איז זי שווער געווען, דערצעהלט ער, צו גט'ן! אזא שלים=מזל, אזא מחוסר דעה, אז עס איז כמעט ניט מעגליך געווען, ניט מיט איהר צו לעבען, ניט צו געבען איהר א גט.

„וואס קלעהרט איהר, איך בין גוט אריין אין דער בלאטע! א יודענע דאכט זיך, וואס איז דער חלוק? וואס איז? עולם הזה דארף איך? באמת א מלמד, ווער האט צייט דערצו? נאר א גולם, רחמנא לצלן! מען מוז מיט איהר קאמאנדיערען: שטעה אויף, שטעהט זי אויף, טהו דיך אן — פאלגט זי. לעג אן א פייער, קאך דאס און דאס... איז זי אלץ מקיים, נאר אליין — גאר ניט. אז איך האב פערגעסען איהר צו זאגען וואס צו טהון, האט זי זיך אליין קיינמאל ניט דערמאהנט! וואס קלעהרט איהר? איך האב דורך איהר דאס מעמד פערלוירען. איך האב געמוזט געהן אויפ'ן טארג, קויפען עסען, אנטהון די קינדער; ניט מיינע, פרעמדע קינדער! איך האב נאך אזא גולם ניט געזעהן! זי האט גאר קיין נשמה ניט געהאט, רחמנא לצלן, אז מען האט זי גערארפט דערמאהנען צו עסען! א רוח אין פיטעל שדכנ'ס טאטענס טאטען אריין! דאס האט ער מיר די מציאה אנגעהאנגען. — באשר — זי האט געהאט 250 רו"כ פון די מאנען וואס האבען זי גע'גט, יעדערער האט זיך ממש אויס=געטהון ביז צום העמד! און ווייטער דאס אייגענע, דאס געלד איז געלעגען איינגעלעגט ביי א פעטער און ער האט קוים געגעבען דרייצעהן פראצענט.

איך האב געמיינט — עס איז מיין עק. רעד צו איהר, ענטפערט זי ניט; זי ווייסט גאר ניט וואס מען רעדט צו איהר! און א טבע האט זי געהאט אז זי האט ניט געקענט ליידען איהרע אייגענע קינדער. וואס איינס איז צו איהר צוגעגאנגען, א טראך, א זעץ, א קניפ. די קולות זענען געגאנגען עד לב השמים... איך האב איהר אמאל פאר כעס געווארפען א לייבטער, עס טהוט מיר עד היום באנג, באמת, וואס איז זי שולדיג געווען! רחמנא לצלן, עס האט עפים געמוזט זיין

אַ קרענק אַווינע, מען איז מיט איהר אויסגעפאָהרען צו אַלע רביים, און קיינער האָט איהר ניט געקענט העלפען".

און סענדער האָט דאָס פערשטאַנען על פי דרך הטבע: אַ דאָקטאָר, להבדיל, קען אויסהיילען אַ קראַנקען פוס, אָבער, אַז עס איז גאָר קיין פוס ניט דאָ? לאָמט מען טאַקי ביז אין טויט אַריין. אַ רבי! להבדיל, היילט אַ קראַנקע נשמה; אָבער גאָט זאָל היטען, אַז מען האָט איהר, כביכול, פערגעסען אַריין צו בלאָזען די נשמה, קען קיין גוטער יוד ניט העלפען, בלייבט מען אַ חיה, אַ בהמה ביז אין טויט אַריין.

„און איידער איך בין איהרער פטור געוואָרען! אַ סך רבנים האָבען זי גאָר נישט געוואָלט צולאָזען צו אַ גט. באשר — זי האָט נישט קיין שכל צו וועלען אַ גט. הערסט אַ מעשה! זי זאָל האָבען שכל, וואָלט זי זיך דאָך נאָך געוועלטערט מיט'ן ערשטען מאַן! און אַז איך האָב שוין יאָ אַזאַ רב געקריגען, וואָס איז בעשטאַנען, האָט געדויערט פון פסח ביז סוכות, איידער מען האָט זי אויסגעלערענט וואָס זי זאָל זאָגען.

„און זי וואָלט באמת נישט געקענט, ווען נישט די רבי'צין, דעם רב'ס ווייב. אַזאַ ווייב. אַ חכמה, איז טאַקי אַ קרוין פאַר'ן מאַן, אַ מחיה. זי איז געפאַלען אויפ'ן שכל, האָט זיך איהר געשטעלט קעגען איבער, געשאָקעלט מיט'ן קלוגען קאָפ אויף יאָ, איז געוועזן יאָ"!

פאַר דעם האָבען איהם שוין אָבגע'גט די אַנדערע צוויי: איינער איז ניט געפעלען זיין קאַלטאַנעוואַטע באָרד; זי האָט, זאָגט זי, פיינד אַ קאַלטאָן.

„און וואָס זאָל איך טהון, אַז איך האָב אַ קאַלטאָן? איך ווייז איהר ווי איך לעג יעדער אַרויסגעפאַלענע האָר אין דער גמרא אַריין, איך גיב איהר צו פערשטעהן, אַז אַ באָרד איז אַ דבר שבקדושה; אַז יודען שווערען ביי דער באָרד ווי בנקיטת חפץ; זי זאָגט אָבער, אַז מיין באָרד נודזיעט זי, אַז זי קען גיט עסען, אַז זי גיט צוריק יעדען ביסען!

— נו וואָס טהוט מען מיט אַ באָרד? פרעג איך זי.

— שלאָג דיר, שרייט זי, מיט איהר קאָפּ אין דער וואַנד, אָדער גט מיר.

און איך האָב מיך איינגעשפּאַרט: באין אופן! עס איז פיד אין איהר נישט געגאַנגגען... עס איז מיר פּשוט נמאס ומאוס געוואָרען דאָס גט'ן מיט'ן חתונה האָבען. ווער האָט צייט און קאָפּ דערצו? איידער איך האָב געקריגען תלמידים, איידער וואָס, געה וויטער גט זיך, האָב חתונה און פּערליער פון דאָס נייעס דאָס מלמדות! און צום שלים-מזל איז אין שטעדטעל געווען אַ טייך אָהן אַ נאָמען, מוז מען זיך פאָהרען גט'ן. אַ שעהן עסק! און די בעלי בתים זוכען נאָר אַ תירוץ אָבצורייסען פון מלמדות. זי וויל אָבער אַ גט און איך שריי: געוואַלד, וואַרט מיר אַ יאָהר, אַ זמן, — זי וויל ניט הערען און געדענקען, אַ גט און אַ גט!

איך האָב מיך מישב געווען און דער אַרורה ניט גע-ענטפערט; איך זיץ און לערן... שטעלט זי זיך איבער די תלמידים און שרייט: אַ גט! אַ גט! הויבט גאָר אָן צו וואַרפען אין דר'ערד די אַנדערטהאַלבען טעלער!

מיין מערכה איז נאָך געווען, וואָס זי האָט זיך גע'מיאוסט צו מיר צוצוגעהן, אַזונסט וואָלט זי מיר נישט איינמאָל די באָרד אויסגעריסען! עס איז געווען אַ ווילדע חיה, אַ קצב'ס אַ טאָכטער, אַנ'אַלמנה נאָך אַ שניידער! פערשטעהט איהר דעם יחוס!

איך האָב קוים געפועלט ביי די בעלי-בתים. זיי זאָלען מיך לאָזען קנעלען אין בית המדרש, קומט זי אין בית המדרש און שרייט אין מקום קדוש: אַ גט! אַ גט! טהו עפּיס!

זי לאָזט שבת אין שטיבעל ניט אויסגעמען!

די צווייטע וואָך האָב איך שוין געקנעלט ביי די בעלי-בתים אין דער היים, עס איז געבליבען—אַ וואָך אום אַ וואָך. די בעלי-בתים האָבען שוין אויף מיר רחמנות געהאַט, פון שטיבעל האָט מען זי שוין אַ פּאָר מאָל אַרויסגעוואָרפען. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז זי האָט זיך מישב געווען און אויפגע-

הערט צו קאָכען, צו וואַשען גרעט! אויסיקעהרען די שטוב און צו געהן טהרה... וואָס קלעהרט איהר, זי האָט מיך דערדליבעט איך האָב איהר געמוזט געבען גט!

די צווייטע וואָס האָט מיך געגט, איז עפּיס געווען גאָר אַ נייע מאָדע שלים־מזל. איך האָב שוין אַ גליק צו ווייבער! רחמנא לצלן, אַלע בלאָטעס טשעפּען זיך צו מיר! מענשען האָבען מזל צו אַלעם, אפילו צו ווייבער. ביי לייטען איז דאָ ווייבער ווי גאָלד! נאָר איך נעביך! וואָס זאָל איך אייך זאָגען. דאָס איז געווען אַזוינס, וואָס די וועלט פערמאָגט עס ניט. און אַלץ פּייטעל שרכן! די ערד זאָל איהם אַרויסוואַרפען, עס איז נאָך אַזאַ פּושע ישראל ניט געווען! און ער — גאָר נישט, דער פּושע ישראל!... וואָס בין איך, זאָגט ער, שולדיג? איך זעה אַ ווייבעל, רעד איך איהר אַ שדוך! איך וויים וואָס ביי איהר אין האַרץ איז? פון וואַנען זאָל איך וויסען אַז זי וועט נאַראָווען? מ י ר געפעלט דיין באָרד! און ער האָט מיך ווייטער אַריינגעפיהרט אין אַ צרה. וואָס פרעגט איהר, ער האָט מיר געגעבען אַ שטומע! רחמנא לצלן, ממש אַ שטומע. די ערשטע פּאָר טאָג האָב איך מיך מחיה געווען; באמת אַ יודענע אָהן לשון, אויף אַלע צדיקים געזאָגט, פאַר וואָס נישט, כצפּיחת בדבש! אַ ווייב האָסט דו און קיין איינציגע קללה, אַ קליינינקייט! זי איז אָבער אויך געוועזען פון געמיינעם שטייגער, פין בעלי מלאכות און איך בין איהר אויך ניט געפעלען; איהר הערט אַ מעשה! נו נו! הויבט זי אָן איבער מיר צו בלאָזען שופר, אַזאַ קול האָט זי געהאַט — זי האָט זיך אויסגעריסען דעם האַלז! וואָס איהר איז ניט געפעלען, וויים איך ניט עד היום, נאָר זי האָט געבלאָזען שופר, געדראַפּעט, געקאָפּעט, געפּאַטשט, ביז זי האָט מיך אָבגעגט!...

עס איז ניט געווען אַזוי געשווינד ווי מען זאָגט; זי האָט איין מאָל פאַר כעס געקריגען דאָס חולי נופל אין מיטען שטוב, יאָ יאָ!

איינע נאָר איז מיר געשטאָרבען. דער אייגענער קעלבאָס

ניק פייטעל פערקויפט מיר אַ צוקראָכען מלבוש — אַ סוחאָטניצע אפילו אַ ניש'קשה'דיג פון אַ ווייבעל, כ'לעבען... נאָר געשפיגען האָט זי מיט בלוט און דאַר געווען.. וויים איך...

זי האָט, נעביך, ניט געהאט קיין פרעטענסיע. אַ פשוט, עהרליך ווייבעל, אַנ' אמת'ע אשה צנועה, ווי אַ ווייב דאַרף צו זיין, נאָר די קרענק האָט זי נעביך איפגעגעסען; ווי איך זאָג אייך: אַ צוקראָכען מלבוש! זי איז אפילו ניט מעוברת געוואָרען און איז איינגעשלאָפען ווי אַ הוהן. איך האָב געמיינט איך פערגעה פאַר צרות! וואָס דאָס האָט מיך אָבגעקאָסט, — אַ הון! און וואָס? גאָר ניט! כמעט גאָר ניט! איך האָב שוין אַזאַ מזל! זי איז געווען אַ גברא קטילא, און באַלד אין דער שבעה, — פייטעל איז דאָ! דער שטן, ימח שמו!

— איך האָב געוואוסט, זאָגט ער, איך האָב געטראַכט, זאָגט ער, קיין ווייב וועט ער נישט האָבען, נאָר ירושה, זאָגט ער, וועט ער נעמען... אצונד וועסט דו ערשט חתונה האָבען ווי אַ מענש.

— 50 טאָהלער איז קיין קלייניגקייט! וואָס דען, זאָגט ער, האָסט דו געמיינט? אַ שעהן ווייבעל, 50 טאָהלער, אָהן קינדער, און אָהן אַ פעהלער? הע, פאַר וואָס קומט דיר דאָס? באשר, — האָסט שעהן געדרשנט?

אין האַרץ האָב איך איהם געשאָלטען. נאָר על פי שכל האָב איך פערשטאַנען, אַז ער איז גערעכט; איך בין פערנאַרט געווען אין דעם מענש! איך בין געווען מלמד און ער וואָלט מיך ווייטער געפיהרט אין חדר אַריין!

ווי דער אמת איז, בין איך שוין, אַט אַ פנים, פאַר צרות אַזוי דערשלאָגען געווען, אַז איך בין ממש אָהן שכל גע-בליבען. און פייטעל האָט מיר ווייטער געדולט מיין קאָפּ מיט אַ ירושה, מיט אַ זיכערע ירושה, און שוין הונדערט טאָהלער... ער וואָלט מיך זיכער איבערגעדייבערט, ער האָט שוין אַזאַ כח געהאַט יעדען איבערצודייבער'ן, נאָר די מערכה איז געווען, אַז ער אַליין איז געשטאָרבען.

פון דעסטוועגען, זאָגט סענדער, איך בין דאָך אַ יוד אַנ'אַבציגער, פון דעסטוועגען, ווען עס טרעפט זיך מיר אַ גומער שדוך, וואָלט איך נאָך אַ מאָל געפּרובט חתונה האָבען! היינט איז אָבער אַלץ אין דר'ערד! עס איז קיין רעכטע יודענע און קיין רעכטער שדכן ניט דאָ... איהר מיינט יונגע לייט, אַז אַנ'אַלטען מאַן איז גוט צו זיין אַליין, גאָר גאָר אַליין, ווי אַ, ווי אַ וויאָרסט למשל אין מיטען וועג?... געהט שוין געהט... און אָהן אַ קינד! איך ווינש דאָס קיין יודען ניט, קיין שונא אפילו אויך ניט...

און דער גרויז-גראָהער קאָלטאָן האָט אָנגעהויבען ציטער'ן און די ברוינע-בלאָהע ליפּען האָבען געציטערט, די ברילען זענען פערגאַנגען און ער האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד, ווי איינער רעדט: פערפאַלען! —

# צווייטע אבטיילונג.

# ער׳ זכרונו לברכה,
# און זיינע מקורבים.

(פון פראסט חסידישען שטייגער).

## א) זכרונו לברכה׳ זיין התנהגות.

### I.

איהר פרעגט וועגען זיין התנהגות? זכרונו לברכה?

איהר וועט אפשר לאכען, נאר עס איז געוועזען א התנהגות פון א פשוט׳ען עהרליכען יוד; דער גאנג זיינער איז געווארען גאר אין פשטות אריין!

און דאס איז ביי מיר די העכסטע מדרגה!

אין יעדער זאך איז דאך דא א יצר הרע; א קיימא לן האבען מיר, אז וואס גרעסער דער בוים, איז גרעסער זיין שאטען, אזוי אויך — וואס גרעסער דער מענש איז גרעסער זיין יצר הרע; אזוי זאגט די גמרא!

און וואס קען זיין דער יצר הרע פון א גוטען יוד?

מדי שבת בשבתו זאגען סתרי תורה! טאג אויף טאג זאלען מלאכים ארומפליהען איבער די קעפ! דבוקים זאלען זיך פאשען יאהרען לאנג ביים טיש; עקרות און עגונות זאלען זיך ארומוואלגערן אין די ווינקעלעך!

דאס אלץ איז ביי אונז נישט געוועזען!

נישט איינער איז טאַקי געקומען און אַוועקגעפאָהרען מיט גאָר נישט.

אויף פראָסט איז זיך שווער צו פערשטעהן!

געלויבט איז אָבער השם יתברך, וואָס איך בין אויף איהם אַ מבין געוועזען!

עס איז מיר ווי אַ ליכט אויפגעגאַנגען אין דער פינסטערער נאכט!

## II.

דער סדר עולם איז: „מעשה אבות ירשו בנים״. וואוהין פאָהרט אַ יונגער מאַן? אָדער מיט'ן טאַטען, אָדער מיט'ן שווער! פאָהרען ביידע צו איין גוטען יוד, איז מה טוב; האָט ער גאָר קיין ספקות נישט!

ביי מיר איז אָבער אַנדערש געוועזען: מיין טאַטע, עליו השלום איז נישט געוועזען, נישט קיין חסיד, נישט קיין מתנגד, אַ כלי קודש געוועזען — אַ שמש אין אַ בית המדרש; האָט ער איבריגע צייט געהאַט, איז ער געזעסען און געלערנט. מיין שווער ווייטער, אַ מליץ יושר זאָל ער זיין, איז דוקא אַ פער־ברענטער מתנגד געוועזען! פערשטעהט זיך — בסתר, וואָרום בגלוי האָט מען שוין דעמאָלט אַביסעל פחד געהאַט פאַר אנשי שלומנו, נאָר, ווייסען וויים איך, — ער זאָל מיר עס דאָרט מוחל זיין, אַז אַ ויצמח פרקניה האָט איהם געשטאָכען אין דער זיבענטער ריפּ...

און פון דעסטוועגען בין איך צו דער דֵעָה געקומען גאָר להיפך:

איך בין נאָך דעמאָלט אַ שנעק געוועזען, אין גאַנצען צוויי שטיקלעך קינדער געהאַט, און האָב איינגעזעהן, אַז איין ערהליכער יוד צו זיין גאָר פון זיך אַליין איז זעהר שווער! יעדער יוד זאָל מלחמה האַלטען מיט'ן יצר הרע גאָר בעזונדער, ביחידות הייסט עס, יעדערער פאַר זיך, נישט אין ראַטעס און אָהן אָפּיצערן, וואָלט גאָר ביטער געוועזען!

וואָרום באמת, דער יצר הרע לאָקערט, דאָס נעץ איז פערשפרייט, און אַ מענש איז פעריאָגט און פערזונקען אין וועלט־זאַכען, ווער און ווען זאָל דאָ מנצח זיין?

דאָס איז טאַקי די כונה פון: „עשה לך רב"! צי „נְתְּנָה ראש"!

אָרעמע שעפעלעך, הייסט עס, זוכט אייך אויס אַ פּאַסטוך; איהר זאָלט נישט בלאָנדזיען איוף טהאָל און בערג און די חיות רעות זאָלען אייך נישט אויפעסען!

און מיט דער צייט איז ביי מיר געוואָרען ברור כּשמש אַז מען מוז פאָהרען.

זוגתי איז אפילו נישט זעהר צופריעדען געוועזען דערמיט... אַ נייע הוצאה, און זי איז די שפּייזערין געוועזען — עס איז דאָך אָבער נאַריש, נאָכגעהן איין אשה!

## III.

הכלל — פאָהרען, ווייס איך שוין, מוז מען; אָבער וואוהין פאָהרען?

קיין עין הרע, צדיקים איז, ברוך השם, דאָ אַ סך. זענען דען אָבער אַלע צדיקי אמת?

עס גלויבט זיך נישט; עס וואָלט צו גוט געווען!

משיח וואָלט שוין לאַנג געקומען; על כל פנים וואָלטען די גזרות רעות בטל געוואָרען...

און אַז די גזרות רעות וואַקסען פון טאָג צו טאָג, און חבלי־משיח קריגען נאָר די דייטשען, איז אַ סימן, אַז עס איז נישט ווי מען דאַרף!

וועט איהר דאָך פרעגען היכי־תמצא? עס פאָהרען אַזוי פיעל יודען, אַי לומדים מופלגים, אַי עהרליכע יודען, אַי גבירים — וועלט־מענשען, — ווי געשיקט זיך עס, אַז זיי זאָלען נישט זעהן, וואָס עס טהוט זיך?

מילא, אַ נאַרישער דייטש וועט אייך זאָגען: כלם גנבים, אַלע גוטע יודען שפּיעלען קאָוועדיע און די חסידים זענען שאָף

און רינדער, וואָס לאָזען זיך שערען, מעלקען און קוילען...
נישט איינער זאָגט אזוי!

מיר ווייסען דאָך אָבער, אַז אַ חסיד וועט נאָך אַריינגאַרען צעהן דייטשלעך אין אַ זאַק אַריין! —

אלא מאי?

די זאַך דערפון איז אַזוי:

עס ווערט נסתלק, למשל, אַ צדיק הדור, טאַקי איין אמת'ער צדיק; נו, לאָזט ער איבער אַ זוהן.. קיין פושע ישראל, חלילה, איז דער זוהן נישט; דאַוונען ערנסט דאַוועגט ער, אין מקוה אַריין געהט ער, זיצען זיצט ער און לערנט — פאָהרט טאַקי דער עולם צום זוהן... מען איז שוין צוגעוואָהנט צום הויז, צו דער שטאָדט, צו דער אכסניא, מען ווייסט שוין, וואו אויס און וואו איין, — איז טאַקי הרגל נעשה טבע און מען פאָהרט. אַביסעל רעכענט מען אויף זכות אבות — אַ טאַטענס אַ זוהן, אַ זיידענס איין אייניקעל!

ער אַליין איז אַוודאי נישט שולדיג... וואָס מען זאָגט דערויף אין די עולמות העליונים, ווייסט ער נישט. הינטען הערט זיך שרייט איין עולם: קדוש, קדוש, קדוש! גלויבט ער!

קיין גרויסער שאָדען איז דערביי אפילו נישט דאָ. קודם כל — רייסט זיך אַ יוד פון דער היים אַרויס, פון עולם הזה, צו פון גיהנם און פאַלט אין אַנדערען עולם אַריין, — אויס פרנסה, אויס דאגת־פרנסה, און מען דאַוועגט ברוב עם, צוהיצט זיך פון זיך אַליין!... און טרעפען טרעפט זיך אַז מתוך שלא לשמה בא לשמה—זכות אבות פון צדיק אַליין, דער זכות פון אַ כלל ישראל... און ער ווערט טאַקי איין אמת'ער צדיק!

נאָך וואָס אָבער זאָל איך מיך לעגען אין אַ קראַנק בעט אַריין?

האָב איך מיר געטראַכט: איך וועל אויספּרובען.

איך וועל אַזוי לאַנג פאָהרען, ביז מיין האַרץ וועט זיך ערגיץ צוקלעבען!

אֵיי וואָס, איך בין דער גרויסער למדן נ י ש ט, דער

בעל־מקובל אוודאי נישט — שומר פתאים ה׳! אַ מענש דאַרף האָבען בטחון!

און זיין ליעבער נאָמען האָט מיך נישט פערלאָזט!

## IV.

אָנגעהויבען האָב איך טאַקי ביי איהם, זכרונו לברכה!

ראשית — איז מיר נאָהנט געוועזען, און אַ באַהן דערצו, איך פאָהר מיר אַרוים אפילו אין קורצען פרייטאָג אין דער פריה און קום מיר פאַר'ן מרחץ!

שנית: איז געפאָהרען פון אונז וואָלף בער, אַ יוד אַ מופלג בתורה און אַ ירא שמים באמת, וואָס איז טאַקי ווייט צו זוכען; היינט־זשע — נאָסקע — אַ יוד אַ גביר, אַ בעל־צדקה — על כל פנים, מעג מען דאָך ביי אַזאַ רבי'ן אָנ־הויבען!

שלישית איז עס טאַקי, אין איין וועגס, געוועזען אַ גאָט־זאַך!

וואָרען ווייטער דאָס אייגענע. דער יצר הרע פון אַ חסיד איז „ממרחק יביא לחמו״—צו פאָהרען ווייט; למדינת הים וואָלט נאָך שענער געוועזען! דעריבער האָבען דאָך טאַקי די רביים אַזוי וועניג היימישע חסידים! און איך בין דוקא געפאָהרען, וואו נאָהנט, און האָב, ברוך השם, אָנגעשלאָגען! געקומען בין איך, — געדענק איך ווי היינט אויף אַ שבת שלפני ראש חדש; דער רבי זכרונו לברכה אליין האָט, כמנהגו, ראש־חדש גע־בענשט, און אַזוי ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט: „חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא!״ האָבען מיך אָנגעהויבען די טרעהרען צו ווערגען אין האַלז, דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען צאַפלען, גלייך עס האָט געוואָלט צו איהם אַרויסשפּרינגען! האָב איך געוואוסט, אַז איך בלייב!

## V.

דערנאָך ערשט האָב איך מיך צוגעקוקט צו זיין התנהגות...

אין אמת'ער עהרליכער יוד געוועזען! א גרויסער ירא חטא!

פארצייטישע יודען — פלעגט ער זאגען — זענען גרויסע גבורים געוועזען, אקעגען געהן אין מלחמה האלטען מיט'ן יצר־הרע און מכריע זיין, איז ביי זיי א שפילעכיל געוועזען; היינטיגע צייטען, זאגט ער, איז גענוג, אז מען קען אנטלויפען פאר'ן יצר־הרע. —

און ער איז אנטלאפען צעהן מיילען ווייט פאר א חטא.

עס איז דען נאכצודערצעהלען?

יין קדוש, למשל, גיסט מען אן מבעוד יום!

פאר וואס?

גאר פשוט: אנגיסען מוז מען פול מיט'ן אויג, טרעפט זיך, אז מען גיסט איבער און מען נעצט איין דאס טישטוך אים שבת; ביי ווייסען ווין איז מען א וועשער, ביי רויטער משקה — א פארבער!

אין זיין בית המדרש איז די שבת'דיגע תפלה אויפגע־שריבען געוועזען מיט געדרוקטע גרויסע אותיות אויף טאוולען, וואס האבען געהאנגען ארום די וואנד. מאי טעמא? א קיימא לן האבען מיר, אז מען דארף נישט מתפלל זיין אויסענוועניג, אין אז מען עפענט א געבונדרענעם סדור, קנייטשט מען אים שבת דעם בונד ביים רוקען!

זכרונו לברכה, ער מאכט זיך אמאל א מלבוש. און דער מנהג איז אזוי געוועזען, יעדען פסח גיט דער רבי פון זיך אראב דאס מלבוש איינעם פון די גרויסע מקורבים, דאס רוב וואלף־בער'ן, און ער איז מחדש א ניי בגד...

מיינט איהר דאך, אז א בגד מאכען איז א פשוטע זאך! מען נעמט אין געוועלב סחורה און מען גיט אוועק א שניידער, ער זאל אויפנעהען?

אבער גאר לא!

ערשטענס זענען שוין יענע שניידערס נישט געווארענט געוועזען אין יתיר! פערצייטענס פלעגט א שניידער פאר דער

פטירה הייסען זיך מאַכען איין אָרון פון טיש און געבען זיך די איל אין דער האַנד אַריין, צוויי עדות זאָלען זיי זיין פאַר'ן בית־דין של מעלה, אַז ער איז קיינמאָל נישט נכשל געוואָרען אין יתיר! היינט, בפרט די שניידער־יונגען, מאַכען זיך פון גאַנצען לא תגנוב אַ סך! וויל טאַקי דער רבי נישט, אַז דורך זיין מלבוש זאָל אַ יוד נכשל ווערען!

צווייטענס איז דער חשש פון שעטנז.

אין שעטנז איז נאָך אַ גרעסערע סכנה! ... אַז מען דאַווענט אין אַ מלבוש מיט שעטנז, — האָב איך פון פיו הקדוש אַליין געהערט און דערנאָך אין קב הישר געזעהן — קריגט די תפלה צובראָכענע פליגלען, קען זיך נישט אויפהויבען און וואַלגערט זיך דאָ, לא עליכם, אַרום אין שער האשפה! און הני מילי בשוגג, במזיד, פאַלט זי גאָר אַראָב אין שאול תחתיה, און ווערט אַ קרוין צום קאָפּ פון יענעם בחור, רחמנא ליצלן...

דאָס וויל ער דאָך אַוודאי נישט! הערסט דו, זיין תפלה דאַרף דאָך אויפהויבען און פיהרען מיט זיך אין שערי דמעות אַריין, די תפלות פון · קיין עין הרע, איין עדה יודען!

נעהט מען טאַקי דאָס מלבוש ביי'ם רבי'ן, זכרונו לברכה, אין שטוב; חסידים האַלטען וואַכטע: צוויי אויס, צוויי איין, און אפילו דעם פאָדעם צום מלבוש דרעהט מען אויך ביי'ם רבי'ן, זכרונו לברכה, אין שטוב, אונטערן גבאי־ראשון'ס השגחה!

עס איז דען אויסצודערצעהלען? הרים וגבעות!

## VI.

דער עיקר שאַרף איז ער אָבער געוועזען בנוגע צו נשים; איינמאָל פאַר אַלע מאָל קיין נשים לאָזט מען נישט אַריין.

אַ שומר הבית איז דעריבער טאַקי געוועזען איין ערל...

אַ יוד, להבדיל, חכמה'ט זיך, פאַר צוויי מאָל ח"י מאַכט ער זיך אַ היתר און לאָזט אַריין איין אשה... הלמאי אַנדערע גוטע יודען לאָזען אַריין; טהייל האָבען סאַמע נשים!

איין ערל אָבער פערשטעהט קיין חכמות נישט. אַז מען זאָגט ניין, טרייבט ער מיט אַ בעזעם; ממית'ט ער, אַז מען קומט צו צום טהיר'ל!

און אַ טביעת־עין האָט ער איהם איבערגעגעבען ער זאָל אין מיטען דער נאַכט מבחין זיין בין זכר לנקבה! אַ מיל ווייט דערקענט ער שוין דאָס קול, די טריט...

און עס האָט נישט געשאַדט.

האָט ער דעם ערל אָבגעשאַפט, האָט ער איהם תוך־כדי־דבור צוגענומען דעם טביעת־עין!

ער האָט אפילו אַ גרויסען היזק געהאַט דערפון, נאָר, זעהסט דו שוין!

הלמאי מען האָט נישט אַריינגעלאָזט קיין קאַפּעלוש, קיין שטייפען קאָלנער אפילו!

אַז ער גיט שלום־עליכם, קריכט ער אַריין מיט אַ פינגער אין אַרבעל, צי ער וועט נישט דערטאַפּען אַ מאַנקעט!

האַלב וואַרשוי האָט ער דאָך היזק געהאַט דעריבער! די וואַרשויער ווערען דאָך געבוירען אין קאַפּעלושען!

נאָר נשים איז געוועזען סכנות־נפשות! ער האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, — מיט'ן יאַמפּאָלער האָט ער געטהון... די חתונה איז געוועזען ביי איהם, זכרונו־לברכה, האָט מען דאָך דעם טאָג געמוזט אַריינלאָזען נשים. נאָר כעלית־הבוקר דעם צווייטען טאָג האָט מען אַלע בענק, וואו ווייבער זענען געזעסען, אָבגעהובליוועט כדי קליפּה!

און דערביי, זעהט איהר, בין איך שוין אַליין געוועזען!

מען האָט ביים רבי'ן, זכרונו־לברכה, די קיך פערריכט.

דאָס קאַליע ווערען פון דער קיך איז נישט געוועזען פשוט! מען ווייסט נישט פון וואַנעט און פון ווען האָט אין קיך געטהון אַ שטאַרקען בלאָז, ווי פון אַ שטורם־ווינד; דערנאָך האָט געגעבען אַ קנאַק, גלייך אַ דונער וואָלט אַריינגעשלאָגען; מען לויפט אין קיך אַריין — אַראָבגעפאַלען דער שיבער און אַ האַלבע קיך איז צולעגט! דער רבי, זכרונו־לברכה, איז אויך אַריינגעקומען!

— מעשה־נסים — האָט ער געזאָגט — וואָס קיינער איז נישט ניזק געוואָרען. נאָר די סבה פון דער זאַך, האָט ער נישט מגלה געווען!

מילא, רופט מען איין ערל, ער זאָל פערריבטען די קיך!

בין איך דאָך אַ בעל־עסקן אויף אַזוינע זאַכען, שטעה איך און קוק ווי דער ערל פערריכט, און אַ קליין שייגעציל קנעט אויס לייהם אין אַ שעפיל. דער גבאי, וואָס מען האָט געשטעלט פאַר אַ משגיח צו דער אַרבייט, פערלאָזט זיך אויף מיר, און דרימעלט איין אַביסעל.

פלוצלינג בעוויזט זיך דער רבי, זכרונו־לברכה, נאָך אַמאָל! ער וואַרפט אַ בליק אויפ'ן שעפיל און פרעגט:

— מילכיג צי פליישיג?

איך בין נבהל ומשתומם געבליבען, דער גבאי אָבער האָט זיך דערווייל אויפגעחאַפּט און ענטפערט איהם:

— דעם ערל'ס שעפיל!

ווערט ער, זכרונו־לברכה, אַש־להבה, הייסט אָבהאַקען די קיך, אַרויסוואַרפען דאָס געקנעטענע לייהם, קויפען אַ נייפאַרווע שעפיל און אויפס ניי קנעטען און פערריכטען!

קיין ניי שעפיל האָט מען נישט געקריגען (שוין לאַנג קיין יריד נישט געווען) האָט מען געמאַכט אַ גריב'ל אין דער פאָדלאָגע און געקנעטען לייהם!

דער גבאי האָט געקריגען אַ נזיפה.

## VII.

און דאָס אהבת־ישראל איז ביי איהם געווען אין־לשער.

דאָס זענען זיינע ווערטער:

— „ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם" — מען דאַרף טהון פאַר זיי... אַרבייטען פאַר כל ישראל!

— „אשר יצא ואשר יבא לפניהם" — פאַר יעדען איש

מישראל דאַרף דער מנהיג־הדור אויסגעהן און אונטערגעהן ; זיך מוסר־נפש זיין הייסט עס !

און אַז עס האָט זיך געהערט אַ נייע גזרה, ווי ער זכרונו־לברכה האָט געזיפצט, ווי ער, נעביך, האָט געקרעכצט — — —

און וואָס האָב איך געדאַרפט מעהר ?

## VIII.

איין עצה אויף פרנסה האָט מען ביי איהם אַוודאי גע־קריגען.

אַ פאָר וואָכען איידער ער איז נסתלק געוואָרען, האָב איך מיך פאַר איהם געקלאָגט, באשר בבן, זוגתי לייזט זעהר ווייניג ! זאָגט ער מיר : פאָהר אַמאָל אריין קיין וואַרשוי.

מיין איך, אַז איך וויים, וואָס ער מיינט !

אין וואַרשוי, פערשטעהט איהר מיך, האָב איך אַ קרוב, אַ יוד איין עושר, אפילו איין איש מכובד ביי יענע לייט — אַ גאַנצער מאַכער אין קהל־שטוב. קלער איך מיר, ער מיינט, איך זאָל צו איהם פאָהרען און זיך משתדל זיין מיט זיין הילף, זיך צו עפּיס צוצושלאָגען.

וואונדערט מיך אפילו. וואָרום געלד בעטען ביי איהם, איז אַ ברכה לבטלה ; אַ קמצן אַ גרויסער, קיין האַרטען דרייער גיט ער נישט אומזיסט, האַלט זיך פאַר אַ חכם־עתיק, וויל די וועלט פערזואָרגען און פרעגט באַלד אויף אַ תכלית ; פאַר אַ האַרטען דרייער וואָלט ער געוואָלט זיך קויפען עולם־הבא און מיך בעוואָרענען מיט עולם־הזה חאָטש אויף אַ יאָהר צוואַנציג ! בעטען אַ שטעל, האָב איך שוין געפּרובט ! האָט ער מיך גע־פרעגט, דער שוטה, צי איך קען פוילישׁ !

נו, מילא, אַז ער הייסט אָבער פאָהרען, פאָהר איך. איך וועל שוין זעהן וואָס צו טהון, איך וועל שוין עפּיס אויס־קאַשפּערן !

ווייזט זיך אָבער אוים, אַז ער זכרונו־לברכה האָט גאָר עפּיס אַנדערש געמיינט.

איך זיץ אויף דער באַהן, איך גיב אַ קוק, זיצט נעבען מיר אַ ספּאָדיק׳ל, אַ וואָרט צו אַ וואָרט: וואו פאָהרט אַ יוד? לכתחלה שווייגט ער; ציה איך איהם ביי דער צונג, קומט אַרויף ווי בוימעל אויפ׳ן וואַסער, אַז דאָס איז אַ קליינשטעדטיל־דיג רב׳ל, און ער פאָהרט אַריין קיין ווארשוי, און וויל דאָרט ווערען רבין...

וואָס קלערט איהר? איך האָב אַ פינף־און־צוואַנציגער, איך זאָל רעדען פאַר איהם אַ גוט וואָרט ביים קרוב.

נור איין עהרליכער מאַן בין איך! בפירוש הותנה אַז איך דאַרף נור רעדען, צי עס וועט פועל׳ן, איז שוין נישט מיין זאַך.

דעם סוף פון דער מעשה, ווייס איך נישט עד־היום, נאָר אַ פסח האָב איך געמאַכט, אויף כל־ישראל געזאָגט!

---

## ב) זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דֶעם רֶבִּי׳נְס מְקוֹרָבִים.

### IX.

דעם רבי׳ן, זכרונו־לברכה׳ס מקורבים האָב איך שוין דערמאָהנט.

ערשטענס: וואָלף־בער!

ער, זכרונו־לברכה, פלעגט זאָגען: וואָלף־בער איז אַ יוד! דערנאָך ערשט איז געגאַנגען נאָכקע!

און עס איז קיין וואונדער נישט.

וואָלף־בער האָט די זכיה געהאַט צו לערנען מיט׳ן רבי׳ן אין איין חדר. מען זאָגט אפילו, אַז וואָלף־בער איז מעהר עלוי גע־וועזען, און פלעגט דעם רבי׳ן מבייש זיין! נאָר איינמאָל איז ער דערפאַר געשטראָפט געוואָרען; יונגלעך, האָבען זיי אַמאָל גע־קלעטערט אויף אַ דאַך, און וואָלף־בער מאַכט צו איהם: ועהסט, קלעטערן קאָנסט דו, קיין מעשה נישט, אָבער לערנען?...

תּוך־כּדי־דבור איז ער אַראָבגעפאַלען און געמאַכט זיך אַ לאָך אין קאָפּ. ער האָט זיך אפילו אויסגעהיילט, נאָר דער חתוך־הדבור איז איהם קאַליע געוואָרען, און ווען ער האָט געוואָלט ווייזען זיין חריפות, האָט ער אָנגעהויבען שטאַמלען און שטאַמלען, און האָט נישט געקאָנט אויספּיהר'ען, וואָס ער האָט געוואָלט. ער פלעגט מעהר רעדען מיט די הענד, ווי מיט'ן מויל...

נאָר געוואוסט האָט מען, וואָס פאַר אַ כלי דאָס איז.

ער האָט אַ גוטען שדוך געטהון, נאָר אָהן מזל, האָט ער אָנגעוואָרען דאָס געלד, און איז געקומען צום רבי'ן פאַר אַ מלמד!

אז דער רבי האָט ביידע זיהן חתונה געמאַכט, האָט ער אין וואָלף בער'ן נישט פערגעסען.

עס איז געוועזען חול־המועד־סוכות. געהט דער רבי צו צו נאָסקען, גיט איהם אַ קלאַפּ אין פּלייצע אַריין און זאָגט איהם.

— ביסט טאַקי אַ בעל־צדקה, נאָסקע, וועסט האָבען עולם־הבא, נאָר לערנען קענסט דו נישט; און אויף יענער וועלט, וועט מען דיך ערשט שיקען אין חדר אַריין!

— וואָס זאָל איך טהון, רבי!

— נעם דיר — זאָגט דער רבי — אַהיים וואָלף־בער'ן. מאַך איהם דאָרט אַ מעמד, און מיט דיר זאָל ער לערנען יעדען טאָג פאַר'ן דאַוונען אַביסעל משניות.

וכך־הוה: וואָלף־בער האָט זיך בעזעצט אין אונזער שטעדטיל.

## X.

לאַנג געוועסען איז ער דאָך נישט.

אין עטליכע יאָהר אַרום איז נאָסקע געווען מיט וואָלף־בער'ן צוזאַמען אויף ראש־השנה. געקומען זענען זיי אפילו נישט צוזאַמען. נאָסקע פאָהרט, גלייך מיט אַלע, מיט דער בערג,

און וואָלף־בער וויל נישט היזק האָבען זיין שכר־הליכה און געהט צו פוס. מיר זענען זיך נוהג און פאָהרען מיט דער באַהן, און אויף שכר־הליכה לויפט מען איבער די וואַגאָנעס! וואָלף־בער אָבער וויל נישט! דערפאַר צוריק נעמט איהם נאָסקע אויף זיין חשבון; צאָהלט ער פאַר איהם עטליכע קאָפּיקעס דעם קאָנדוק־טאָר. טרעפט זיך אַז וואָלף־בער שטעלט זיך דאַוונען, און עס קומט אָן דער קאָנטראָלער — עס איז דאָך נאַריש, ער וועט דאָך נישט ווארפען מיט טלית־ותפילין פון וואַגאָן — צאָהלט נאָסקע פאַר איהם קנס!

אַז זיי ווילען צוזאַמען פאָהרען, געהען זיי צוזאַמען אריין זיך געזעגענען.

נאָסקע לאָזט איבער אַ מתנה, כמנהגו — דעמאָלט, דאַכט זיך, אַ ווייס־אַטלאַסענע קאָלדרע — און רעדט וועגען פרנסה.

שמייכעלט דער רבי:

— ביסט אַ עניו, נאָסקע; רעדסט וועגען פרנסה און מיינען מיינסט דו עשירות.

— וואָלט אויך נישט געשאַדט — ענטפערט נאָסקע — אָרעמע לייט איז דאָ אַ סך, אַז מען קען מעהר צדקה געבען איז בעסער!

איך וועל אייך שפּעטער דערצעהלען, וואָס פאַר אַ בעל־צדקה נאָסקע איז געוועזען...

און דער רבי זאָגט: מהיכא־תיתי! אויף מזל וועל איך צוגעבען אַ שותף!

וואָס מיינט נאָסקע?

עס קומען אַ סך גבירישע יונגע־לייט איין עצה פרעגען, צו וואָס זיי זאָלען זיך נעמען, וויל איהם דער רבי איינעם אַזוינעם צושאַנצען פאַר אַ שותף.

מהיכא־תיתי! געשעפטען האָט נאָסקע געהאַט אַ סך, אפילו גרויסע געשעפטען, נאָר קיין מטמונים האָט ער נאָך דעמאָלט נישט געהאַט, און געלד פלעגט אַמאָל פעהלען! און אפשר גאָר — טראַכט ער ווייטער — וויל דער רבי אַליין זיין

א שותף! — דער גערער און אַנדערע גוטע־יודען זענען זיך אויך אַזוי נוהג! טאַנצט ער טאַקי אונטער פאַר שמחה.

דער רבי האָט אָבער גאָר עפּיס אַנדערש געמיינט:

— איך גיב דיר — זאָגט ער — וואָלף־בער'ן פאַר א שותף! עפּיס זעהט ער מיר שלעכט אויס! האָב אויף איהם השגחה, און אין זיין זכות קען א יוד ווי דו נתעשר ווערען!

נאָסקע בעשטעהט, וואָלף־בער אָבער וויל נישט און ער בייזערט זיך:

— וואָס קענט איהר מיך אַליין נישט בענשען? אַז איך וועל זיין איין עושר, וועל איך זיין — זאָגט ער — א גרעסערער בעל־צדקה פאַר נאָסקען!

איז דאָך די מעשה ווי ביי אליהו־הנביא, אַז עס איז דאָ אַביסעל בוימעל אין קריגעל, איז חל די ברכה, אָבער אַז דאָס קריגעל איז לעדיג?

און וואָלף־בער האָט שוין פאַר חולשות אַפילו דאָס טלומרות אַוועקגעוואָרפען! מיט איין נאָסקען וואָס ער האָט נאָך געלערנט!

האָט ער אָבער זיך איינגעשפּאַרט! „אַז מתנת בשר ודם", זאָגט ער, וויל ער בעסער ביים רבי'נס טיש...

— וואָס רעדסט דו וואָלף־בער?!

וואָלף־בער שרעקט זיך נישט:

— כל־זמן איהר וועט מיך אַליין נישט בענשען מיט פרנסה בכבוד און עשירות, הייסט מיין נאָמען — זאָגט ער — נישט וואָלף־בער, אויב איך ריהר מיך פון אָרט!

ווען איין אַנדערער זאָגט עס, ווייסט איין בורא־עולם, וואָס פון איהם וואָלט געוואָרען, איז עס דאָך אָבער וואָלף־בער, פערשווייגט דער רבי, און וואָלף בער בלייבט!

## XI.

און יאָהרען לאַנג איז ער געזעסען.

אַז איך האָב איהם דאָס ערשטע מאָל געזעהן, האָט ער מיר אויסגעוויזען א זקן־מופלג. און א גבר־חלש געוועזען. א חוי־

בער, הויט און ביין, אראבגעלאזטע ברעמען און קוים וואס ער האט נאכגעשלעפט די פיס.

איינמאל, מוצאי־שבת, איך געדענק ווי היינט, איז א ווינד געוועזען סכנות־נפשות, הייזער האט עס איינגעלעגט, רופט דער רבי, זכרונו לברכה, צו זיך צו וואלף־בער'ן און זאגט איהם:

— וואלף־בער, מעגסט שוין אהיים פאהרען! פאהר גע־זונדטערהייט!

וואס טראכט זיך וואלף־בער?

דער רבי, זאגט ער, האט איהם צוליעב געטהון און גיט איהם די ברכה.

איי וואס, ער רעדט נישט בפירוש; זיי פלעגען שטענדיג רעדען צווישען זיך אויפ'ן ווינק!

נעמט ער, וואלף־בער, טלית־און־תפילין, שאפט זיך עטליכע זהובים און פאהרט.

דער רבי האט אבער עפּיס אנדערש געמיינט.

ער האט געזעהן, אז וואלף־בער'ן זענען לא־עליכם, די יאהרען אויסגעגאנגען! האט ער געוואלט, ער זאל קומען צו קבר־אבות ביי זיך אין דערהיים!

וכך־הוה — אהיים געקומען איז ער א חולה, געלעגט זיך ביי נאסקען אין שטוב אין בעט אריין, איז אבגעלעגען אין גאנצען א וואך צוויי צו דריי און איז נפטר געווארען!

## XII.

נאר זעהט ווי אלץ פלעגט ביי אונז אריינגעהן אין פשטות!... דער תוך פון א זאך פלעגט קוים וואס דורכשיינען, ווי דורך א שפארע פון א לאדען; פון אויבען אויף — בתכלית הפשטות, קיין נבואה, קיין רוח הקדש, אלץ על פי דרך הטבע... ווי אין פסוק שטעהט: כביד אלהים הסתר דבר!

און דעריבער טאקי, אז מיר זענען צו איהם גע מען אויפ'ן צווייטען יום־טוב, ווייכט ער, זכרונו לברכה פון גאר נישט, און פרעגט פון וואלף־בער'ס געזונד.

זאָגט מען איהם: נפטר געוואָרען.

ענטפערט ער: ברוך דין אמת!

אין שטעקען שטעקט דערינען נאָך אַ זאַך. פערשטעהט איהר מיך: „ברוך דין אמת" מוז מען ענטפערן אַ בשר־ ודם!

דאָס אייגענע איז געווען נאָך נאָסקעס פטירה.

באַלד נאָך וואָלף־בער'ס קבורה איז נאָסקע אוועקגעפאַלען. טהייל זאָגען, אַז וואָלף־בער האָט זיך איהם בעוויזען אין חלום און האָט איהם גערופען צו אַ פּרק משניות; אַנדערע זאָגען — מפני הרעה נאסף הצדיק, דאָס צווייטע ווייב איז קיין גרויסע צדקת נישט געווען... און שטוב האָט זיך אַרומגעדרעהט אַ ליטוואַק — אַ זעלנער... האָט מען איהם צוגענומען, נאָר, ווי עס איז אָבער, אַז נאָסקע איז אַוועקגעפאַלען, האָט מען ביים רבי'ן זכרונו לברכה, געשטורעמט! טאָג אויף טאָג אַ שליח, אַ מאָל צוויי שלוחים... וואָס ענטפערט אַ רבי? ווי דער מנהג איז: ער וועט מתפלל זיין, גאָט וועט אוודאי העלפען. נאָר געזאָגט האָט ער עס מיט אַ האַלב מויל; קיין קלאָרע דבורים האָט מען פון איהם נישט געהערט! זעהט מען דאָך בחוש, אַז ער האָט געוואוסט ווי עס האַלט!

דערנאָך האָבען די שלוחים אויפגעהערט; האָט ער דאָך פערשטאַנען, אַז מען האָט שוין נישט נאָך וואָס צו שיקען. און פון דעסטוועגען האָט ער דערנאָך אויף נאָסקען אויך עפּרעגט; ער הויבט כלומרשט פון גאָר נישט אָן צו וויסען!

נאָר דעמאָלט האָט זיך שוין אַביסעל אַרויסגעוויזען:

מען זאָגט איהם, נאָסקע איז אויפ'ן עולם האמת, ער מאַכט: ברוך־דין־אמת, און גיט אַ פרעג, גלייך ער וויים פ'ין גאָר נישט, צי מען האָט נאָסקען געלעגט נעבען וואָלף־ בער'ן.

זאָגט מען איהם: ניין, וואָרום באמת, פאַר דער פטירה איז נאָסקע שוין געווען אין די גרויסע פעדערן, איבערגע־ לאָזט דעם צווייטען ווייב אַ וואַסער־מיהל, צוויי נחלאות גרויסע,

געלד מזומן, און א חוץ דעם יעדעס קינד, הן זכרים, הן נקבות, צו 1500 רובל מזומן. א קרן קימת האָט ער אויך געלאָזט. מסתמא האָט מען נאָסקען געלעגט אויבען אָן... און וואָלף־בער, א קבצן נעביך, — וואָס האָבען די בעלי־בתים פון וואָלף־בער'ן געוואוסט? געזעהן האָבען זיי א שטוב, א פערוואָהר־לעסיגט יורעל, ווייטער נישט... איז טאַקי וואָלף־בער געלעגען כמעט ביים פּליוט...

קרעכצט ער, זכרונו לברכה.

— א שאָד — זאָגט ער — נאָסקע דאַרף ליגען נעבען א תלמיד חכם! און עס איז נישט אויסגעגאַנגען דריי חדשים, איז נסתלק געוואָרען ביי אונז א דַיָן, א יונגער מאַן אפילו, א מופלג בתורה און מאנשי שלומנו, און מען האָט איהם געלעגט נעבען נאָסקען!

## XIII.

פאַר וואָס האָט נאָסקע זוכה געוועזען צו זיין פון זיינע, זכרונו לברכה'ס מקורבים?

צוויי מע־ות טובות האָט נאָסקע געהאַט: בטחון און צדקה.

מילא ביים ערשטען ווייב איז די צדקה געוועזען אָן לשער.

ער איז נאָך דעמאָלט קיין גרויסער עושר נישט געוועזען, נאָר געשעפטען האָט ער געהאַט גרויסע. דאָס קאָפּ־דרעהעניש איז געוועזען גרויס, דאָס בטוחות זיינס האָט נאָר וואָס אָנגע־הויבען צו וואַקסען, מזומנים האָבען גאַנץ אָפּט געפעהלט און נאָסקע איז שטענדיג געוועזען פרעהליך און לוסטיג און מען האָט קיינמאָל אָן פּנים דערקענט, וואָס אין קעשענע טהוט זיך.

זיין התנהגות מיט'ן טאַבאַק איז אויך כדאי צו דער־צעהלען.

וואָס איז א שמעק טאַבאַק? וועלכער יוד קאַרגט עס א

שמעק טאַבאַק? נאָר װעלכער ייד קוקט עס נישט אין די אױגען אַרײַן, אז מען נעמט בײַ איהם אַ שמעק טאַבאַק!

נאָסקע איז זיך אַנדערש נוהג: ער קומט אין שטיבעל, צי אין בית המדרש אַרײַן, שטעלט דאָס טאַבאַק־פּושקעלע אַװעק אויפ'ן שטענדער, און אַלײן דרעהט ער זיך איבער צו דער װאַנד און זאָגט עפּיס, אָדער דאַװענט. נעם װער עס װיל, און װיפיעל ער װיל! קומט איין אָרימאַן און שיט זיך אָב אַביסעלע — מהיכא תיתי, זאָל איהם זײַן צו געזונד! און אַ פּושקעלע האָט ער געהאַט — אַ צדקה־גדולה פּושקע! אויף אַ האַלב פונט טאַבאַק אװדאי!

דער עיקר איז בײַ איהם געװעזען הכנסת אורחים.

אַזאַ ייד מיט געשעפטען, קיין עין־הרע, װי נאָסקע, װאָס איז מיט זײַן און פרעמד געלד צושפּרײט און צװײַעט געװעזען אויף שבעה ימים, האָט זיך כל ימיו אַזױ געקעריװעט, אַז ער פלעגט שטענדיג אַהיים קומען פרײַטאָג פאַר'ן מרחץ, ער זאָל קענען מקיים זײַן מצות הכנסת אורחים!

נאָסקע געהט נישט אַלײן אין מרחץ אַרײַן, אײן עדה יודען געהען איהם נאָך, דאָס זענען אורחים און גלאַט אָרעמע לײַט, פאַר װעלכע ער צאָהלט באָד־געלד און בעזעמלעך־געלד, און קױפט זײ אױס קװיטלעך אין מקוה אַרײַן אויף שבת אין דער פריה...

נאָך קבלת שבת אײַלט זיך נישט נאָסקע אַהײם צו געהן. פריהער לאָזט ער די בעלי־בתים זאָלען זיך אױסקלײַבען אורחים צום טיש. אײנער װיל, זיך צוליעב, אַ בן תורה; דער צװײ־טער, דעם װײַב צוליעב, אַ רײַנערן מענש, ז' זאָל זיך נישט מאוס'ן פון איהם בײַם טיש. נאָסקע לאָזט זיך דערנאָך אַראָב און נעמט צו די רעשט, אָבגעריסענע, פערמושב'טע חולאים, לא עליכם!

בײַ אונז האָט זיך אױפגעהאַלטען אײן אַלטער ניקאָלאַיעװ־סקער סאָלדאַט, אַ חולה־נופל לא־עלינו. װאו עסט ער משבת לשבת? בײַ נאָסקען, מן הסתם! און ער האַלט איהם געבען זיך!

עבט מיט איהם ממש פון איין שיסעל! טאנצט מיט איהם נאך דער סעודה!

טרעפט, אז דער זעלנער פאלט אוועק אין מיט'ן עסען, איז מען מפסיק די סעודה, נאסקע לעגט איהם זיין אייגען קישען אונטערן קאפ, שטעקט איהם דעם זילבערנעם לעפיל, מיט וועלכען ער עסט, אין מויל אריין, און העלפט איהם צו־האלטען ביז ער קומט נישט צו זיך, און מענעמט זיך ווייטער מיט שמחה צו דער סעודה!

און אזוי? וואו קריגט מען א גמילות־חסד, מיד ליד? ביי נאסקען! ער אליין לויפט ארום געלד בארגען. עס געהט אים לעבען, אויסצוקויפען א קאנטראקט, און אז א יוד קומט צו אהן מאכט א קרום פנים — גיט ער אוועק! און לויפט ווייטער זוכען געלד!

נאר דאס געהט שוין אריין אין דער מדה פון בטחון!

## XIV.

און די מדה פון בטחון איז גאר אויף א הויכער מדרגה געוועז.

איינמאל, פרייטאג איז עס געוועזען, קומט צו נאסקען א שליח מיוחד פון דער וויקסעל, באשר בבן — דאס גאנצע געהילץ איז צושלאגען געווארען, די ערלים צושלעפען און דער וואיט וויל זיך נישט ריהרען פון ארט; מען דארף געלד!

וואס טהוט נאסקע? עס איז פרייטאג נאך צוועלף, געהט ער אין מארק אריין, נעמט צוזאמען די ארעמע חברה און לאזט זיך אין מרחץ אריין!

אין שטאדט דערהערט זיך דערוויל, אז צו נאסקע איז געקומען א שטאפעט, לויפט דער עולם צו קבלת שבת אביסעל פריהער, געוואהר צו ווערען, וואס עס קען בעטייטען, אין בית־המדרש האט מען געוואוסט — פון געהילץ איז געווארען אש!

און אינ'ם געהילץ האט געשטעקט נאסקע מיט א האלבער שטאדט׳

עס ווערען קולות.

ס'טײטש, אַנבאַרגען יודיש געלד, יודיש בלוט, אַװעק גע־טרױען אַלץ דעם װאַסער! מוצאי שבת װעט מען איהם בע־פאַלען, דאָס הױז צושלעפּען, די באָרד אױסרײסען, חרוב ונחרב מאַכען!

דער דַיָן האָט דערװײל געהײסען, דער בעל־תפלה זאָל צונעהן מקבל שבת זײן — דער עולם האָט זיך צודאַװענט...

דאָס ערשטע מאָל האָט מען אָנגעהױבען „לכו נרננה" אָהן נאָסקע...

מײן נאָסקע — גאָר נישט!

ער קומט אָן, לאָזט זיך אַרױף צום מזרח, צו זײן שטאָדט לוסטיג און טאַנצענדיג. נאָכ'ן דאַװנען — דער עולם גאַפט — נאָסקע זאָגט אַלעמען אַ פרעהליכען: גוט שבת! און גיט זיך אַ לאָז אַראָב און נעמט אַלע אורחים אױף שבת! קײן אײנציגען נישט געלאָזט.

און ער האָט זיך אױסגעדרעהט!

מוצאי שבת, האָט ער זיך אײנגעשפּאַנט דאָס ביטקאַלע און איז נישט געפאָהרען צו דער װײקסעל, נאָר אַרױם צו אַ פריץ און אָבגעקױפט די גאַנצע תבואה! אַביסעל מזומנים האָט ער געהאַט, האָט ער געגעבען, פאַר די רעשט האָט ער אױסגע־שטעלט װעקסלען; גענומען אַ רײנעם קאָנטראַקט אױף בעצאָהלט װײץ און קאָרן — און איז צוריקגעקומען, און האָט איבערגעגעבען דעם קאָנטראַקט די בעלי חובות.

דערנאָך ערשט האָט ער זיך געלאָזט צו דער װײקסעל, זוכען דאָס געהילץ!

## XV.

און אַזױ איז אױך געװעזען זײן בטחון אין רבי'ן, זכרונו לברכה!

דעמאָלט איז ער אױך נאָך נישט געװען אין די גרױסע

פעדערן, און עס מאַכט זיך אַ מעשה, די נאָסקיכע געהט צו קינד, צום פיערטען קינד און איז דוקא אַ מקשה לילד.

וויל נאָסקע לויפען צום רבין, לאָזט נישט דער רופא. נאָסקע אַליין איז קראַנק. ער האָט איהם איין אָדער געשטעלט און אין בעט אַריינגעלעגט.

נעמט ער און שיקט וואָלף־בער׳ן!

אַז עס איז סכנת נפשות, פאָהרט וואָלף־בער מיט דער באַהן; איך האָב איהם אַליין אַ בילעט געקויפט, אין וואַגאָן אַריינגעזעצט, און ער פאָהרט.

קומט ער בשלום אהין, זאָגט איהם דער רבי: עס וועט אַלץ גוט זיין, נאָסקע וועט זיין געזונד, די נאָסקיכע וועט האָבען צו מזל אַ בן זכר, נאָר עס וועט קאָסטען: ארבע מאות; ארבע מאות שקל כסף, האָט ער געזאָגט!

גאַפט ער, וואָלף בער.

דערנאָך זאָגט ער:

— רבי, דער עולם מיינט, נאָסקע איז אַ גביר, און ער איז אפילו קיין עושר נישט, אַ בר־מזל איז ער, קיין געלד האָט ער נישט.

שמייכעלט דער רבי, און ענטפערט:

—אַ שליח דאַרף טהון זיין שליחות. פאָהר אַהיים אויפ׳ן ברית מילא, אַז ער הייסט פאָהרען, פאָהרט ער!

מאַכט זיך איהם פלוצלינג אַ פויעריש געלעגענהייט, פאָהרט ער נישט מיט דער באַהן, עס איז דאָך שוין אויס סכנת נפשות, און וואָס טויג איהם דאָס שעטנז אין דער באַהן! ער זיצט טאַקי נישט דערויף, ער זיצט אפילו נישט אין וואַגאָן פון שעטנז, זענען דאָך אָבער די וואַגאָנען צוזאַמענגעהעפט מיט קייטען, און וואָלף בער האָט נישט קיין חשק צו דאַוונען, וואו שעטנז איז...

פאָהרט ער מיט׳ן פוהרל; מיט׳ן שליטען, מיין איך, עס איז ווינטער געווען און אַ וואַהלער שליטוועגס.

עפּיס אַ חסיד, וואָס האָט איהם געפונען דאָס געלעגענהייט

װעצט איהם אין „פֿולקאָשיק״ אַריין, װיקעלט איהם אַרום מיט אַ שאַל און מאַכט „װיאָ״! דער פֿויער פֿאָהרט.

דער פֿויער פֿאָהרט און להבדיל, װאָלף בער פֿער־טראַכט זיך אין הוריות און איז זיך אַזוי מכין צו דאװנען פֿון פֿאָרנט. ביי דער ערשטער קרעצמע, טראַכט ער, װעט ער לײגען טלית ותפלין.

אַז עס איז מאָנאָפּאָל און עס איז קײן יודישע קרעצמע שוין לאַנג נישט דאָ, האָט ער דערװייל פֿערגעסען.

טראַכט ער אַזוי, און דער „פֿולקאָשיק״ הויבט זיך דערװייל אָן אַראָבצורוקען; ער האָט זיך, אַ פּנים, אָבגעבונדען, מען נעמט זיך אַביסעל באַרג אויף, ער רוקט זיך אין גאַנצען אַרוים!

הכלל װאָלף בער בלייבט מיט'ן „פֿולקאַשיק״ אין שניי און דער פֿויער װייסט פֿון גאָר נישט. און פֿאָהרט זיך װייטער!

װאָלף בער הויבט אָן שרייען; האָט ער פּונקט געטראָפֿען אויף אַ טויבען פֿויער, הערט ער נישט — —

הכלל ער האָט זיך קוים אַרויסגעגראַבעלט פֿון פֿולקאָשיק און לאָזט זיך געהן צו פֿוס...

קומט ער טאַקי אין שטאָדט אַריין אויפ'ן ברית!

און װי ער שטעהט און געהט קומט ער צו גאָסקען אין שטוב אַריין.

## XVI.

יאָ, קענגען װאָס האָב איך עס געװאָלט דערצעהלען, נענגען נאָסקעס בטחון.

קומט װאָלף בער צו נאָסקען אין שטוב אַריין; דאָס קינד האָט מען שוין געיודישט, מען זיצט שוין ביי דער סעודה, װאַשט ער זיך, װאָלף בער, און זעצט זיך בעניוות, צװישען כלי קדש.

נאָסקע געהט דערװייל אַרום אויבען־אָן מיט דער פֿלאַש און טרינקט מיט די גבירים לחיים.

דערזעהט ער װאָלף בער'ן, לאָזט ער זיך צו איהם אַראָב, דערלאַנגט איהם שלום, נעמט אָב מזל־טוב, און װאָלף בער

הייבט זיך אויף און רוימט איהם איין אין אויער וועגען די ארבע מאות!

— עס וועט זיין! זאָגט נאָסקע.

און עס איז אַזוי געווען!

וואָלף בער האָט זיך פערזינדיגט מיט ווייניג אמונה אין רבינס ווערטער, ער איז מחויב גלות געוואָרען, און איז, מיט גאָטס חסד, אָבגעקומען מיט נע ונד זיין אין שניי, און נאָסקע האָט טאַקי באַלד נאָכ'ן ברית געוואונען פיער הונדערט פרייסישע טאָלער אויף אַ בראַנדענבורגער צעטיל.

נאָר פאַר וואָס האָט דער רבי געוואָלט ארבע מאות?

האָט זיך אויסגעוויזען פאַר וואָס!

דער רבי אליין האָט אויסגעזאָגט דעם סוד.

נאָסקע איז אַ בר־מזל געוועזען נאָר אויף „יגיע כפו", פון געווינען געלד וואָלט ער חרוב ונחרב געוואָרען, אַזוי ווי עס טרעפען זיך אַ סך אַזוינע מעשיות מיט געוואונען געלד!

האָט ער איהם טאַקי צוגענומען די ארבע מאות, אָנגעזאָגט זהיר וזהיר, ער זאָל מעהר קיין לאָטעריע־צעטעל נישט קויפען, און פון דעמאָלט אָן האָט אָנגעהויבען נאָסקע מצליח און מצליח צו זיין, ביז ער איז געוואָרען דער אמת'ער נאָסקע!

---

# אַ מְקוֹרָב — אַ לִיטְוַואק.

## XVII.

נאָר זעהט, וואָס עס קען זיך אַמאָל טרעפען!

אַ ליטוואַק איז ביי אונז אַ מקורב געוואָרען.

ער לעבט נאָך אפילו דער ליטוואַק — עד היום!

די מעשה פון דעם ליטוואַק איז אויך נישט קיין פשוט'ע, דאָס הייסט — ווי ביי אונז דער שטייגער איז געוועזען — יאָ פשוט און פאָרט נישט פשוט. אַ ראָטע זעלנער איז ביי אונז אין שטעד־טיל געשטאַנען, און דער ליטוואַק האָט אין דער ראָטע געדיענט,

ביים ראָטנער האָט ער גאָר נושא חן געווען; „נאַשיוווקעס האָט ער איהם געגעבען", „סלוזשבע" האָט ער געקאָנט ווי א וואַסער, גאָרים טאַקי: „וואו תורה דאָ חכמה", און לערנען האָט ער געקאָנט! פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אפילו בעוויזען אין בית המדרש; געעפענט א ספר, געלערנט—אַזוי ווי די ליטוואַקעס לער־נען: אין דער ברייט נישט אין דער טיעף! פון קעסיל, פערשטעהט זיך, האָט ער נישט געגעסען, פלעגט ער עסען שבתים... נו, אַהיים נעמען אַ ליטוואַק אויף שבת האָבען די בעלי־בתים קיין גרויסען חשק נישט געהאַט, איז ער אַריינגעפאַלען, צו וועמען? מן הסתם — צו נאָסקען!

און דאָס איז דער אָנהויב פון דער זאַך!

## XVIII.

נאָסקע, פערשטעהט איהר מיך, האָט שוין דעמאָלט געהאַט דאָס צווייטע ווייב.

דער צווייטער זיווג איז אפילו „לפי מעשיו", נאָך מעהר — דער רבי ז"ל אליין האָט מסכים געווען אויפ'ן שידוך, מהייל זאָגען אפילו, אַז ער האָט געהייסען טהון, נאָר דאָס איז שקר — אָבער מסכים געווען, דאָס איז אמת, האָט ער; און פון דעסטוועגען — אַ הימעל־זאַך — איז עס נישט געווען, ווי עס דאַרף צו זיין, ווי עס האָט פאַר אַזאַ נאָסקען געפאַסט.

איך קען נישט זאָגען, פון אויבען אויף — גאָר שעהן! ערשטענס אַ בת תלמיד־חכם; אויף איהר פאָטער, עליו השלום, האָט דעם רבינ'ס פאָטער זצ"ל, דער וואָרקער, געזאָגט: דאָס איז אַ תלמיד־חכם! צווייטענס אַ יפת תאר; דערצו אפילו אַ בעל־הבית'טע, קיין גראָשען, חלילה, נישט אויסגעבאָרגט,— נאָר פאַר נאָסקען האָט עס באַלד אין דער התחלה נישט געפאַסט; זיין צדקה האָט זי נישט פערטראָגען!

ווי דער שטייגער איז — אַ יונג ווייבעל, איין אַלטער מאַן, איז זי געגאַנגען אין ספאָדעק; האָט זי דאָס רעדיל געפיהרט און טאַקי איבערגעפיהרט. און נישט מיט אַמאָל, דערצו איז זי

געוועזן צו קלוג, גאָר פאַמעליך, גאָר פאַמעליך. פריהער איז פאַר אָרעמע לייט אָפּען די שטוב, נאָר פערשלאָסען דאָס הארץ, דערנאָך איז די טהיר נאָך אָפּען, נאָר אין שטוב קען מען שוין נישט אריין! אַ יונג ווייבעל איז זי—לויפט זי דעם אָרעמאַן אַקעגען, פּטר'ט אָב אויף דער שוועל מיט אַ פרוטה, מיט אַ שטיקל ברויט און געה ווייטער!

צדקה, זאָגט זי, אָח איז מיר געשעהן — מהיכא־תיתי! נאָר ווי קומט איינשמיערען די פאַדלאָגע?

און נאָסקע, נעביך, זיפצט און שווייגט.

דאָס אייגענע איז געווען מיט שבת'דיגע אורחים!

מאַקי אַ מצוה, נאָר זי אַליין, איז אויך אַ מענש, דאַרף אייך האָבען שמחת שבת! און אַז עס קומען און זעצען זיך צום טיש חולאים, לא עליכם, אָדער אַזוי פערוואַרלעסיגטע, קען זי קיין שמחת שבת נישט האָבען! און אַז זי האָט נישט, האָבען זיי אויך נישט! שיקט זי אַזוינע אורחים אין גאָרקיך אריין וכדומה!

זי איז בטבע נישט קיין גוטע געוועזן! און, זעהט איהר, דער ליטוואַק איז איהר דוקא געפעלען! איהם האָט זי דוקא פערבעטען אויף אַלע שבת!

ער האָט נושא־חן געווען!

## XIX.

פון נאָסקען איז דער ליטוואַק געקומען צום רבי'ן, זכרונו לברכה!

ביי נאָסקען אין שטוב, האָט ער זיך, אַ פנים, אַזוי פיעל אָנגעהערט פון רבי'ן, זכרונו לברכה, אַז עס האָט זיך איהם פערגלוסט און איינמאָל איז ער זיך מישב, בעט זיך אָב אויף עטליכע טאָג און חאַפּט זיך אַריבער צום רבי'ן!

איהר קענט פערשטעהן, וואָס פאַר אַ פנים ער האָט דאָרט דעמאָלט געהאַט! ערשטענס אַ סאָלדאַט, קיין זכר פון פאות, און געפוצטע שטיוועלעך, אַ מונדיר מיט קנעפּ און אַ ליטוואַק דערצו!

אַ וואָרט יודיש האָט ער נאָך דעמאָלט נישט גערעדט, סאַמע ליטוויש!

נאר געה ציעפּע מיט׳ן קיסר׳ס אַ מענש! מען לאָזט איהם אַריין! דער רבי זכרונו לברכה, גיט איהם שלום, און משום דרכי השלום פרעגט ער:

— וואָס מאַכט איהר?

בלשון רבים הייסט עס!

וואָרען אַ מנהג איז ביי אונז געוועזען, אַז דער רבי, ז״ל, האָט אַלעמען געזאָגט „דו״; נאָר אַז דער רבי, ז״ל, האָט געוואָלט עמיצען האַלטען פון דער ווייטענס, צוליעב אַ חטא, אָדער וויים איך וואָס, — אַז ער האָט נישט געוואָלט עמיצען מקרב זיין, האָט ער גערעדט מיט איהם בלשון רבים.

דאָס איינענע איז געוועזען ביים געזעגענען.

— פאָהרט — זאָגט ער איהם — לחיים ולשלום.

שטעלט זיך שוין דער ליטוואַק אָב און זאָגט:

— רבי, פאַר וואָס ווילט איהר מיך נישט מקרב זיין ווי אַלע אייערע חסידים? וואָס זשע? איך בין קיין יוד נישט, קיין בן־תורה נישט?

שווייגט דער רבי.

זאָגט אָבער דער ליטוואַק, אַז ער וועט זיך נישט ריהרען פון אָרט, ביז דער רבי וועט איהם נישט מקרב זיין גלייך מיט אַלע חסידים. אַ ליטוואַק איז דאָך איינגעשפּאַרט...

האָט דער רבי, זכרונו־לברכה, אָבגעזיפצט און געזאָגט כהאי־לישנא:

— איך האָב אפילו אַ ביסעל פאַר דיר מורא, נאָר, אַז דו ווילסט דוקא — פאָהר לחיים ולשלום!

שוין בלשון אתה.

## XX.

וואָס דאָס זיפצען מיט׳ן מורא האָבען אַ ביסעל האָט בעטייט, האָט מען בשעת מעשה נישט געוואוסט. אונזערע לייט האָבען

פערשטאַנען, אַז עס איז נישט פראָסט, נאָר אין שטאָדט (קיין איינציגער רבי האָט קיין גוטע פריינד אין זיין אייגענער שטאָדט), אין שטאָדט האָט מען געלאַכט!

ליצנים פעהלען נישט, האָט מען געזאָגט, באשר, דער רבי האָט מורא געהאַט, טאָמער האָט דער זעלגער אַ ביקס אונ־טערן מונדיר!

אַנדערע —, אַז ער האָט חס־ושלום, גלאַט פחד געהאַט פאַר אַ יוד אַ בן תורה; טאָמער מאַכט ער אַ שמועס וועגן אַ תוספות.

און נאָך אַזוינע נאַרישקייטען!

ווייל וואָס מעהר דעם רבי זכרונו לברכה'ס גאַנג איז אַריינגעגאַנגען אין פשטות אַריין מעהר טעותים האָט מען אין איהם געהאַט!

די מעשה מיט רש"י און מיט'ן מהרש"א!

דעם מהרש"א'ם „ודו"ק" און „וד"ל" טרעפען חדר יונגלעך און איבער רש"י'ם פשט אמפערן זיך די גרעסטע גאונים!

אויסגעוויזען אָבער האָט זיך, אַז עס איז געווען פון רבי'ן זכרונו לברכה, זעהר אַ טיעפער און זעהר אַ ווייטער בליק!

דערווייל אָבער איז זיך דער ליטוואַק אַהיים־געפאָרען און מיט דער צייט איז ער געוואָרען אַ גאַנצער בן־בית ביי נאָסקען!

דער איינציגער אורח, וואָס די נאָסקיכע האָט אויף די אוי־גען געלאָזט! אפילו סעודת ראש־חודש פלעגט ער דאָרט עסען!

האָט מען טאַקי אָנגעהויבען אין שטעדטיל צו מורמלען: ס'טייטש אַ ליטוואַק — אַ בחור (מען רעדט איהם שידוכים, ווייל ער נישט הערען און געדענקען!) דרעהט זיך אַרום אין אַ שטוב! — איז אָבער נאָסקע אין איהר אַזוי פערנאַרט געוועזען, אַז קיין שטויב האָט ער אויף איהר נישט געלאָזט פאַלען!

איך וויל מיין מויל צו בעזען נישט ברענגען; געזאָגט האָט מען: „מפני הרעה נאסף הצדיק" — איידער עס האָט געזאָלט ־־ושלום קומען צו עפים שלעכטס, האָט מען נאָסקען צוגענומען!

— נאָר גלאַט, ווי דערלאָזט מען אַזוינס „משום מראית עין״? וואָס פּאַר אַ פּנים האָט עס פּאַר מענשען!

מען האָט שוין אפילו געוואָלט פערמסרן צום רבי׳ן זכרונו לברכה, מען האָט שוין אפילו אָבגעשריבען אַ בריעף, איין בחור — אַ ספרא רבה האָט איהם געשריבען, נאָר איידער מען האָט איהם אַוועקגעשיקט, מאַכט זיך אַ סבה, איז דערוויל נאָסקע אַוועקגעפאַלען!

לאַנג געקרענקט, לא עליכם!

דערוויל האָט דער ליטוואַק אויסגעדריענט...

מיינט מען — מען וועט זיינער פּטור ווערען; ווייזט זיך אָבער אויס, אַז ער בלייבט שוין אין שטעדטיל; עס געפעלט איהם דאָ!

און בעווייזט זיך באַלד ביים רבי׳ן זכרונו לברכה, און שוין אין אַ יודישער קאַפּאָטע, אפילו אין אַ שטריימיל!

ווי ער האָט, דער ליטוואַק, אַזוי געשווינד פאות בעקומען, ווייסט איין בורא עולם, נאָר מיט פאות געקומען איז ער! דערוויל — איז נאָסקע נסתלק געוואָרען!

## XXI.

איהר קענט אייך שטויסען, וואָס דעם רבי׳נ׳ס, זכרונו לברכה׳ס זיפץ האָט בעטייט, פאַר וואָס ער, זכרונו לברכה, האָט מורא געהאַט, נאָר באַלד איז די גאַנצע זאַך קלאָר געוואָרען ווי דער טאָג:

נישט לאַנג נאָך נאָסקעס פּטירה קומט מען אונז זאָגען, אַז די אַלמנה זיינע, די נאָסקיכע, שטעהט ביי דער צוים און פערלאַנגט דוקא, מען זאָל זי אַריינלאָזען.

קיין נשים לאָזט מען נישט אַריין; איז עס דאָך אָבער די נאָסקיכע, איז זיך דער רבי זכרונו לברכה מישב און טהוט לפנים משורת הדין, און געהט בכבודו ובעצמו אַרויס אויפ׳ן הויף, און שטעלט זיך פון דער זייט צוים, און פרעגט זי, וואָס זי וויל.

זאָגט זי: זי וויל חתונה האָבען!

פרעגט ער: מיט וועמען?

רופט זי אָן דעם ליטוואַק!

זאָגט דער רבי: און ווי וועט זיין, אַז איך וועל דיר געבען אַ בעסערן און אַ שענערן שידוך?

זאָגט זי, זי וויל נישט; זי קען נישט, זאָגט זי

אַ יודענע! גאָר אָהן בושה האָט זי געזאָגט, אַז איהר האַרץ וועט זיך נישט קיהלען, ביז זי וועט נישט נעמען דעם ליטוואַק! זי געלוסט צום ליטוואַק!

מילא האָט דאָך שוין דער רבי ז״ל, נישט געהאַט וואָס צו טהון!

איז ער בעשטאַנען!

ער האָט נאָר געהייסען איהם שיקען!

## XXII.

און — מויל און אויערן אויפצושטעלען — דער ליטוואַק איז אַ מקורב געוואָרען, און נאָך ווי הייסט אַ מקורב!

אַזוי ווי ער איז געקומען זענען זיי אָבגעזעסען ביחידות, אָבגעשלאָסען חדר לפנים מחדר, אַ שעהנע פּאָר שעה; צוויי מאָל לעקיך און בראָנפען האָט מען דערלאַנגט!

וואָס מען האָט דאָרט אָבגערעדט און מתקן געוועזען, ווייסט קיין שום בן־אדם נישט ביז׳ן היינטיגען טאָג, נאָר ביים געזעגענען זיך, האָט זיך דער רבי, שטעהענדיג אויף דער שוועל, אָנגערופען.

— זעה האָטש, נאָסקעס טיש נישט פערשעמען.

געמיינט האָט ער די שבת׳דיגע אורחים; און דאָס האָט ער צוגעזאָגט!

## XXIII.

שפּעטער איז דאָס קרבות־שאפט נאָך גרעסער געוואָרען

אַז נאָכקעם יורשים האָבען נאָך דער פּטירה געוואָלט מבטל זיין דעם אַקט, וואָס נאָסקע האָט געגעבען דעם צווייטען ווייב אויף דער נחלה, און איינגעפיהרט אַ פּראָצעס האָט איהם ער, זכרונו לברכה, צוגעזאָגט, אַז ער וועט געווינען.

ער האָט נאָר ביי איהם גענומען אַ תקיעת־כף, אַז נאָכ׳ן געווינען וועט ער תיכף ומיד מיט די יורשים אַ דין־תורה האָבען!

דער פּראָצעס איז נאָך נישט געענדיגט; ווער עס וועט געווינען, ווייס איך נישט!

וואָרען ערשטענס, מוז איך מודה ומתודה זיין, איך גלויב נישט אַזוי שטאַרק אין אַ ליטוואקס תקיעת־כף און צווייטענס איז דערוויל דער רבי אַליין נסתלק געוואָרען...

## XXIV.

און נסתלק איז ער געוואָרען דורך אַזאַ סבה.

עס איז געקומען אַ בשורה־רעה, אַז נאָכ׳ן מאָנאָפּאָל אויף י״ש, וויל נאָך דאָס מלכות אַוועקנעמען טיטון און טאַבאַק אויך — אַ פאַל אין די הייזער צו געהן!

האָט ער, זכרונו לברכה, זיך אָבגעשטעלט: כלו כל הקצין, זאָגט ער, מען טאָר עס נישט פערלאָזען! אַזאַ זאַך, זאָגט ער, איז שוין כדאי זיך מוסר־נפש צו זיין!

געוואָלט האָט ער אַלע גוטע יודען זאָלען מסכים זיין, מאַכען יד־אחת און אַנידערשטעלען זיך אויף ניין; ער האָט באַלד געהייסען שרייבען בריעף צו אַלעמען, אַליין געחתמ׳ט, און מען האָט די בריעף אַוועקגעשיקט! — בעונותינו־הרבים האָט אָבער קיינער פון זיי נישט געענטפערט...

איז דער גאַנצער עול געפאַלען נעביך אויף איהם!
און עס איז געוועזן מסירת נפש!

## XXV.

עיקר שכחתי:

איך וויל אייך נאָך זאָגען וואָס „נאָסקע” איז טייטש.

אַ נאָמען געגעבען האָט מען איהם: נתן, יונגעל־ווייז האָט מען איהם גערופען בלשון חבה: נתן׳קע, דערנאָך, מאהבת־הקצור: נת׳קע. נאָר איינמאָל, האָט איהם דער רבי, זכרונו־לברכה, געשיקט אַ בריוועל און אויפגעשריבען: להגביר, החסיד המפורסם מוהר״ר נאָסקע, — איז שוין אַזוי געבליבען. אפילו אויף דער מצבה שטעהט: נאָסקע!

# דֶעם רֶבִּ׳נְס צִיבִּיק.

אלע, נישט דוקא אַלטע יודען, געדענקען נאָך, ווי ביי שרה רבקה׳ן האָט אַמאָל געפעהלט נישט דוקא קינדער, נאָר אפילו ברויט, רחמנא ליצלן! פשט־פשוט — ברויט!

חיים ברוך אַליין, דער מאַן איהרער, איז שטענדיג געוועזען אַ גרויסער חסיד; טאַקי פון דער התחלה אָן, זייט דער שווער זיינער (עליו השלום — איין עהרליכער יוד געוועזן!) האָט איהם אַראָב געברענגט פון אונטער לובלין.

מען האָט באַלד געזעהן, אַז עס איז אַ כלי, אַ ברכה פון זיין ליעבען נאָמען; אַז עס איז אַזוינס, וואָס, אויב עס ברענגט נישט משיח׳ן, צאַפּט עס, ווענינסטענס, משקה פון דער וואַנד!

ער האָט שוין אַזאַ צורה געהאַט!

אין די טיעפע, אונטערגעשלאָגענע אויגען האָט שטענדיג געציטערט אַ מין בעהאַלטען שיינדעל, גלייך עמיץ דרעהט זיך דאָרט אַרום מיט אַ ליכט אין דער פינסטערע שטוב!

אַ בלאַס פנים, נאָר ביי וואָס־עס־איז, האָט עס אויפגע־בליהט ווי אַ רויז, אַזאַ דין הייטעל האָט ער געהאַט.

ביי די שליפען האָט שטענדיג זיך עפּיס געוואָרפען, גע־קלאַפּט —

און מיט אַ פשוט׳ען יוזעפּאָווער גאַרטעל האָט זיך די בריאה 10 מאָל אַרום־געגומען, אפשר מעהר!

פערשטעהט זיך אַליין, אַז פון פשוט לערנען איז נישט

געוועזן וואָס צו רעדן. אזוינס געהט טיעפער אין טיעפער: זוהר, עץ חיים... וואָס איהר ווילט נאָר אַליין!

מיט'ן רבי'ן, זאָל לעבען, פלעגט ער אָבזיצען שעה'ן לאַנג, און זיי האָבען צווישען זיך אפילו קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר אַלץ אויפ'ן אויג, מיט'ן וואונק! נו, רעדט מיט אזוינעם מכח פרנסה?

פאַר וואָס האָט'ן דער בית המדרש גערופען „חיים ברוך שרה־רבקה'ס", אָדער בקיצור: „שרה־רבקה'ס מאַן"? פאַר וואָס האָט מען אָנגעהאַנגען אַלע „שערי בינה" אין טאָפּ אַרבעס מיט'ן ביסעל הייזען, מיט וועלכע שרה רבקה האָט געהאַנדעלט? איז טאַקי נישט צום פערשטעהן.

זי אַליין, שרה רבקה, האָט געהאַט ווילד ענגמת־נפש דערפון.

עס איז טאַקי — האָט זי געפיהלט — אַ כבוד, וואָס ער הייסט אויף איהר נאָמען, נאָר — זי האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז אזויערנאָך קימט זי אָב, מיט'ן ביסל נחת אויף דער וועלט!

זי פלעגט גאַנץ אָפט, כמעט אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, קומען אין בית המדרש אַריין מיט'ן טאָפּ אַרבעס.

„חיים ברוך!" — שרייען די ישיבה־בחורים —, „דיין שפּיזערין געהט!".

חיים ברוך, זעהט אויס, האָט נאָך געפיהלט איהר גאַנג אויף די טרעפּ: ער האָט שוין לאַנג פערשטעקט די צורה אינ'ם זוהר; איבערן שטענדער ציטערט נאָר דאָס פּעטע, פּערפּעדערטע שפּיצעל פון דער יאַרמולקע. נאָר אפילו אויף דעם שפּיצעל קוקט זי אויך נישט; זי קוקט בכלל נישט אין זיין זייט אַריין, זי וויל נישט זעהן ווי די שכינה רוהט איבער זיין לערנען, זאָלען זיך איהרע אויגען נישט פאַשען אויף דער וועלט, אַלץ — טראַכט זי — דאָרט! דאָרט, אויף יענער וועלט! אין האַרץ פיהלט זי דאָך אַ וואַרעמקייט, אַ נחת.

פון בית המדרש געהט זי אַרויס ווי אויפגעוואַקסענער,

גרעסער, מיט אַ העלערן, פרייערן בליק! עס איז גאָר נישט צו דערקענען, אַז זי איז שוין אַ ווייבעל פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר! — אָהן אַ קנייטש אויפ'ן שטערן, מיט אַ גע־רויטעלט חנ'ודיג פּנים'ל, גלייך זי איז ערשט פון אונטער דער חופּה אַרויס!

און פון דעם טאַקי, אַז זי דערמאַהנט זיך — האָט זי עגמת נפש.

עס וועט איהר, — טרויערט זי אין האַרץ, — גאָר נישט בלייבען אויף יענער וועלט. זי וועט אַרויפקומען ווי איין אָבגעפליקטע גאַנז, אָהן אַ זכות אויפ'ן לייב... און וואָס טהוט זי דען? זי דרעהט זיך אַרום מיט'ן טאָפּ אַרבעס אין גאַס, צוטראָגט, פון איין דאָנערשטאָג צום צווייטען הייזען אין עטליכע הייזער! וואָס האָט ער פון איהר?

כל זמן דער פאָטער, עליו השלום, האָט נאָך געלעבט און דאָס רעדעל האָט זיך געדרעהט, איז געוועזען אַ דירה און צו עסען, און צו טרינקען, טאַקי — כיד המלך. היינט? אויף אַלע שונאי ציון געזאָגט!

דער נדן איז ערגיץ פערפאַלען געוואָרען, דאָס הייזעל — פערקויפט!

און דער פריה, פיש־גריץ — קאַרטאָפעל מיט וואַסער!
ביי נאַכט אַ יאַיכיל מיט אַ נעכטיגען בייגעל!
אָט, דאָס איז זיין עולם הזה!

שוין זיבען יאָהר, האָט זי איהם אַפילו קיין קאַפּאָטע נישט געמאַכט...

פון פּסח צו פּסח — אַ היטעל, אַ פּאָר שטיוועל, נישט מעהר!

משבת לשבת גיט זי איהם אַרויס אַ העמד; אומשטיינס געזאָגט — אַ העמד! שפּינוועבס!

זי טראָגט שוין אַ בריל דורך די העמדער: צערע און צערע און גאָר נישט...

„רבונו של עולם", — טראַכט זי, — אַז מען וועט

נעהמען אויף יענער וועלט, איין אות פון זיין תורה אויף איין וואגשאל, און אויף דער צווייטער וועט מען אַרויפלעגען אַלע מיינע יאיבליך מיט פיש-גריצען, מיט מיינע אויגען צוזאַמען... וואָס וועט איבערוועגען?

זי ווייסט אפילו, אַז וואָס עס איז פערקניפּט אויף דער וועלט, איז פערבונדען אויף יענער אויך! אַז נישט אַזוי גע-שווינד טהיילט מען דאָרט אָב אַ מאַן פון אַ ווייב! און ער וועט דען לאָזען? אַזאַ בריליאַנט ווי ער איז? זי זעהט דען נישט, ווי ער וויל דוקא, זי זאָל אויך טועם זיין ביי'ם עסען... עס איז דאָך נאַריש, — ער וועט דאָך נישט רעדען, נור מיט די אויגען ווינקט ער; און מאַכט זי זיך נישט וויסענדיג, ברומט ער, ווי אין מיט'ן שמונה עשרה... ניין! לאָזען וועט ער נישט — ער וועט נישט בעשטעהן, ער זאָל זיצען אויף דער פאַטער-שטוהל צווישען צדיקים און אבות, און זי זאָל זיך ערגיץ אַרומוואַלגערן אין עולם התהו, אין וויסטע וועלדער...

וואָס העלפט עס אָבער? ערשטענס וועט איהר גלאַט זיין אַ חרפה די אויגען אויפצוהייבען צווישען די אמהות: די בושה וועט זי פערברענען!

צווייטענס, האָט זי קיין קינדער נישט... און — „יאָהרען ציהען, יאָהרען פליהען"...

זיבען יאָהר וואהנען זיי שוין, נאָך דריי בעשריגענע יאָהר און — אַ גט!

זי וועט איהם דען רעדען דאָס אַנדערע וואָרט?

איין אַנדערע וועט זיין פוסבענקעלע אין גן-עדן זיין, און זי וועט זיך, גאָט ווייסט, מיט וואָס עס איז פאַר אַ שניידער, פינסטערן ערגיץ אין גיהנם...

וואָס? עס קומט איהר מעהר?

נישט איינמאָל קומט איהר אַ שניידער אָדער אַ שוסטער צו חלום און זי חאַפּט זיך אויף מיט אַ יללה.

ער וועקט זיך אויף דערשראָקען.

ביי נאכט אין דער פינסטער רעדט ער אמאל; ער פרעגט: וואס איז?

נאר זי ענטפערט: גאר נישט!

זי וויינט, בעט גאט, עס זאל איהר אריין א ברכה אין די ארבעס אדער אין די הייוען.

און ער איז טאקי געוועזען א בריליאנט!

א נארישע יודענע, טראכט ער, אין וואס איהר געהט דא! פון דעסטוועגען — קלערט ער — דארף מען עפּים צו טהון דערינען! אפשר וועט זי גיכער אמאל עפּים נעהמען אין מויל אריין, פערגינען זיך!

ער האט געזוכט אין די ספרים און געזוכט. נאר אפט מאכט זיך, אז וואס מען זוכט, געפינט מען דוקא נישט! אזוינע זאכען קומען בהיסח הדעת, אומגעריכט!

טהייל מאל — דאכט זיך איהם — אז ער איז שוין אויף א דרך, איז איהם, מעשה שטן, עפּים מבלבל, און ער מוז אנהויבען זוכען אויף דאס־ניי!

ער האט זיך מישב געוועזען, צו מאכען דערפון א שמועס מיט איהם, זאל לעבען!

עס איז אבער שווער געגאנגען.

איינמאל האט דער רבי נישט געהערט, פערטראגען גע־וועזען; דאס צווייטע מאל, האט ער געשאקעלט מיט'ן קאפּ, נישט אהין און נישט אהער; דאס דריטע מאל האט ער געענטפערט:

— הם! א ודאי וואלט א יושר געוועזען! דערווייל איז אבער עמיץ אריין־געקומען און האט איבערגעהאקט.

נאך אמאל, איז ער עקסטרא געפאהרען און געפרעגט: א?

— נו! נו! — האט דער רבי געענטפערט, און גאר נישט.

איינמאל אבער זיצט חיים ברוך ביי'ם רבי'ן, ערב שבת, און נייט א זיפּץ.

— קיין שטייגער, בעזערט זיך דער רבי, מיינס אַ חסיד זיפצט נישט. וואָרען טאַקי, וואָס?

— די הייוועו! — ענטפערט חיים ברוך.

— מען האָט שוין אין כל תפוצות ישראל חלות געבאַקען, — ענטפערט דער רבי! פרייטאָג נאָך צוועלפען רעדט מען נישט פון קיין הייוועו!

שבת-צונאַכטס האָט שוין חיים ברוך אַרויסגערעדט בפירוש:

— רבי, מאַכט ער, — אפשר וואָלט איהר זיך מכנים געוועזען אין דער זאַך?

דער רבי ווערט ווייטער בעז:

— און דו — מאַכט ער — ביזט חולה? פאַר דיין תפלה איז דער הימעל, חס ושלום, פערמאַכט?

חיים ברוך האָט בפירוש געהערט „חס ושלום" און עס איז איהם אַראָב אַ שטיין פון האַרץ. פון דעסטוועגען איז ווייטער אוועק אַ פּאָר חדשים און גאָר נישט...

אויף ראש השנה איז ער ווייטער געקומען.

מוצאי יום־טוב גיט איהם דער רבי פלוצלינג אַ קלאַפּ אין די פלייצעס בפני קהל ועדה און פרעגט:

— „חיים ברוך, וואָס פעהלט דיר?"

ער ווערט פערשעמט, און ענטפערט: „גאָר נישט!"

— שקר! מאַכט דער רבי, דיר פעהלט עפּיס.

— וואָס? פרעגט חיים ברוך פערציטערט, און אויף דער צונג איז איהם שוין געלעגען: די „ברכה אין הייוועו און אַרבעס".

דער רבי לאָזט איהם אָבער נישט קומען צום וואָרט און צעהלט איהם אָב ווערטער ווי פּערל:

— „דיר — חיים־ברוך — פעהלט — אַ — ליולקע-ציביק!"

דער עולם איז נבהל ונשתומם געוואָרען.

— דו רויכערסט, — מאַכט דער רבי, — פון אַ פיפּקעלע ווי אַ בעל־עגלה!

חיים ברוך'ן איז אַרויס דאָס פּיפּקעלע פון מויל ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמעלט:

— איך וועל זאָגן שרה־רבקה'ן.

— זאָג, זאָג, — מאַכט דער רבי. זאָל זי דיר קויפען אַ גרויסע ליולקע־ציביק... נעהם דיר מיט מיין יום־טוב'דיגע פּאַר אַ מאָס; כְּהַוָיָה זאָל זי זיין.

און ער האָט איהם איבערגעגעבען זיין ליולקע־ציביק.

און דאָס איז עס געווען אין גאַנצען!

נאָך איידער ער איז אַהיים געקומען, האָט מען שוין אין שטעדטעל געוואוסט, אַז חיים ברוך פיהרט דעם רבין'ס יום־טוב'דיגע ליולקע־ציביק...

— נאָך וואָס, נאָך ווען? האָט מען געפרעגט אין אַלע געסלעך, אין אַלע הייזלעך.

— נאָך וואָס? האָבען געצאַפּעלט אַלע יודישע נשמה'ס. נאָך וואָס? און מען האָט זיך אַליין געענטפערט: מן הסתם אויף קינדער!

חיים ברוך, דאַכט זיך, ליידט נאָך אויף דעם, וואָס אַלע לומדים ליידען, מן־הסתם וועט דער רויך פון רבין'ס יום־טוב'דיגע ליולקע אויף דעם אויך האָבען אַ פעולה! אַהאַ! נאָך עפּיס שרה־רבקה ליידט אויף די אויגען! צו 22 יאָהר טראָגט זי אַ בריל; דער רבי האָט עס אַודאי אין זין געהאַט, אַ קלייניג־קייט — חיים־ברוך'ס ווייב!

און גלאַט: צו וואָס העלפט נישט אַזאַ ציביק? און נאָך אַ יום־טוב'דיגער ציביק?!!

און נאָך איידער חיים ברוך איז אַראָב פון דער פוהר, האָבען איהם שוין הונדערט מענשען געבעטען, ער זאָל באָרגען דעם ציביק: אויף אַ חודש, אַ וואָך, אַ טאָג, אַ שעה, אַ מינוט, אַ רגע...

מען וויל איהם אָבגילטען!

און ער האָט אַלע געענטפערט:

— איך ווייס? פרעגט שרה רבקה'ן...!

א נבואה איז איהם אַרויס פון מויל...

---

שרה רבקה האָט אַ וואהל געשעפט...

ח"י גדולים פאַר אַ ציה פון ליולקע-ציביק! ח"י גדולים, נישט אַ גראָשען וועניגער!

און דער ציביק העלפט!

און מען צאָהלט, און שרה רבקה האָט שוין איהרס אַ הייזעל, אַ שעהן געוועלבעל, אַ סך הייוען אין געוועלבעל, אַ סך אַנדערע סחורות.

זי אַליין איז פולער געוואָרען, געזונדטער, אויסגעגלייכט! זי האָט דעם מאַן שוין נייע וועש געמאַכט, די ברילען אַוועק-געלעגט...

פאַר עטליכע וואָכען איז מען געקומען נאָכ'ן ציביק פון פריץ וועגען! מען האָט אַנידער-געלעגט דריי זילבערנע רובל, ווי דען!

— און קינדער? ווילט איהר וויסען.

— אַודאי! שוין דריי צי פיער... ער איז אויך אַ גאַנצער מענש געוואָרען...

---

און אין בית המדרש איז אַ שטענדיגער פלפול.

טו"ל זאָגען, אַז שרה רבקה וויל נישט און וועט נישט אָבגעבען דעם רבי'ן דעם ציביק!

אַנדערע זאָגען, אַז זי האָט איהם שוין לאַנג אָבגעגעבען! און דאָס איז איין אַנדערער...

ער אַליין, חיים ברוך, שווייגט.

ולמאי נפקא מינה? אבי ער העלפט!

# נִסִים וְנִפְלָאוֹת.

## I.

## דָאס בֵּיימֶעל.

זעהסט דאָס ביימעל? וואָס וואַקסט דערויף? גאָר נישט! אָדלען!

און דאָס ביימעל איז אַמאָל אַיין עץ עושה פרי געוועזן — איין עפּיל־בוים!

עס איז נישט גרעסער געוועזן, ווי איצינד, נור אַ קרוין האָט עס געהאַט — זהב טהור! גאָלדענע עפּיל האָט עס געטראָגען!

זאַפּטיגע, וויינינגע, אין מויל זענען זיי צוגאַנגען; און גרויסע, ווי די פויסטען!

ער זאָל לעבען האָט זיי ביים טיש געגעסען; מקורבים פלעגען פון זיי בעקומען אויף שהחיינו; דעם רבי'נס אייניקלעך, זאָלען לעבען, פלעגען זיי נעמען שמחת תורה צו די פאָהנען...

דאַכט זיך אַ ביימעל קען דערמיט יוצא זיין? וואָס? זענען אָבער די צווייגען אַריבער איבער דעם צוים אין גאַס — אין רשות הרבים אַריין, און דאָס איז אַ מכשול, אַ גרויס מכשול געוועזן!

תינוקות של בית רבן — יונגלעך געהען איבער דער גאַס פון חדרים — רייסט מען, איז מען עובר אויף „לא תגנוב”.

רעדט מען דערפון ביים טיש, אויפ'ן אויער; ער זאָל לעבען, דערהערט עס אָבער, רונצעלט, ער זאָל לעבען, דעם

שטערן, הויבט אויף די ברעמען, דער עולם ווערט פערציטערט, מען מיינט ער וועט שילטען — מעניש זיין!

איז אָבער, זעהט אויס, גובר מדת הרחמים.

עפענט ער, זאָל לעבען, אָבער די כשר׳ע לעפּצען און גיט אַ זאָג: מפקיר!

די קינדער זענען נאָך קיין „בר-עונשין״ נישט.

האָט זיך אָבער מיט דעם נישט געענדיגט די זאַך.

איינמאָל קומט ער זאָל לעבען אַרויס אויפ׳ן גאַניקעל, קוקט, אפילו עטוואָס מרה-שחורה׳דיג צום הימעל אַרויף — מי יודע, וואָס ער האָט עפּיס געזעהן — דערהערט ער אַ געדויש, גיט ער זאָל לעבען אַ קוק איבער׳ן גאָרטען, זעהט ער, ווי אַ קליין תינוקת׳ל, נאָך, מחילה, מיט׳ן העמדיל אין דרויסען, שפּרינגט קעגען ביימעל, און שפּרינגט, און וויל חאַפּען מיט׳ן מיילכעל, מיט די הענדטלעך, און די תאוה אין די אויגעלעך ברענט — דער יצר הרע פון „לא תחמוד״...

„נתן עיניו בו״, גיט ער זאָל לעבען אַ בייזען קוק אויפ׳ן ביימעל און שוין! איין אילן סרק — אַ נאָדעל ביימעל!

דאָס יונגעל איז שיער נישט פון זינען אַראָב פאַר שרעק...

און יעדע האַלבע נאַכט, ווען אַלץ שלאָפט איין, הערט מען, ווי דאָס ביימעל קרעכצט און קלאָגט זיך: „עס מאַכט איבער מיר קיינער קיין ברכה נישט, עס האָט קיינער פון מיר קיין הנאה נישט...״

און עס דאַרט דאָס ביימעל, פאַר צער, פאַר גרויס בענקעניש!

---

## II.
## די סוּכָּה.

מעלין בקודש — דאָס איז אַמאָל, בימי הגראף — אין

אַלטאַנקע געווען, און אַז ער, זאָל לעבען, האָט ביי די יורשים פון גראַף דאָס שטיקעל נחלה אָבגעקויפט, איז פון דער אַלטאַנקע אַ סוכה געוואָרען — און אין דער סיכה האָט ער, זאָל לעבען, התבודדות געהאַט...

וואָס עס מאַכט זיך פאַר אַ צרה, אויף שונאי ישראל, געהט ער אין סוכה אַריין און — טהוט!

מען קען נישט זאָגען, אַלע גוטע יודען טהוען — ער איז זיך אָבער מוסר נפש. ער שפאַרט זיך איין: ער וועט נישט אַרויסקומען פון סוכה ביז ער וועט נישט פועל'ן... און ער זיצט מיט דער ליולקע ציביק אין מויל און פיפקעט — אַ וואָלקען מיט רויך נעמט איהם אַרום, און פון וואָלקען קוקען זיינע אויגען אַרויס, פול עצבות, פול תפלה און טהייל מאָל — עקשנות!

איינמאָל האָבען זיך צוזאַמען געגומען די שרי המלכות צו מאַכען נייע פונקטען, נייע גזרות הייסט עס...

מילא לא אלמן ישראל, גוטע יודען הויבען אָן רעש'ן! מען מאַכט אסיפות, מען איז גוזר תענית, מען זוכט חטאים, מען שיקט אַ שליח מיוחד קיין ארץ ישראל אויף ר' שמעון בן יוחאי'ס קבר — און ער, זאָל לעבען, זיצט אין סוכה...

זיצט און פיפקעט...

און דאָ ווערט וואָס אַמאָל ערגער...

דער שליח מיוחד איז נפטר געוואָרען אויפ'ן וועג... און דאָ העלפט קיין ממון און קיין דמים — גאָר נישט! אַלע שרים פון אַלע שבעים אומות, און פערשטעהט זיך, דער שר של יון בראש, האַלטען זיך שטאָהל און אַייזען; און דער קטרוג איז גרויס, און מען הויבט דערוויל שוין אָן איבערצורייסען ערוב'ן, פערחתמ'נען מקואות, צוטרייבען חדרים... אויף טהייל ערטער ברענט מען גאָר ש"ס אין די גאַסען —

און ער, זאָל לעבען, זיצט און פיפקעט!...

איין טאָג, דעם צווייטען, ויהי ביום השלישי, דערפיהלט ער, זאָל לעבען, אַז, לא עליכם, דאָס חולשות וואַקסט, אַז די כחות געהען איהם, חס ושלום, אוים. גיט ער זיך אַ שטעל אויף, אַ לויף צו און אַ פּראַל אויף דאָס פענסטערל פון סוכה און גיט אַ געשריי אַרוים: עצים ואילנות, גיט מיר אייער כח! דשאים ועשבים — איך בין אויף אייך גוזר, גיט מיר אַוועק אייער גאַנצען כח!

— וואָס מיינט איהר? זיי האָבען נישט געגעבען?

און עס איז, לא עליכם, אַ שנת בצורת — אַ הונגער געוועזען! לעדיגע זאַנגען — שטרוי! מיהלען האָבען זיך אָבגעשטעלט, סוחרים — בדיל הדל געוואָרען, בהמות — אָהן פאַשע געבליבען, און עס איז כמעט קיין פרי אויף קיין שהחיינו געוועזען...

אָבער אַ סך פונקטען זענען בטל געוואָרען; ערובין, מקואות חדרים, ש"ס — זענען געבליבען!

---

## III.

## זיין הויש הָרִיחַ!

איין מאָל, עס האָט נאָר וואָס אויפגעפלאַקערט דאָס מחלוקת — וועגען וואָס, ווייסט איהר דאָך — איז פון יענעם צד אַרויסגעשפּרונגען איינער אַ שמואל שוחט און האָט דערלאַנגט אַ מסירה...

באשר בכן: ער זאָל לעבען פיהרט אַ מלוכה, איז אַ מורד במלכות און נאָך... און נאָך... המן'ס בלבולים...

און אַזוי ווי מען איז געוואָהר געוואָרען פון דער מסירה, איז טאַקי דער שמואל שוחט תיכף ומיד נעלם געוואָרען; וואָס האָט מען געמיינט! ער זאָל לעבען, האָט'ס מעניש געוועזען, די ערד האָט'ס איינגעשלונגען... הערט מען זיך טאַקי אויף צו

שרעקען, ווערט גרינגער אויפ'ן הארץ; „בן יאבדו" זאָגט מען, מן הסתם וועט ער, זאָל לעבען, פון אַלע מאַכען אַש! מען האָט אפילו קיינעם אין גובערניע נישט געשיקט!

און פון דער העלער הויט, מען בעפאַלט דאָס הויז! ד'איז קוים דורכ'ן פענסטער ענטלאָפען...

און ער, זאָל לעבען, איז נתחיב געוואָרען חובת גלות... איז ער, נעביך, נע ונד... פון קהלה צו קהלה... און טרעפט אומעטום שונאים... קומט ער, זאָל לעבען, איין מאָל האַלבער נאַכט, אין אַ שטעדטעל אַריין, ווייסט ער נישט וואו אָנצוקלאַפען. געהט ער פון לאָרען צו לאָרען... יודען וואָהנען, אָבער וואָס פאַר אַ יודען? פון איין פענסטער דערהערט זיך חצות און אָנ'ם קול דערקענט ער, אַז עס איז אַ חצות משלנו — אַ ברענענדיגער חצות, הימלען שפאַלט ער!

קלאַפט ער אָן, ווערט שטיל און שטום, נור מען עפענט נישט!

אויף די אנשי בית, פערשטעהט איהר מיך, איז אַ פחד אָנגעפאַלען. עס איז אַ חשך ואפלה געווען — און אַ גאָס רעגען ווי אויף אַ מבול... און איין אָבגעלעגען שטעדטעל... צוויי ירידים: ניסן און תשרי און אַ גאַנץ יאָהר אין יוצא ואין בא! וואָס מיינט מען? ווער קלאַפט האַלבע נאַכט? גזלנים! און זיי טאַקי שיער נישט די נשמה אויסגעגאַנגען.

שרייט ער אַריין: אַ יוד, אַ יוד!

און מן השמים! זענען זיי טאַקי אנשי שלומנו געווען און מען האָט זיין קול דערקענט, און מען ווערט פערציטערט פאַר שמחה, און עס וואַרפען זיך פאַר שמחה די הענד, אַז מען קען צום שליסעל נישט טרעפען... מען האָט דאָרטען פון גאַנצען בלבול נישט געוואוסט — געמיינט אַזוי אַראָבגעקומען, דורכפאָה־רענדיג... ווערט אָבער פון ששון ושמחה—אבל ותוגה!

„בעהאַלטס מיך", זאָגט ער!

נו געה בעהאַלט, ער, זאָל לעבען, זאָל נישט נתגלה ווערען!...

כעלות, נאָך נישט קיין זמן קריאת־שמע געווען — מען קלאַפּט ווייטער! מען קומט איהם זאָל לעבען מכבד זיין מיט סנדקאות!

ער נעמט אָן! מסירת נפש כלאחר יד!... מילא קענט איהר אייך מאָלען, וואָס פאַר סעודת מצוה עס איז געווען! קינד און קייט, פון רב ביז'ן קלענסטען נחות דרגא! און איהם, זאָל לעבען, דערלאַנגט מען צונג, דעמאָלט פלעגט ער ליעב האָבען צונג... און אפשר האָט עפּיס געשטעקט דאַרינען, ווייל היינט עסט ער דוקא נישט קיין צונג... הכלל מען דערלאַנגט איהם, און ער וויל טועם זיין, נעמט צום מויל און גיט פלוצלונג אַ געשריי: נבלה וטרפה! וישאגה לו כלביא — איהר קענט דאָך זיין קול!

מילא ווערט אַ רעש, אַ מהומה!

ס'טייטש דער מרא דאתרא עסט, לומדים גדולים עסען!

שיקט מען מן הסתם נאָך דעם שוחט מיט די חלפים!

וואָס ווייזט זיך אויס?

חלפים, נישט פאַר אייך געדאַכט, ווי די זעגען! און דער שוחט איז טאַקי געווען שמואל שוחט!

---

## IV.

## דָאס קֶבֶר.

ביים רבין אין גערטיל ליעגט אַ גרויסער משונה'דיגער שטיין — און אויבען אויפ'ן באַרג, ביי דער חורבה פון אַלטען גראַפּ'ס פעסטונג, ליעגט אויך אַזאַ שטיין. ווייסט איהר וואָס דאָס בעדייט?

איבער דער פעסטונג האָט זיך אַמאָל געהויכט אַ טהורם — טאַקי ער לב השמים אַ טהורם! אויבען פלעגט אַרומגעהן אַ שומר

מיט אַטראָמפּייט און טאָג און נאַכט היטען, עס זאָל אומגעריכט קיין שונא נישט בעפאַלען. און בעוויזט זיך עפּיס, בלאָזט ער און וועקט דעם גראַפ׳ס חיילות און זיי שפּרינגען אויף די מויערן אַרויף —

אַלץ ווי אין „יחזקאל״ שטעהט — אַלץ האָבען זיי ביי אונז גענומען! —

נור אויסער דעם שומר פלעגט נאָך עמיץ זיצען אויפ׳ן טהורם.

דער גראַף האָט זיך געהאַלטען אַ מכשף — אַ מין שטערען־זעהער, וואָס פלעגט שטענדיג זיצען אין דער הויך, קוקען אויף די מזלות און פערשרייבען, און דערנאָך אַראָבקומען צום גראַף און זאָגען, וואָס עס איז איהם בעשערט...

און דער גראַף איז אויך, ווי דעמאָלט פלעגט דער מנהג זיין, שופט געווען; די גאַנצע סביבה פלעגט ער משפּט׳ן.

קומען איינמאָל צוויי ברידער צום גראַף, ערלים, מיט אַ ספסוך וועגען אַ ירושה זענען זיי געקומען; איז אָבער דער גראַף איין יוצא למלחמה געווען, דאָס פערד איז שון געשטאַנען אָנ־געזאָטעלט און ער האָט זיך אַרומגעגאַרטעלט מיט דער שווערד, שיקט ער די שני אחים אָב צום מכשף, ער זאָל זיי פּסק׳נען...

קומען זיי צום מכשף אויפ׳ן טהורם אַרויף און זאָגען איהם אַזוי און אַזוי: מיר האָבען אַ דין־תורה, און דער גראַף האָט אונז צו דיר געשיקט, און אַזוי ווי דו וועסט פּסק׳נען, אַזוי וועט זיין...

מוז ער דאָך דער מכשף בעשטעהן; נור אַ תנאי נעמט ער זיך אוים: זיי זאָלען עהרליך טענה׳ן! זיי זאָלען נישט מעלים זיין און קיין וואָרט שקר נישט זאָגען, אַ נישט וועט ער זיי בעשטראָפען!

בעשטעהען זיי — הויבען אָן טענה׳ן — און פערגעסען זיך און הויבען אָן טענה׳ן שקר שקרים — דערמאָהנט ער זיי, איז זיי מתרה, איינמאָל, צוויי מאָל, צום דריטען מאָל — עס איז אָבער נישט מעגליך! ווערט ער בייז, גיט אויף זיי אַ בלאָז,

פליהען זיי אַרויס פון די פענסטערלעך, ווערען פערשטיינערט, און פאַלען — איינער אויפ'ן באַרג און דער צווייטער אין גערטיל אריין...

אַז ער, זאָל לעבען, האָט ביי'ם גראַפ'ס יורשים אָבגעקויפט די נחלה, האָט ער געזאָגט, אַז ער וואָלט זיי געקאָנט מחיה מתים זיין, נור ער וויל נישט, ווייל זיי זענען גרויסע שונאי ישראל געווען!

---

## V.

איך מוז אייך אָבער זאָגען דעם אמת, עס איז פערהאַן איין אַנדער גירסא... אַ מעשה נורא... און אַ ישן נושן — פון אַלטע דורות...

דער גראַף האָט נאָך געלעבט און האָט מיט אַלע פריצים אַרום מלחמה געהאַלטען — אַ גרויסער גבור חיל געווען... פלעגט בעפאַלען, פערברענען גאַנצע הייף... אויפהענגען די פריצים, מאנס זיין די נשים — סכנת נפשות געווען...

און אין שטעדטעל איז אַ בת ישראל געווען, איין אשת איש און מגזע ישרים, מזרע קדושים, און בעלה — נשמתו בגנזי מרומים — איז געווען גאָר, גאָר! מיט איין וואָרט: אַ מנהיג...

איז אָבער די אשה אַ גרויסע יפה־פיה געווען... און דערזעהן האָט זי אַמאָל דער גראַף... און איהר ווייסט דאָך „אין אפטרופס"... און דער יצר הרע האָט גובר געווען... נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום בת ישראל געדאַכט...

און אַ קעלער איז געגאַנגען פון גראַפ'ס פעסטונג פון דער הויך ביז אין דעם גערטיל אַראָב — ביז צו די הייזלעך, וואו דעם גראַפ'ס משרתים האָבען געוואָהנט, משרתיו עושי רצונו: דער מכשף, די ממונים על העופות ועל הכלבים, דער ראש פון די קאָזאַקלעך, מיט וועלכע דער גראַף פלעגט מחרים עולם זיין.

און אין קעלער זענען שטיבער געווען צו בעהאַלטען זיך בשעת מלחמה, און אין איינעם פון די חדרים פלעגען זיי זיך זעהן!

נאַכט אויף נאַכט — בעלה געהט צו חצות, גנב'עט זי זיך אַרויס פון בעט, טהוט זיך אָן בגדי שבת ויום טוב, נעמט אויף זיך כל המיני־תכשיטין, בעשמעקט זיך מיט כל המיני בשמים און חאַפּט זיך אין קעלער אַריין דורך דעם גאָרטען... און דער גראַף פערלאָזט שטילערהייט זיינע היכלות, וואו מען איז זיך משמח מיט כל המיני עולם־הזה, און אין איינעם פון די שענסטע חדרים טרעפען זיי זיך און זענען זיך מחבק ומנשק, אז גאָט זאָל שומר ומציל זיין...

און אַזוי נאַכט אויף נאַכט, נאַכט אויף נאַכט...

איינמאָל אָבער, ווי ער איז אַזוי מחבק ומנשק, פאַלט איהם איין, גיט ער אַ זאָג: רבקה'לע — רבקה האָט זי געהייסען — שמד זיך, וועל איך מיט דיר חתונה האָבען — דער גראַף איז אַ בחור געווען.

איז זי דאָך אָבער פאָרט אַ בת ישראל, און אפשר האָט מען אויף אַזוי וויט דעם משחית קיין רשות נישט געגעבען — וויל זי נישט! זאָגט ער נאָך אַמאָל, זי וויל נישט, איז ער אָבער מפציר — פאַלט זי איהם צו די פיס און בעט זיך ביי איהם רחמים—ווערט ער פלוצלונג, כדרך הפריצים, בייז, רייסט זיך אויס, לאָזט זי איבער און לויפט אַרויס!..

און גיט אַ בלאָז אויפ'ן האָרן — אַ נמרוד, אַ גבור ציד געווען, שטענדיג אַ האָרן געטראָגען — לויפט מען זיך צוזאַמען, הייסט ער פערלעגען ביידע אַריינגאַנגען צום קעלער מיט שטיינער, מיט גרויסע שטיינער, און זיך אָנזאָטלען אַ פערד און ער רייט אַוועק! — —

דריי טעג און דריי נעכט איז ער געריטען, דריי טעג און דריי נעכט האָט מען פון קעלער אַרויס „שמע ישראל“ געהערט...

און אַז ער האָט זיך אָבגעקיהלט פון גרים־צאָרן, און אַז עס האָט זיך אין איהם אַ חרטה דערוועקט, און איז אויפ'ן

פירטען טאָג צוריק געקומען — איז אונטער איהם ביים אַריינגאַנג פֿון קעלער דאָס פערד געפאַלען. אַזוי האָט ער געיאָגט; נאָר אין קעלער איז שוין שטיל געווען.

און אויפ'ן בית עלמין איז פערהאַן אַ מצבה, אַ הויכע, מיט גאָלדענע אותיות: מגזע ישרים, מזרע קדושים... אשת הרב הגאון והקדוש — הלא היא...

און צו קבר אבות קומט מען, משתטח איז מען זיך.. אֵל מלא רחמים'ס מאַכט מען... מען מעסט דאָס קבר, מען איז מתפלל אויפ'ן קבר, נאָר דאָס קבר איז—לעער!

# דריטע אבטיילונג.

# מְקוּבָּלִים.

אין די שלעכטע צייטען, פאלט אפילו תורה — די בעסטע סחורה — אויך.

פון דער לאשציווער ישיבה איז מעהר נישט געבליבען נאָר דער ראש ישיבה — ר׳ יעקיל מיט איין איינציגען תלמיד.

דער ראש ישיבה איז איין אַלטער דאַרער יוד, מיט אַ לאַנגע צושויבערטע באָרד, מיט אַלטע, אויסגעלאָשענע אויגען; למך, זיין געליעבטער תלמיד, איז אַ יונגער מאַן, אויך אַ דאַרער, אַ הויכער, אַ בלאַסער מיט שווארצע געקרייזעלטע פאות, ברענענדיגע, שווארצע, אונטערגעשלאָגענע אויגען, פער־ברענטע ליפען, און אַ ציטעריגען שפּיציגען גאָרגעל;ביידע — מיט „אויפגעהראַשעטע" הערצער, אָהן העמדער, ביידע אין לאַבעס; דער ראש ישיבה שלעפּט קוים נאָך אַ פּאָר פּויערישע שטיוועל, דעם תלמיד אָהן זאָקען פאלען די שוסטער־שיך אַראָב פון די פיס. —

דאָס איז געבליבען פון דער בעריהמטער ישיבה!

דאָס פעראָרעמטע שטעדטיל האָט אַלע מאָל ווייניגער גע־שיקט עסען, געגעבען טעג; זענען זיך די אָרעמע־בחורים צו־קראָכען! ר׳ יעקיל אָבער וויל שוין דאָ שטאַרבען, און זיין תלמיד — לעגען איהם די שערבלעך אויף די אויגען.

און זיי ביידע ליידען אויך אַ מאָל הונגער. פון ווייניג עסען קומט ווייניג שלאָפען, פון גאַנצע נעכט נישט שלאָפען, און נישט עסען — אַ חשק צו קבלה!

ממה נפשך — דאַרף מען אויפזיין גאַנצע נעכט און הונגערן גאַנצע טעג, — לאָז מען כאָטש דערפון אַ נוצען האָבען, זאָל כאָטש זיין: תעניתים מיט סגופים, זאָלען זיך כאָטש עפענען אַלע טויערן פון דער וועלט מיט סודות, רוחות און מלאכים! און זיי לערנען שוין קבלה אַ צייט!

צונד זיצען זיי ביים לאַנגען טיש, איינע אַליין. ביי יעדען איז צונד נאָך מיטאָג, ביי זיי איז נאָך פאַר פרישטיק. זיי זענען דאָך געוואוהנט דערצו. — דער ראש ישיבה פערגלייסט די אויגען און רעדט; דער תלמיד זיצט אונטערגעשפּאַרט אויף ביידע הענד מיט'ן קאָפּ און הערט —

— אין דעם זענען דאָ — זאָגט דער ראש ישיבה — אַ סך בחינות: איינער קען אַ שטיקעל, איינער אַ האַלבען, איינער אַ גאַנצען נגון, — דער רבי, ז"ל, האָט געקענט אַ גאַנצען נגון, אפילו מיט אַ צושפּיעל! — איך (האָט ער צוגעגעבען טרויעריג) האָב קוים די זכיה צו'ן אַ פּיצעלע, אָט אַזוי גרויס...

ער האָט אָבגעמאָסטען אַ פּיצעל פון דאַרען פינגער און האָט וויטער געצויגען:

— עס איז פערהאַנען אַ נגון, וואָס מוז האָבען ווערטער... דאָס איז גאָר אַ נידעריגע בחינה... עס איז פערהאַנען אַ העכערע בחינה: אַ נגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָהן ווערטער — אַ ריינער נגון! נור דער נגון דאַרף נאָך האָבען אַ קול... און ליפּען, דורך וועלכע דאָס געהט אַרויס! און ליפּען — פערשטעהסט דו — זענען דאָך גשמיות! און דאָס קול אפילו, עס איז איין עדעלער גשמיות, גשמיות איז עס!

לאָז זיין, אַז דאָס קול שטעהט אויף דער גרענעץ צווישען רוחניות און גשמיות!

נור סיי ווי סיי דער נגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול, וואָס הענגט אָב פון די ליפּען, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אין גאַנצען ריין... נאָך נישט קיין אמת'ער רוחניות!...

דער אמת'ער נגון אָבער זינגט זיך גאָר אָהן אַ קול... עס זינגט זיך אינעווענינ, אין האַרץ, אין די געדערעם!

אָט, דאָס איז דער סוד פון דוד המלך׳ס ווערטער: „כל עצמותי תאמרנה״... אינ׳ם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען. דאָרט דאַרף זיין דער נגון — דער העכסטער שבח פאַר גאָט ברוך הוא! דאָס איז נישט דער נגון פון אַ בשר ודם, דאָס איז קיין אויסגעטראַכטער נגון! דאָס איז שוין אַ חלק פון נגון, מיט וועלכען גאָט האָט די וועלט בעשאַפען; פון דער נשמה, וואָס ער האָט אַריין געגאָסען אין איהר...

און אַזוי זינגט די פמליא של מעלה! אַזוי האָט געזונגען דער „יוד״, זכרונו לברכה!

דעם למוד האָט איבערגעהאַקט אַ צושויבערטער יונג מיט אַ שטריק אַרום די לענדען — אַ טרעגער. ער איז אַריין־געקומען אין בית המדרש, אַנידערגעשטעלט אַ שיסעל גריטץ מיט אַ שטיקעל ברויט אויפ׳ן טיש נעבען ראש־ישיבה, און מיט אַ גראָב קול געזאָגט: „ר׳ טעביל שיקט דעם ראש־ישיבה עסען!״ און האָט זיך איבערגעדרעהט, און, אַרויסגעהענדיג, צוגעגעבען: „שפּעטער וועל איך קומען נאָך דער שיסעל!״

אַרום דורך דעם גראָבען טרעגער־קול, פון דער געטליכער האַרמאָניע, האָט זיך דער ראש־ישיבה שווער אויפגעהויבען און איז, נאָכשלעפּענדיג די גרויסע שטיוועל, צוגעגאַנגען צו׳ם כיור זיך וואַשען.

געהענדיג, האָט ער ווייטער גערעדט, נור מיט ווייניגער התלהבות, און דער תלמיד האָט איהם פון זיין אָרט נאָכגעיאָגט מיט די אויפגעשפּיצטע אויערן און ברענענדיגע פערחלומטע אויגען.

נאָר — זאָגט ווייטער ר׳ יעקיל מיט אַ טרויעריגער שטי־מע — איך האָב אפילו די זכיה נישט משיג צו זיין, און וואָס פאַר אַ בחינה דאָס איז! און וועלכען שער דאָס קומט! זעהסט דו, — גיט ער שוין צו מיט אַ שמייכעל, — די סגופים מיט די צרופים, וואָס מען דאַרף דערצו די וויים איך, און איך וועל זיי דיר נאָך אפשר היינט איבערגעבען!

דעם תלמיד קריעכען שיער די אויגען אויס; ער האַלט אָפען דאָס מויל צו חאַפּען יעדעס וואָרט. נאָר דער רבי האָט

אָב, ער וואַשט זיך, ווישט זיך די הענד, זאָגט „שאו ידיכם", גערט צוריק צום טיש און מאַכט, מיט ציטעריגע ליפּען, די „המוציא"...

מיט ציטעריגע דאַרע הענד הויבט ער אונטער די שיסעל. די פאַרע פערדעקט איהם מיט א וואַרעמען דונסט דאָס ביינינע פּנים; דערנאָך שטעלט ער זי צוריק, נעהמט דעם לעפעל אין דער רעכטער האַנד, און וואַרעמט די לינקע האַנד אין ראַנד פון שיסעל. דערביי צוקוועטשט ער מיט דער צונג אָן די גאָלע דויאָנסלעס, די רעשט „מוציא" מיט זאַלץ.

אָנגעוואַרעמט דאָס פּנים מיט די הענד, קנייטשט ער שטאַרק איין דעם שטערן, ציהט צוזאַמען די בלאָגע-בלאָע דאַרע ליפּען, און הויבט אָן בלאָזען!

ביי דער גאַנצער צייט האָט פון איהם דער תלמיד קיין אויג נישט אַראָב-געלאָזט. און, בשעת דעם רבי'נס ציטערדיג מויל איז אָקעגען געלאָפען דעם ערשטען לעפעל גריץ, האָט איהם עפּיס אָנגעכאַפּט ביי'ם האַרץ; ער האָט זיך פערשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענד און האָט זיך אין גאַנצען איינגע-צויגען.

אין א פּאָר מינוט אַרום איז אַריין-געקומען נאָך א יונג מיט נאָך א שיסעל גריטץ מיט ברויט:

„ר' יוסף שיקט דעם תלמיד אָנבייסען!"

נאָר דער תלמיד האָט נישט אַוועקגענומען די הענד פון פּנים.

דער ראש-ישיבה האָט אַוועקגעלעגט דעם לעפעל און איז צוגעגאַנגען צום תלמיד. א ווײלע האָט ער מיט שטאָלצער-ליעבע אויפ'ן געקוקט דערנאָך האָט ער איינגעהילט די האַנד אין דער פּאָלע און אָנגעריהרט איהם דעם אַקסעל.

— מען האָט דיר געבערענגט עסען, — וועקט ער איהם מיט א פריינדליך קול. טרויעריג און לאַנגזאַם האָט דער תלמיד אַוועקגענומען די הענד פון פּנים. און דאָס פּנים איז נאָך

בלאַסער געווען, און די אונטערגעשלאָגענע אויגן האָבן נאָך ווילדער געברענט.

— איך ווייס, רבי! ענטפערט ער — נאָר איך וועל נישט עסן היינט!

— דער פירטער תענית? — האָט דער ראש־ישיבה גע־פרעגט, פערוואונדערט, —

— און אָהן מיר? גיט ער צו מיט אַ פּרעטענסיע.

— עס איז איין אַנדערער תענית, — ענטפערט דער תלמיד, — עס איז אַ תענית־תשובה!

— וואָס רעדסטו דו? — און אַ תענית תשובה?

— יאָ, רבי! אַ תענית־תשובה... אַ רגע פריהער, ווען איהר האָט אָנגעהויבן עסען, האָב איך געהאַט אַ הרהור... עובר צו זיין אויף לא־תחמוד?

---

אין דער זעלבער נאַכט, גאַנץ שפּעט, האָט דער תלמיד געוועקט דעם רבי'ן. זיי זענען ביידע געשלאָפען, זיך געגענ־איבער, אויף בענק אין קלויז.

— רבי — רבי! האָט ער גערופען מיט אַ שוואַך קול —

— וואָס איז? האָט זיך דער ראש ישיבה אויפגעחאַפּט דערשראָקען.

— איך בין צונד געווען אין דער הויבער מדרגה...

— ווי אַזוי? פרעגט דער ראש ישיבה נאָך אַביסעל פערשלאָפען.

— עס האָט אין מיר געזונגען!

דער ראש ישיבה האָט זיך אויפגעזעצט:

— ווי אַזוי, ווי אַזוי?

— איך ווייס אַליין נישט, רבי, — האָט דער תלמיד מיט נאָך אַ שוואַכער קול געענטפערט, — איך האָב נישט גע־קענט שלאָפען, האָב איך מיך פערטיפט אין אייער שמועס... איך האָב געוואָלט דוקא קענען דעם נגון... און איך האָב פאַר

גרוים צער, וואָס איך קען נישט דעם נגון, אָנגעהויבען ווייַנען... עס האָט אין מיר אַלץ געוויינט; אַלע אברים האָבען געוויינט פאַר'ן רבונו של עולם!

דערביי האָב איך געמאַכט די צרופים, וואָס איהר האָט מיר איבערגעגעבען... אַ וואונדערליכע זאַך: נישט מיט'ן מויל, נאָר עפּיס אינעווייניג... פון זיך אַליין! ראַפּטום איז מיר ליכטיג געוואָרען... איך האָב געהאַלטען צו די אויגען, און עס איז מיר געוועזן ליכטיג, זעהר ליכטיג, זעהר שטאַרק ליכטיג!...

— אַט! בווינט זיך צו דער ראש ישיבה.

— דערנאָך איז מיר געוואָרען פון דעם ליכט אַזוי גוט, אַזוי לייכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועג גאָר נישט, אַז מיין גוף האָט די וואָג פערלאָרען, אַז איך קען פליהען...

— אַט! אַט!

— דערנאָך בין איך געוואָרען לוסטיג, לעבענדיג, לאַכעניג... דאָס פנים האָט זיך מיר נישט גערירט, די ליפּען אויך נישט, און איך האָב דאָך געלאַכט... און אַזוי גוט, אַזוי האַרציג, אַזוי נחת'דיג געלאַכט!

— אַט! אַט! אַט! — מתוך שמחה!

— דערנאָך האָט עפּיס אין מיר געברומט, ווי איין אָנהויב פון אַ ניגון געברומט —

דער ראש ישיבה איז אַראָב־געשפּרונגען פון זיין באַנק און איז מיט אַ מאָל געוועזן ביים תלמיד: —

— נו — נו —

— דערנאָך האָב איך געהערט, ווי עס האָט אין מיר אָנגעהויבען זינגען!

— וואָס האָסט דו געפיהלט? וואָס? וואָס? זאָג!

— איך האָב געפיהלט, אַז אַלע חושים זענען מיר פערשטאָפּט און פערמאַכט, און עפּיס אינעווייניג זינגט... און אַזוי ווי מען דאַרף — גאָר אָהן ווערטער, אַט אַזוי...

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?!

— ניין, איך קען נישט... פריהער האָב איך געוואוסט... דערנאָך איז פונ'ם זינגען געוואָרען... געוואָרען...

— וואָס איז געוואָרען — וואָס?...

— אַ מין שפּיעלען.. גלייך, להבדיל, איך וואָלט אינע־וועניג אין מיר אַ פּיעדעל געהאַט, אָדער גלייך יונה כלי־זמר זאָל אין מיר זיצען און שפּיעלען זמירות, ווי ביים רבי'ן צו טיש! נאָר עס האָט געשפּיעלט נאָך בעסער, נאָך עדעלער, מיט נאָך מעהר רוחניות! און אַלץ אָהן אַ קול, אָהן אַ שום קול — סאַמע רוחניות!...

— וואהל איז דיר! וואהל איז דיר! וואהל איז דיר!

— צוגד איז אַלץ אַוועק! — מאַכט טרויעריג דער תלמיד,— עס האָבען זיך מיר צוריק געעפענט די חושים, און איך בין אַזוי מיעד, אַזוי מיעד, אַ־זוי־מי־ע־ד...! אַז איך...

— רבי — האָט ער ראַפּטום אַ געשריי געטהון, זיך אָנ־האַפּענדיג ביים האָרץ, — רבי! זאָגט מיט מיר ודוי! מען איז געקומען נאָך מיר! — עס האָט דאָרט אין פמליא של מעלה אַ זינגערל פערפעהל'ט! אַ מלאך מיט ווייסע פליגעל!... רבי! רבי! שמע ישראל! שמעע... יש...

---

דאָס גאַנצע שטעדטעל ווי איין מענש, האָט זיך געוואונשען אַזאַ טויט, נאָר פאַר'ן ראש ישיבה איז נאָך וועניג.

— נאָך אַ פּאָר תעניתים, — קרעכצט ער, — וואָלט ער שוין געשטאָרבען „בנשיקה”!

# אַ גִלְגוּל פוּן אַ נִגוּן.

— אַ טאַלנער נ ג ו ן ווילט איהר?

דאַכט זיך אין פלוג אַ קלייניגקייט — נעמען אַ נגון פון אַ טאַלנער שלש סעודות און נאָכזינגען! עס איז אָבער נישט אַזוי, ווי עס דאַכט זיך!

דער טאַלנער נגון מוז געזונגען ווערען ברב עם, ח ב ר ה מוז איהם זינגען!

אונטערהעלפען ווילט איהר? ניין, ברידער! מיט דער הילף פון פוילישע חסידים זינגט זיך נישט קיין טאַלנער נגון!

איהר האָט גאָר קיין השגה, קיין ידיעה אין נגינה!

איך הער דאָך אייערע כלי־זמרים, אייערע חזנים! עס גרימפּעלט זיך, נישט עס שפּיעלט און ביים זינגען רייסט איהר אייך, ווי געקוילעטע העהנער! אפילו די סיני נגונים קימען ביי אייך אַרויס משונה־ווילד... און אייערע מאַרשען, אייערע קאָזאַקלעך? זיי זענען נאָך ווילדער ווי אייערע תנועות און הויות! איהר זאָגט, עס איז חסידות?... ביי אונז זענען אַנדערע חסידים!...

פון וואַנען מ י ר האָבען נגינה? אפשר קומט עס שוין בירושה און אפשר ליעגט עס אין דער געגענד!

אין אונזער קיעווער געגענד איז אין בית אָהן אַ פיעדעלע!

אַ בעל־בתי'ש קינד, אָדער, ווי מען זאָגט אין יענע קאַנטען: אַ טאַטענס אַ קינד, מוז האָבען אַ פיעדעלע, מוז קענען שפּיעלען...

איהר ווילט וויסען, וויפיעל מאַנסליוט עס געהערען צו אַ שטיבּ? קוקט אויף די ווענד! וויפיעל עס הענגען פּיעדעלעך, אַזוי פיעל מאַנסליוט!

אַלע שפּיעלען: עס שפּיעלט דער זיידע, עס שפּיעלט דער פאָטער, עס שפּיעלט דער זוהן...

עס איז נאָר אַ שאַד, וואָס יעדער דור שפּיעלט זיך זיינס, שפּיעלט אַנדערש, שפּיעלט בעזונדער!

דער אַלטער זיידע שפּיעלט סיני נגונים אָדער אַזוי חזנישע זאַכען: אַ „כל־נדרי", „שושנת יעקב", אַ „גדי קשור־ידים"— אַ דאגה וואָס? דער פאָטער, אַ חסידישער מענש, צוגעהט זיך אין אַ נוס־יודישען שטייגער! דער זוהן ווייטער — שפּיעלט שוין פון נאָטען! מען שפּיעלט שוין גאָר פון טעאַטער!

אַזוי ווי דער דור, אַזוי איז דער נגון!

*

— וואָס טהוען חסידים, אַז עס פּ:הלט אַביסעל בראָנפען? רעדט מען פון בראָנפען!... זינגען איינער אַליין, אָהן חברה, אָהן אַ ברען פון עולם, קען מען נישט; וועל'מיר רעדען פון נגינה...

נגינה, מוזט איהר וויסען, איז אַ גרויסע זאַך! גאַנץ טאַלנא איז געשטאַנען אויף מלוה־מלכה'ס, און דער עיקר מלוה־מלכה איז געווען דער נגון!

עס ווענדט זיך נאָר, ווער עס זינגט און וואָס ער זינגט...

מיט די אייגענע ציגעל קען מען שטעלען אַ שוהל און אַ קלויסטער, אַ פּאַלאַץ און אַ תפיסה, און גאָר אַ הקדש!

מיט די אייגענע אותיות שרייבט מען סודות התורה און, להבדיל, דאָס גרעסטע אפיקורסות! און מיט די אייגענע קולות קען מען אַרויף צו דער העכסטער מדרגה פון התלהבות און דבקות, און מען קען אַראָב ביז'ן שאול תחתית און וואַלגערן זיך דאָרט ווי אַ וואָרם אין בלאָטע!

אַ בריוועל — ווי מען לייענט עס; אַ נגון ווי מען זינגט איהם!

נעהמט, למשל, אַ „פרעהליכס״; קען עס זיין אַ טאַלנער שבת־שירה׳דיגע מלוה־מלכה, — אַ שמחה פון מצות און מעשים טובים; און עס קען זיין די פרייד פון איין אויסגעלאַסענעם פויגעל אין אַ הפקר וועלט!

אַ נגון ברענט, טאַקי „תוכו רצוף אהבה״ — אויסגעווייקט איז ער מיט ליעבשאַפט; נאָר ליעבשאַפטען זענען פאַרהאַנען אַ סך: עס איז פאַרהאַנען אהבת המקום, אהבת הבריות, אַ ליעב־שאַפט צו כל ישראל... איינער אָבער האָט גאָר זיך אַליין ליעב, צי נאָר, רחמנא ליצלן, איין אשת־איש!

אַ נגון קלאָגט זיך, אַ נגון וויינט, נאָר איינער וויינט אויפ׳ן נחש, אויפ׳ן פערלאָרענעם גן־עדן; אַ צווייטער — אויף גלות השכינה, אויף חורבן בית המקדש, אויף אונזער דלות און שפלות!... „ראה עמידתנו...״ קלאָגט ער זיך, דער נגון... און נאָך אַ נגון וויינט, אַז עמיצען איז אַ יפה פיה אַנטלאָפען!

עס איז פאַרהאַנען אַ נגון פול מיט בענגשאַפט; נאָר צו וואָס בענגט ער, דער נגון? עס בענגט אַ נשמה צוריק צו איהר שורש, און עס בענגט איין אַלטער כלב אָהן ציינער צו יונגע יאָהרען מיט׳ן יונגען יצר הרע!

נעהמט חאָטש דאָס ליעדעל:

ר׳ דוד׳ל האָט געוואָהנט אין וואַסילקאָוו —
אין וואַסילקאָוו
און היינט וואָהנט ער אין טאַלנא;
ר׳ דוד׳ל, ר׳ דוד׳ל האָט געוואָהנט אין וואַסילקאָוו,
היינט וואָהנט ער אין טאַלנא!...

עס זינגען עס טאַלנער, עס זינגען עס וואַסילקאָווער! נאָר, אַז די טאַלנער זינגען, איז עס איין אמת „פרעהליכס״, שפריצט עס און ברענט מיט שמחה, מיט תענוג; זינגען עס אָבער וואַסילקאָווער, איז עס אויסגעווייקט מיט צער און מרה

שהורה! און ווענדען ווענדט זיך עס אין דער נשמה, וואָס מען גיט אריין אין נגון!...

— — — — — — — — — — —

דער נגון, מוזט איהר וויסען, איז אַ סך הכל פון קולות, אָדער, ווי, יענע זאָגען — טענער.

די קולות אָדער די טענער נעהמט מען פון דער טבע; זיי איז קיינער נישט מחדש, און אין דער טבע פעהלט נישט קיין קולות. אַלץ האָט אַ קול, זיין איינענעם קלאַנג, אויב נישט גאָר אַ גאַנצען נגון!

די גלגלים, האָבען מיר אַ קימא לן, זינגען; טאָג און נאַכט — „יום ליום... לילה ללילה..." האָבען זייער זמר... מענשען און פויגעל זינגען, חיות ובהמות זאָגען שירה... אַ שטיין אָן אַ שטיין קלאַפּט, מעטאַל קלינגט... וואַסער, אַז עס לויפט, שוויגט עס נישט; היינט אַ וואַלד! ביים קלענסטען ווינדטעל, זינגט ער דאָך אַ „וואַלאַך", אין אמת׳ען, שטילען, זיסען וואַלאַך! אין די באָהן, למשל, — די חיה רעה, מיט די רויט־פלאַמענדיגע אויגען, אַז זי לויפט, בעטויבט זי נישט מיט איהר געזאַנג? אפילו די שטומע פיש, האָב איך אין איין אַלט ספר געזעהן, גיבען אויך אַמאָל אַרויס פון זיך אַ קול נגינה. טהייל פיש, שטעהט אין ספר, שווימען פון צייט צו צייט צו צום ברעג, קלאַפּען מיט די עקען אין זאַמד, אויף אַ שטיין און זענען זיך דערמיט מחיה!

וועניג קולות? מען דאַרף נאָר האָבען איין אויער, עס זאָל די קולות אויפכאַפּען ווי אַ נעץ, איינזאַפּען ווי אַ שוואָם!

נאָר פון טענער אַליין איז נאָך קיין נגון נישט!

אַ הויפען ציגעל איז נאָך נישט קיין הויז!

דאָס איז ערשט דער גוף פון נגון; ער דאַרף נאָך אַ נשמה!

און די נשמה פון אַ נגון איז שוין אַ געפיהל פון אַ מענש: זיין ליעבשאַפט, זיין צאָרן, לייטזעליגקייט, נקמה, האַרצבעקנקע־ניש, חרטה, צער, — אַלץ, אַלץ, וואָס אַ מענש פיהלט, קאָן ער אַריינגעבען אין אַ נגון און דער נגון — לעבט!

— — — — — — — — — —

וואָרום איך, רבותים, גלויב, אַז דאָס, וואָס מיך איז מחיה, מוז אַליין האָבען אַ חיות, לעבט אַליין!

און היינט, אַז אַ נגון איז מיך מחיה, אַז איך בעקום פון אַ נגון אַיין אמת חיות, אַ נייע נשמה, זאג איך, אַז אַ נגון לעבט...

און אַ והא ראיה: נעהמט אַ נגון און צושניידט איהם, זינגט איהם קאַפויר, האַפּט פריהער אַרויס די מיט און דערנאָך זינגט די התחלה מיט'ן סוף, נו, האָט איהר אַ נגון? בסך הכל האָט איהר אַלע קולות, עס פעהלט אַייך קיין איינציגער טאָן, נאָר די נשמה איז אַרויס! איהר האָט אַ לעבעדיגע ווייסע טויב געקוילעט און אונטער'ן מעסער איז אַרויס די נשמה!

עס איז געוואָרען אַ מת, אַ בר־מנן פון אַ נגון!

אין מאַלנא איז ברור כשמש, אַז אַ נגון לעבט!

— — — — — — — — — —

און אַ נגון לעבט, און אַ נגון שטאַרבט; און מען פערגעסט אַ נגון, ווי מען פערגעסט אַ שוכן עפר!

יונג און פריש איז ער אַמאָל געווען, דער נגון! מיט פריש לעבען האָט ער געשפריצט... מיט דער צייט איז ער אָבגעשוואַכט געוואָרען, ער האָט אָבגעלעבט זיין צייט און די כחות זענען איהם אויסגעגאַנגען... עבר ובטל איז ער געוואָרען... דערנאָך איז זיין לעצטער הויך אַריין אין דער לופט און ערגיץ פערשטיקט געוואָרען — ואיננו!...

נור אַ נגון קען אויפשטעהן תחית המתים...

פלוצים דערמאַהנט מען זיך אַיין אַלטען נגון. ער שווימט פלוצים אַרויס און רייסט זיך פון מויל אַראָב... נישט ווילענדיג, לעגט מען אין איהם אַריין אַ ניי געפיהל, אַ נייע נשמה, און כמעט אַ נייער נגון לעבט...

דאָס איז שוין אַ גלגול פון אַ נגון...

— — — — — — — — — —

איהר פערשטעהט מיך וועניג... רעדט מיט אַ בלינדען וועגען ליכט!

ווייסט איהר וואָס? מעשיות האָט איהר דאָך ליעב, וועל איך אײַך דערצעהלען אַ מעשה וועגען אַ גלגול פון אַ נגון... הערט!

---

דריי פיער מייל אונטער בערדיטשעוו, באַלד נאָכ'ן וואַלד, איז פאַרהאַנען אַ שטעדטיל מאַכנאָווקע; און אין דעם מאַכנאָווקע איז געווען אַ נישט־קשה'דיגע קאַפּעליע כלי־זמר. נור דער ראש־וראשון זייערער, ר' חיים'ל האָט ער געהייסען, דער איז געווען אַ בריה פון אַ מוזיקאַנט, — פרהצור בערדיטשעווערס אַ תלמיד.

דער ר' חיים'ל איז נישט געווען קיין מחדש פון נגונים, דאָס הייסט: ער איז נישט געווען קיין קאָמפּאָזיטאָר; נור אויספיהרען אַ זאַך, מטעים זיין, פערטייטשען, ממש אַריינלעגען אין האַרץ — דאָס האָט ער געקאָנט; אין דעם האָט שוין זיין גבורה געשטעקט!

אַ יוד איז ער געווען אַ דאַרער, אַ טרוקענער. האָט ער אָבער אָנגעהויבען שפּיעלען, איז ער פלוצים געוואָרען גאָר איין אַנדערער מענש: די אייביג אַראָבגעלאָזטע ברעמען האָבען זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען, און פון די שטילע, טיעפע אויגען איז געפאַלען אַ אמת'ע שיין פון רוחניות איבערן בלאַסען פנים. מען האָט געזעהן בחוש, אַז צונד איז ער נישט קיין היענער, זיינע הענד שפּיעלען אַליין, פון זיך, און די נשמה פליהט ערגיץ אַרום, הויך, הויך אין עולם הזמרה... טהייל מאָל פלעגט ער זיך פערגעסען און אָנהויבען זינגען אויך. און אַ קול האָט ער געהאַט — אַ קלאַרנעט, אַזוי קלאָר און אַזוי ריין...

וואָלט דער חיים'ל נישט געווען קיין פרומער, פּשוטער יוד, כמעט אַ תם, וואָלט ער זיך נישט געקוועהלט מיט אַכט קינדערלעך אין מאַכנאָווקע. ער וואָלט שוין ערגיץ געשפּיעלט אָדער געזונגען אין אַ טעאַטער, און אפשר קאָהר־חזן געוואָרען אין אַ בערלין צי פאַריז... נור אַזוינע לייט גיט שוין אַרוים פון זיך בערדיטשעוו. חיים'ל תם זיצט זיך אין דערהיים און

בארגט חדשים־לאנג אין אלע שפייז־געוועלבלעך על חשבון פון א בעל בתי'שע חתונה, וואס מוז דאך אמאל זיין!

און דעמאלט האט זיך פונקט געמאכט א גבירה'שע חתונה! און ביים פער פון מאכנאווקע, ביי בעריל קאצנערס אלמנה,

בעריל קאצנער אליין, — ווערגען זאל ער מיך קימען, — איז געוועזען א גרויסער וואכערניק, א קמצן — נאך א גרעסערער. און מויל אריין האט ער זיך נישט פערגונען... ער פלעגט ארומגעהן און קלויבען קרישקעליך נאך די קינדערס עסען... איין אייזערן הארץ האט ער געהאט, דער מענש!

פאר'ן טויט, כמעט אין מיט'ן דער גסיסה, רופט ער צו דעם עלטסטען זוהן, הייסט זיך דערלאנגען די ביכער, און וויזט אן מיט א ברוינעבלאהעם־פינגער, וואו עס איז נישט בעצאהלט קיין ראטע! און „פראלאנגירען, זאגט ער, חס ושלום! הערסט! בגזרת כבוד־אב!"

דערנאך האט ער צונערופען דאס ווייב און געהייסען בעהאלטען דאס קופער, וואס האט געהאנגען אויף דער וואנד: „מאך איך צו איין אויג, — זאגט ער — איז אל'ץ הפקר!" און מיט דעם איז איהם די נשמה ארוים!

איבערגעלאזט האט ער טאקי א האלבען מיליאן!

ווי געזאגט, חתונה דער טאכטער מאכט די אלמנה, און זי איילט צו, ווייל זי וויל זיך אליין אויך לאזען רעדען א שדוך; א שטיין איז איהר אראב פון הארץ! אויפגעריכט איז זי געווארען!...

און אז חיים'ל כלי־זמר דארף אויף חתונה מאכען א טאכטער,ווארט ער מן הסתם אויף דער חתונה, ווי אויף משיח'ן...

פאלט אבער איין דער אלמנה, אז זי וויל אראבברענגען פדהצור'ן פון בערדיטשעוו.

באשר בכן: עס וועלען זיין קיעווער מחותנים, קיעווער מבינים, וויל זי צום בעדעקענס א נייען אל מלא רחמים; נישט,

זאָגט זי, קיין אַלטע אָבגעשלאָגענע הושענא! עס קאָסט אַזוי פיעל. זאָל נאָך קאָסטען, און זאָלען די קיעווער זעהן!

חיים'ל איז שיער אויסגעגאַנגען.

אין שטאָדט איז אויך געוואָרען אַ גערודער; מען האָט איהם זעהר ליעב געהאַט, חיים'לען; און עס איז גלאַט אַ רחמנות אויף אַ יוד איין אביון!... מען לעגט זיך אַריין אויף אַ פשר; און סוף כל סוף איז געבליבען, אַז שפּיעלען זאָל טאַקי חיים'ל מיט דער קאַפּעלע, נאָר פאַר דער חתונה זאָל ער זיך אַראָבּהאַפּען, אויף דער גבירה'ס הוצאות, קיין בערדיטשעוו און ברענגען פון פרדהצור'ן אַ נייען אל מלא רחמים.

חיים'ל חאַפּט עטליכע רובל, — דערפון לאָזט ער איבער אַ גרעסערע העלפט דער ווייב מיט די קינדער — דינגט אַ פוהר, און לאָזט זיך קיין בערדיטשעוו.

און דאָ הויבט זיך אָן די מעשה מיט'ן גלגול.

— — — — — — — — — — —

ווי זאָגט מען עפּיס, איין אָרעמאַן האָט מזל! פאָהרט חיים'ל פון איין זייט אַריין קיין בערדיטשעוו, און פרדהצור פאָהרט פון דער אַנדערער זייט אַרוים פון בערדיטשעוו! פונקט האָט מען איהם פערבעטען קיין טאַלנא אויף אַ מלוה מלכה! דער טאַלנער, מוזט איהר וויסען, האָט שטאַרק געהאַלטען פון פרדהצור'ן. „סודות התורה", פלעגט ער זאָגען, „שטעקען אין זיינע נגונים! עס איז נור אַ שאָד, וואָס ער אַליין ווייסט זיי נישט!"

מילא חיים'ל דרעהט זיך אַרום ווי איין אָבגעסט'טער אין די גאַסען.

וואָס זאָל ער טהון? אַהיים פאָהרען אָהן איין „אל מלא רחמים" טאָר ער נישט—די וועלט וועט זיך קעהרען! נאָכפאָהרען קיין טאַלנע, אָדער וואַרטען, ביז פרדהצור וועט צוריקקומען, קען ער נישט — ער האָט אויסגערעכענטע היצאות! די גבירה האָט איהם ווייניג וואָס געגעבען און איבערגעלאָזט דעם ווייב האָט ער אַ סך! האָט ער טאַקי ווילד צער!

פלוצים, דערזעהט ער אין גאַס אַזאַ מין סצענע:

שטעלט אײַך פאָר, אין אַ שעהנעם, העלען װאָכענטאָג, געהט זיך איבער דער גאַס אַ װײַבעל, אָנגעטהון בגדי שבת ויום טוב, אָדער װי מען זאָגט אין יענע קאַנטען, אױסגעפוצט אין האָניג און אין עסיג... אױפ'ן קאָפּ טראָגט זי אַ מאָדנעם ציפּיק, מיט לאַנגע, לאַנגע בענדער, סטענגעס פון פערשיעדענע לעבעדיג־שרײַענדיגע קאָליערען!

אין דער האַנד האַלט זי אַ גרױסע װײַסע, זילבערנע טאַץ...

דעם װײַבעל געהען נאָך כּלי־זמר און שפּיעלען, און דאָס װײַבעל געהט טאַנצענדיג. טהײל מאָל שטעלט זי זיך אָב מיט די כּלי־זמר פאַר אַ שטוב, אָדער פאַר אַ קלײט, און מאַכט אַ טענציל אױפ'ן אָרט... די מוזיק רופט אַרױס מענשען פון אַלע זײַטען, טהירען און פענסטער װערען אָנגעפּראָפּט — קאָפּ אױף קאָפּ...

די מוזיק שפּיעלט, דאָס װײַבעל טאַנצט, די קאָליערטע בענדער צופליהען זיך אין די לופטען, די טאַץ בלאַנקט און בליצט... דער עולם שרײַט: „מזל טוב” און װאַרפט מטבעות; דאס װײַבעל טאַנצט אונטער און חאַפּט זײ אַרײַן אין טאַץ, — די מטבעות בליצען און קלינגען צו צום טאַקט...

װאָס איז עס? אַ קלײניגקײט: בערדיטשעװ איז אַ יודישע שטאָדט און האָט יודישע מנהגים; אַזױ איז מען זיך נוהג צוזאַמענצונעהמען אױף הכנסת כּלה!...

חיים'ל האָט געװאוסט פון מנהג. ער האָט געװאוסט, אַז די װײַבער קלערען זיך אױס טענץ, און פרהצור אַלײן מאַכט פאַר יעדעם מאָל אַ נײַעם נגון; דאָס איז שױן זײַן מצוה געװעזען! מען קומט צו'ן איהם, מען דערצעהלט איהם פון דער כּלה, פון איהר משפּחה, פון שדוך, פון דלות... ער הערט, שװײַגענדיג, מיט פערמאַכטע אױגען, טהײל מאָל פערשטעלט ער זיך דאָס פּנים מיט די הענד, און אַז מען ענדיגט, עס װערט שטיל, הױבט אָן פרהצור צו ברומען אַ נגון...

דאָס אַלץ האָט חיים'ל געוואוסט, וואָס דען שטעהט ער מיט אָפענע מויל און אויערן?

ער האָט נאָך אַזאַ „פרעהליכס" נישט געהערט. עס לאַכט און וויינט צוזאַמען; עס פיהלט זיך, אי צער, אי תענוג, האַרץ־וועה און גליק; אַלץ אויסגעמישט צוזאַמענגעשמאָלצען... איין אמת'ער יתומה'ס אַ חתונה!

פלוצלינג איז ער אונטערגעשפרונגען: ער האָט וואָס ער דאַרף!

---

צוריקפאָהרענדיג פון בערדיטשעוו, האָט דער בעל־עגלה אויפגענומען פאַרשוינען. חיים'ל האָט איהם נישט געוועהרט. און די פאַרשוינען, און גראָד מבינים, האָבען דערצעהלט, אַז אזוי ווי זיי זענען אַריינגעפאָהרען אין וואַלד, האָט חיים'ל אָנגעהויבען צו זינגען.

געזונגען האָט ער פדהצור'ס „פרעהליכס"; נאָר דערפון איז שוין געוואָרען גאָר איין אַנדערע זאַך, דער מזל טוב פון כּנסת כלה איז מגולגל געוואָרען אין אמת'ען „אל מלא רחמים".

און אין מיט'ן שטילען גערויש פון בוימער איז אַרויסגע־שוואומען אַ שטילער, זיבער שטילער נגון...

און דעם נגון, האָט זיך געדאַכט, האַלט אונטער אַ גרויסע, נאָר אַ שטילע קאַפעלע משוררים, דאָס האָבען געזוישט די בוימער אין וואַלד...

שטיל און האַרציג האָט זיך דער נגון געקלאָגט; געבעטען זיך רחמים, ווי אַ קראַנקער בעט אויף זיין לעבען...

דערנאָך הויבט דער נגון אָן צו זיפצען, צו בעטען זיך מיט קורצע אויס־געשרייען; מען פיהלט, אַז עמיץ קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין „על חטא", — צי איז עס יום כפור, צי זאָגט עמיץ ודוי?

נאָר העכער, און איין ווענ צובראָכענער, ווערט דער קול; וואָס אַ מאָל אָבגעריסענער, ווי פון טרעהרען דער־

שטיקט ווי פון יסורים איבערגעהאַקט, — דערנאָך עטליכע טיעפערע זיפצען, אַ שאַרפער אויסגעשריי! איינער... אַ צווייטער אין פלוצלונג רייסט זיך עס אין גאַנצען אָב, שטיל, — עמיץ איז געשטאָרבען...

דער נגון וועקט זיך ווייטער אויף, און ער פאַלט שוין אַריין אין הייסע, ברענענדיגע געשרייען. און די געשרייען פליהען, יאָגען און פלאָנטערן זיך; עס ווערט אַ הימעל־געשריי, אַ יאָמער — ווי ביי אַ לויה!

און אין מיט׳ן דער לויה שווימט אַרוים אַ דין, ריין קינדיש קול; איז עס נאַס, ציטעריג און דערשראָקען, —

קדיש זאָגט אַ קינד!

און עס געהט איבער אין אַ שטיינער: הוריות, דמיונות, טויזענדער געדאַנקען, וואָס געהען לאַנגזאַם איבער אין זיסע, באַרמהערציג־זיסע מעלאָדיען... עס טרייסט, עס רעדט איין... און מיט אַזאַ גוטסקייט, מיט אַזאַ מסירת נפש, מיט אַזאַ פעסטען גלויבען. אַז עס ווערט ווייטער גוט, ווייטער זיס; עס גלוסט זיך ווייטער צו לעבען. עס ווילט זיך לעבען, עס ווילט זיך האָפען!

אויסגעגאַנגען זענען שיער די מענשען.

— וואָס איז עס? פרעגען זיי.

— איין „אל מלא רחמים״, ענטפערט ר׳ חיים, פאַר קאַצנערם יתומה איין אל מלא רחמים!

— נישט כדאי אפילו, ענטפערן זיי, איין עבירה דער נגון, נאָר די וועלט וועט איהר אבנעמען ר׳ חיים׳ל, די קיעווער לייט וועלען אויסגעהן...

---

די קיעווער לייט זענען נישט אויסגעגאַנגען!

ביי די קאַצנערם איז שוין קיין יודיש בעלי־בתי׳שע חתונה נישט געווען... און דער אל מלא רחמים האָט פאַר׳ן עולם נישט געפאַסט.

די קיעווער לייט ווילען בעסער טאַנצען מיט דאַמען. נאָך וואָס „שטייגער״? נאָך וואָס „מאָראַלישע״ זאַכען?

און גלאַט נאָך ווען אײן אל מלא רחמים? נאָכ׳ן אַלטען קמצן?

דער אַלטער קמצן זאָל לעבען, וואָלט די כלה קיין העלפט נדן נישט געהאַט, קיין אויסשטייער אַוודאי נישט, עס וואָלט די חתונה גאָר איין אַנדער פנים געהאַט! זאָל ער היינט אויפשטעהן און זעהן דאָס ווייס אַבלאַסענע קלייד מיט שפּיצען, דעם שלייער; זאָל ער זעהן די ווײנען, די טאָרטען, די פישען און פליישען, אונטער וועלכע עס ברעכען זיך די טישען, — וואָלט ער דאָך נאָך אַמאָל געשטאָרבען און — שוין נישט אַזוי לייכט ווי פריהער!

און וואָס דאַרף מען די גאַנצע צערעמאָניע, די גאַנצע בעדעקענס... אַלטע נאַרישע מנהגים!

— געשווינדער! שרייט דער קיעווער עולם.

דער אָרעמער חיים׳ל! ער האָט אָבגעשטעלט די קאַפּעלע, מיט האַרצקלאַפּען געצויגען דעם סמיטשיק איבער די סטרונעס... דער פראָסטער עולם האָט שוין אָנגעהויבען פינטלען מיט די אויגען, ביי טהייל רינען שוין טרעהרען, — און דאָ גיט איינער, אַ קיעווער, אַ געשריי:

— וואָס איז דאָ? אַ חתונה, צי אַ לויה?

און אַז חיים׳ל מאַכט זיך נישט הערענדיג און שפּיעלט ווייטער, הויבט ער אָן, דער קיעווער, צו פייפען...

און פייפען פייפט ער גראָד אויסגענומען וואהל... ער האָט שוין געחאַפּט דעם נגון און פייפט איהם כהויה! און פייפט, וואָס אַמאָל געשווינדער, אויסגעלאַסענער, ווילדער! און אַלץ דעם אייגענעם נגון!...

די קאַפּעלע בלייבט שטיל. און עס הערט זיך נאָר אַ מלחמה צווישען דער מאָראַלישע פיעדעל מיט׳ן עזות־מחוצפ׳ען פייפען...

און דאָס פייפען איז גובר! עס יאָגט אונטער דעם סמיטשיק!

די פידעל ווײנט שוין נישט, פריהער קרעכצט זי, דערנאָך הויבט זי אויך אָן צו לאַכען!

און פלוצים האָט חיים איבערגעהאַקט. מיט פערביסענע ליפּען און ווילד־ברענענדיגע אויגען, שפּרינגט ער איבער אויף איין אַנדערע סטרונע, און הויבט אָן נאָך געשווינדער צו שפּיעלען, איבעריאָגען וויל ער דאָס פײפען!

ניין, עס איז שוין קיין שפּיעלען נישט געוועזען! די פידעל וואַרפט אַרום פון זיך אָבגעריסענע געשרייען, געוואַלדיגע קולות... און זיי וואַרפען זיך, און דרעהען זיך אַרום ווי אין אַ ווירבעל־ווינד, אַלץ אַרום, דאַכט זיך, טאַנצט: די שטוב, די קאַפּעלע, די געסט, די כלה אויף דער שטוהל, חיים'ל אַליין מיט דער פידעל...

עס איז קיין פרעהליכס, קיין אל מלא רחמים, עס איז קיין שפּיעלען! אַ טאַנצענדיג־משוגעת איז עס, אַ ווילד־משונה'דיגער חולה־נופל, רחמנא־ליצלן...

און עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז די סטרונע האָט געפּלאַצט.

— בראַוואָ, חיים'ל, בראַוואָ! — האָבען די קיעווער לייט געשריען...

צי האָבען זיי דערמיט דעם אַלטען קמצן אַ טובה געטהון? אז אָסור!

---

אין עטליכע יאָהר אַרום איז דער נגון, מן הסתם דורך איינעם פון די קיעווער לייט, אַריין אין טעאַטער!

וואָס איז אַזוינס טעאַטער? אַלטע משכילים פלעגען גלויבען, אז טעאַטער איז בעסער פאַר אַ מוסר ספר, שטאַרקער פאַר'ן „ראשית חכמה” להבדיל! איהר זאָגט אַ ודאי, אז טעאַטער איז טרפה ווי חזיר...

ביי אונז זאָגט מען, אז עס ווענדט זיך אין דעם, וואָס מען שפּיעלט אין טעאַטער!

געוועזען איז עס שוין אין ווארשוי...

דאָס טעאַטער איז פול, קאָפּ אויף קאָפּ. די מוזיק הויבט אָן שפּיעלען.

וואָס שפּיעלט די מוזיק?

אַ געררויש, אַ מהומה שפּיעלט זי, — — אַ דור הפלגה! חיים׳לס „אל מלא רחמים״, נאָר אויפ׳ן אָרט פון וואָלאַך — אַ מהומה: די כלים יאָגען זיך, טרייבען זיך און קנאַקען!

עס רודערט, עס קלאַפּט און עס פּייפט... נישט עס דונערט, נישט הייזער פאַלען, גלאַט אַ געפּילדער! צי גליטשען זיך שדים אויפ׳ן ים הקרח, צי רייסען זיך טויזענדער חיות רעות פון גיהנם אַרויס? אַ ציטערניש נעהמט דורך דאָס טעאַטער!

פּלוצים רייסט זיך אַריין דער באַס! מכלומר׳שט, אין כעס איז ער! ער בייזערט זיך. וואָס איז דאָס? נור — פאַלש! מען פיהלט, אַז ער בייזערט זיך נישט ערנסט. און אַ מאָדנע פּייפער׳ל שפּרינגט אונטער, עס פליהט דורך די קאַפּעלע מיט זיגזאַגען פון אַ בליץ און מיט אַ געלעכטער פון איין אמת׳ן לץ: חאַ-חאַ-חאַ! און חי-חי-חי! דער קלאַרנעט איילט זיך נאָך! און מעשים טהוט ער, דער קלאַרנעט! להכעיס טהוט ער, מען פיהלט בחוש דעם להכעיס!

און אַצונד ערשט שווימען אַרויס דריי-פיער פיעדעל... און משונה-זיס שפּיעלען זיי, די פיעדעל, משונה-זיס ווי די תאווה אַליין, ווי דער יצר-הרע, ווען עס רינט איהם האָניג פון מויל! און עס נאַרט זיך אַריין, דאָס שפּיעלען, אין די הערצער; עס פליעסט אַריין ווי אַ בוימעל און פערשכורט ווי אַלטער וויין!

אויפגעפלאַמט ווערט דאָס טעאַטער: די מיילער אָפען, און די אויגען בליצען!

און דאָ הויבט זיך ערשט אויף דער פאָרהאַנג און עס בעווייזען זיך איין „ער״ און אַ „זי״ — אַ „בן-מלך״ מיט אַ „בת-מלכה״, און זיי זינגען!

זיי זינגען מיט ווערטער, מיט פלאַמענדיגע ווערטער, ווי

ברענענדיגע שלאַנגען פליהען זיי פון די מיילער אַרויס! און דאָס גיהנם ברענט זיי אויף די פנימער; ווי די טייוולאָנים שפּרינ־גען זיי זיך אַקעגען! און דאָס האַלזען זיך, דאָס קושען זיך, דאָס זינגען און דאָס שפּרינגען — גערהט אַלץ שנעלער און שנעלער, און ווערט פייער־פלאַמענדיגער מיט יעדער רגע!

און אינ'ם פייער ברענט שוין דאָס גאַנצע טעאַטער. די גאַנצע גאַלעריע מיט זכרים און נקבות, מיט די דערהיצט־פּער־שוויצטע פּנימער און ווילד פלאַמענדיגע אויגען... ווי אַ מבול האָט עס פערפלייצט!

און דאָס גאַנצע טעאַטער זינגט!

אַ ים פון ברענענדיגער תאוה האָט זיך אויסגעגאָסען — אַ גיהנם ברענט! שדים טאַנצען, מלאכי־חבלה פיהרען אַ פייערדיג ראָד...

דאָס איז געוואָרען פון פּדהצור'ס „הכנסת־כלה", דורך חיים'לם אל מלא רחמים, מיט'ן קיעווערם הילף!

---

נור פאַלען האָט קיין שעור נישט!

חרוב געוואָרען איז דאָס „יודישע" טעאַטער. די „בני־מלכים" זענען צוריק שוסטער און שניידער געוואָרען; די בת־מלכה'ס האָבען זיך צוריקגעשטעלט צום קוימען. און מאַנכע פון די טעאַטער־נגונים זענען מגולגל געוואָרען אין שאַרמאַנקעס...

אונזער נגון איז שוין קוים צו דערקענען!

איין אויסגעקראַכענער דיוואַן ליעגט אויסגעשפּרייט אויף אַ הויף... צוויי מענער אין לייבקאָליער מאַכען קונצען, צוזאַמען מיט איין אויסגעדאַרט בלאַס מיידעלע, וואָס זיי האָבען ערגיץ געגנב'עט...

איינער האַפּט אַ לייטער אויף אַ צאָהן. פייל פון בויגען לויפט דאָס מיידעלע אַרויף ביז'ן העכסטען שטאַפּעל, און שפּרינגט פון דאָרטען אַראָב, און בלייבט שטעהן אויפ'ן צווייטענס אַקסעל! דער ערשטער דערלאַנגט איהר דערווייל אין פּלייצע; זי מאַכט

עטליכע קאַוואַלקעס אין דער לופט, און בלייבט שטעהן, פאַר'ן עולם אין הויף, מיט איין אויסגעשפּרייטער האַנד, און בעטעלט אַ נדבה!

עס איז אויך אַ טעאַטער, נור אַ טעאַטער פאַר געמיינע לייט! פאַר משרתים און דיענסטען!

אונטערן הימעל שפּיעלט מען, קאָסט עס ביליג, קויפט מען קיין בילעטען נישט, וואַרפט מען צווייערס און דרייערס! און זי מאַכט עס אַזוי קונציג, דאָס דאַרע מיידעלע!

דיקע טראָפּען שוויים רינען איהר פון רויט געמאָלטען פנים, אין די איינגעפאַלענע אויגען ברענט אַ צער, — נור דאָס זעהט נישט דער עולם; זי אָטהעמט שווער, דאָס הערט ער נישט! ער זעהט נור די שעהנע קונצען, ער הערט נור די שעהנע מוזיק פון שאַרמאַנקע!

און די נשמה אין דעם דאַרען גוף פון אָרעמען, געגנב'טען קינד, און דער אָרעמער נגון אין דער הייזעריג־בלעכערנער שאַרמאַנקע, —ביידע קרעכצען, וויינען און צאַפּלען, ביידע בעטען זיך תקון...

---

עס איז אָבער בעשערט געוועזען, אַז פּרהצור'ס „הכנסת כלה" זאָלל אויפגעריכט ווערען! געהענדיג פון הויז צו הויז, וואַנדערנדיג פון שטאָדט צו שטאָדט, האָבען די קונצענמאַכער אַזוי לאַנג מיטגעשלעפּט דאָס אָרעמע קינד, ביז עס איז, לא עליכם, קראַנק געוואָרען...

עס איז געוועזען אין ראַדזיוויל ביי דער גרענעץ. דאָרט האָבען זיי דאָס קראַנקע קינד איבערגעלאָזט אונטער אַ צוים און זענען די גרענעץ אַריבער. יאָג נאָך דעם ווינד אויפ'ן פעלד! האַלב נאַקעט מיט ברוינע־בלאָהע צייכען פון שלעג אויפ'ן לייב, איז עס געלעגען אין אַ היץ!

רחמנות'דיגע לייט האָבען דאָס קינד אויפגעהויבען און געטראָגען אין הקדש אַריין... אויסגעהאַלטען האָט דאָס קינד

אַ טיפוס, און אַרויס איז עס פון שפּיטאָל אַ בלינדע אויף ביידע אויגען!

און אַצונד בעטעלט דאָס אָרעמע קינד. פון הויז צו הויז געהט עס, פון טהיר צו טהיר און בעטעלט...

און כמעט זי רעדט נישט... זי קען מיט ווערטער נישט בעטלען... זי שטעלט זיך ערגיץ אָב, און וואַרט; דערזעהט מען זי נישט, הויבט זי אָן זינגען איהר נגון מען זאָל זי דער־הערען... און דער נגון איז פון דער שאַרמאַנקע!

און וואָס זאָגט אצונד דער נגון?

רחמים בעט ער זיך! רחמנות פאַר איין אומגליקליך קינד...

„שלעכטע מענשען האָבען מיך אַרויסגעגנב'עט פון אַ גוטען טאַטען, פון אַ האַרציגער מאַמען, פון אַ וואַרעמע און זאַטע היים!"

„מען האָט מיך אַרויסגעריסען פון אַלעם גוטען; אויסגע־ניצט און אַרויסגעוואָרפען ווי אַ שאָל פון איין אויסגעגעסענער נוס!"

„רחמנות פאַר איין אָרעם, אָרעם קינד!"

און נאָך בעט זיך דער נגון:

„עס איז קאַלט און איך געה נאַקעט; הונגעריג בין איך אויך... און דעם קאָפּ, וואו אַנידערצולעגען, האָב איך אויך נישט... און בלינד בין איך דערצו!"

אַזוי האָט דער נגון געבעטען. און דאָס איז געוועזען זיין ערשטע מדרגה אַרויף — מען האָט דורך איהם צדקה געגעבען!

---

אין ראַדזיוויל איז געוועזען אַ יוד אַ למדן... ער איז אפילו קיין מתנגד נישט געוועזען, קיין חולק אַודאי נישט, נור ער האָט פּשוט קיין צייט נישט געהאַט צו פאָהרען... ער האָט די גמרא נישט פערמאַכט!

פאַר בטול תורה האָט ער מורא געהאַט!

מען זאָל איהם אין בית המדרש נישט מבטל זיין פון למוד,

פלעגט ער זיצען און לערנען אין דערהיים; דאָס ווייב זיצט אַ גאַנצען טאָג אין קלייט, די קינדער — אין חדר.

עס פלעגט איהם אַמאָל דורכפליהען אין קאָפּ אַ רעיון: אפשר פאַהרען ערגיץ? דאָס האָט איהם דער יצר טוב, מן הסתם, אונטערגעזאָגט. וואָס טהוט דער יצר הרע? פערשטעלט ער זיך אין יצר טוב און ענטפערט: מהיכא תיתי, אַ ודאי דאַרף מען אַמאָל פאָהרען! נור עס איז נאָך צייט: מען דאַרף פריהער ענדיגען די מסכתא, יענע מסכתא!... און אַזוי זענען אַוועק חדשים און יאָהרען!

פון הימעל האָט מען אָבער, אַ פנים, געוואָלט, ער זאָל קומען צו ר׳ דוד׳לען!

מאַכט זיך אַזאַ מעשה:

איינמאָל זיצט ער זיך, דער למדן, און לערנט, און דער־הערט אַ געזאַנג פאַר דער טהיר; בייזערט ער זיך אויף זיך אַליין:

אַז מען זיצט און לערנט דאַרף מען נישט הערען, וואָס אין גאַס, וואָס פאַר דער טהיר טהוט זיך! מען דאַרף בטל ווערען אין דער תורה!

ער הערט דאָך אָבער פאָרט; נעהמט ער און פערשטאָפּט זיך מיט די פינגער די אויערן. דער נגון גנב׳עט זיך אָבער פאָרט אַריין; אונטער די פינגער גנב׳עט ער זיך. ווערט ער נאָך מעהר בייז, חאַפּט ער מיט כעס די לאַנגע באָרד אין מויל אַריין און, בייסענדיג די באָרד, לערנט ער ווייטער! מיט כח לערנט ער!

דער נגון לאָזט נישט אָב. ער הערט איהם וואָס אַמאָל שאַרפער. אין מיטען דערפיהלט ער, אַז עס איז קול באשה — אַ מיידעל זינגט! גיט ער שוין אַ געשריי אַרוים אויף אַ קול: חצופה! אַוועק פון מיין הויז! געהט דער נגון אַוועק... נור, אַ מעשה נורא — מען זינגט שוין נישט, און ער הערט ווייטער! דער נגון זינגט זיך איהם אַליין אין אויער, אין דער נשמה! מיט כח קוקט ער אין ספר אַריין, מיט כח וויל ער זיך דורכנעהמען מיט

דער סוגיא, עס געהט נישט! דעם למדן׳ס נשמה ווערט וואָס אַמאָל פולער און פולער מיט׳ן נגון...

פערמאַכט ער די גמרא און שטעלט זיך דאַוונען מנחה. —

ער קען אָבער נישט, נישט לערנען, נישט דאַוונען, גאָר נישט! ווי אַ זילבערן גלעקיל קלינגט אין איהם דער נגון! דער מענש האַלט עס נישט אויס! ער געהט ממש אויס פאַר צער! עס געהט אַוועק אַ טאָג, אַ צווייטער, אַ דריטער — ער פאַלט שיער נישט אין אַ מרה שחורה אַריין... ער פאַסט תעניתים — עס העלפט נישט! ער קען דעם נגון נישט פטור ווערען! ער וועקט איהם ביי נאַכט פון שלאָף!

און דאָס איז אַ מענש, וואָס האָט, זייט ער לעבט, קיין מנחה פאַר איין עמוד נישט געדאַווענט; כמעט קיין קול נגינה פון זיך נישט אַרויסגעגעבען! שבת פלעגט ער די זמירות אָב־זאָגען און אויפ׳ן אָרט פון זינגען — לערנען אַ בלאַט גמרא!

פערשטעהט ער דאָך, אַז עס איז נישט פשוט!

„מעשה שטן"! טראַכט ער און פאַלט ביי זיך אָב גאָר אין גאַנצען.

דאַכט זיך, אַז אַצונד מוז מען שוין פאָהרען?

פרעגט אָבער דער יצר הרע: יאָ פאָהרען, נאָר וואו אַהין? צדיקים איז דאָ אַ סך, — וועלכער איז דער אמת׳ער צדיק, ביי וועמען קען מען באמת אַ פעולה האָבען? הויבט אָן דער למדן צו קלערען.

בעקומט ער נאָך אַ ווינק פון אויבען.

מאַכט זיך אַ מעשה און ר׳ דוד׳ל טאַלנער מוז עוקר זיין און פאָהרען איבער ראַדזיוויל...

די מעשה פון דער מסירה ווייסט איהר אַ ודאי. און זאָגען זאָג איך אייך, אַז עס איז איין עונש געוועזען! מען האָט נישט געדאַרפט אַרויסגנב׳ענען ר׳ דוד׳לען פון וואַסילקאָוו און פיהרען קיין טאַלנע; מען האָט נישט געדאַרפט מבייש זיין קיין שטאָדט! און חרב ונחרב איז דאָס וואַסילקאָוו, נעביך, געוואָרען!

די גאַסטהייזער האָט מען פערמאַכט; אָרום און אַרום די קרעצמעס זענען בטל געוואָרען! עד כּכּר לחם זענען זיי, לא עליכם, געקומען...

נאַ דיר! מסר'ט מען און טאַלנע ווערט אויך חרוב!

ר' דוד'ל האָט געהאַט אַ גאָלדענע שטוהל, מיט איין אויסגעקריצטען פסוק: דוד מלך ישראל חי וקים! מאַכען מוסרים דערפון אַ פּאָלאָטיקע און עס שלאָגט אָן אין פעטערבורג...

מילא מיר ווייסען, אַז עס איז געווען בבחינת: מאן מלכי רבנן... נור געה פערטייטש עס די גענעראַלען אין פעטערבורג!

הכלל, ר' דוד'ל מוז עוקר זיין, האַלט ער, דורכפאָהרענ־דיג, שבת אין ראַדזיוויל, און אונזער ראַדזיווילער למדן געהט למזל צום שלש סעודות!

דער יצר הרע גיט זיך אָבער נאָך נישט אונטער. ער קומט אַריין און זעהט אַ קליין יודעלע, טאַקי אַ פּיצעל יודעלע זיצט אויבען אָן ביים טיש, מען זעהט נישט מעהר אַרויס נאָר אַ גרויס, נאָר אַ גרויס שטריימעל מיט זילבערנע האָר, וואָס פאַלען איהם אויפ'ן פּנים! מען זיצט שווייגענדיג, מען זאָגט קיין תורה נישט... ענטפאַלט איהם טאַקי, דעם למדן, דאָס האַרץ...

דאָס איז עס און גאָר? טראַכט ער דער למדן.

נאָר ר' דוד'ל האָט איהם שוין דערזעהן און גיט אַ זאָג:

זעץ דיך, למדן.

און באותו הרגע איז ער שוין צו זיך געקומען. ער האָט שוין געחאַפּט ר' דוד'לס אַ בליק, עס האָט איהם שוין אַ בריה געטהון ביי דער נשמה!

איהר האָט אַ וודאי געהערט פון טאַלנערס אויגען! אין זיינס אַ בליק האָט געשטעקט אי שררות, אי קדושה, אי גבורה; וואָס איהר ווילט האָט אין בליק געשטעקט!

און, אַז ר' דוד'ל זאָגט: זעץ דיך, מאַכט מען שוין דעם למדן איין אָרט ביים טיש. זעצט ער זיך און וואַרט.

און אַז ר׳ דוד׳ל זאָגט ווייטער:

— מען איז מכבד דעם למדן מיט אַ נגון! ענטפּאַלט איהם די מוטערם מילך: ער — און אַ נגון...

נאָר עמיץ דערלאַנגט איהם שוין אין פּלייצע: אַז ר׳ דוד׳ל הייסט, זינגט מען! מילא, זינגט ער!

און ער הויבט, נעביך, אָן מיט אַ ציטער; און ער שטאַמעלט קוים אַרוים איין התחלה פון אַ נגון. און וואָס וויל ער זינגען, דער למדן? מן הסתם דער יתומה׳ס נגון; קיין אַנדערן קען ער נישט! און ער ציטערט, און שטאַמעלט, און זינגט. און דער נגון ווערט שוין ווייטער איין אַנדערער! ער האָט שוין אַ ריח תורה, אַ יניקה פון קרושת שבת, מיט אַ הרהור תשובה פון אַ יוד אַ למדן... און זינגענדיג, דערפיהלט ער, דער למדן, דעם נגון, און הויבט אָן וואָס אַ רגע בעסער און פרייער צו זינגען...

אין מיטען הויבט אָן ר׳ דוד׳ל, ווי זיין שטייגער פלעגט זיין, שטילערהייט אונטערצוברומען, ד׳ער עולם דערהערט און האַפט אונטער. מיט׳ן עולם צוזאַמען צוהיצט זיך דער למדן אויך, ער קריעגט אַ ברען! ער איז שוין גאָר אַרוים פון די כלים, — ער זינגט טאַקי!

און דער נגון הויבט זיך אָן פלוצים צו גיסען ווי אַ „נהר־די־נור״ — אַ פייערפלאַמענדיגער טייך... און די פאַליעם שלאָגען אַלץ ברייטער און העכער. אַלץ פייערדיגער און פלאַמענדיגער!

און עס ווערט דעם נגון שוין ענג אין שטוב, און ער רייסט זיך דורך די פענסטער אין גאַס אַריין! און עס גיסט זיך אין גאַס אַריין אַ ים פון קדושה, פון פייערדיגער קדושה; און גבהל ונשתומם רופט דער עולם אין גאַס:

— דער יתומה׳ס נגון! דער יתומה׳ס נגון!

---

דער נגון האָט בעקומען תקון און דער למדן אויך!

פארן אוועקפאָהרען האָט איהם ר' דוד'ל אוועקגענומען אין אַ זייט און געזאָגט אַ פּאָר ווערטער.

— למדן — האָט ער איהם געזאָגט — האָסט מבייש גע־ וועזען אַ בת ישראל! דו ביסט אויפ'ן שרש פון איהר נגון קיין מבין נישט געוועזען! האָסט זי געדופען חצופה! —

— גיט מיר, רבי, אַ תשובה דערויף — בעט זיך דער למדן.

— נישט נייטיג, — מאַכט דער רבי, זכרונו לברכה, אויפ'ן אָרט פון תשיבה טהו בעסער אַ מצוה!

— וואָס פאַר אַ מצוה, רבי?

— מאַך דעם מיידעל חתונה; הכנסת כלה איז אַ גרויסע מצוה!

— — — — — — — — — —

און צונד הערט די צווייטע זייט פון דער מעשה:

אין עטליכע יאָהר שפּעטער, אַז דאָס מיידעל האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט מיט איין אַלמן אַ סופר, איז מען ערשט געוואָהר געוואָרען פון וואַנען זי קומט אַרויס!

עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס מיידעל איז דעם אַלטען קאַצנערס איין אייניקעל! און די מעשה איז אַזוי געווען:

דער איידעם זיינער, דער קיעווער, איז זיך אַ מאָל גע־ גאַנגען מיט'ן ווייב אין טעאַטער אַריין אויף אַ גאַנצען אָבענד. און טאַקי דעם אָבענד האָט מען זיי אַוועקגעגנב'ט דאָס איינציגע קינד...

נאָר אָבגעגעבען זיי די מאַכטער האָט מען שוין נישט געקאָנט...

די מוטער האָט שוין לאַנג נישט געלעבט און דער פאָטער איז שוין לאַנג געוועזען אין אַמעריקאַ...

# אויב נישט נאָך העכער.

אחסידישע ערצעהלונג.

אין דער נעמיראָווער פלעגט סליחות-צייט יעדען פריה-מאָרגען נעלם ווערען, פערשווינדען!

מען פלעגט איהם נישט זעהן אין ערגיץ: נישט אין שוהל, נישט אין ביידע בתי מדרשים, נישט ביי אַ מנין, און אין דער-היים אַוודאי און אַוודאי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפען. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַריין און אַרויסגעגאַנגען; גע'גנב'עט ביים רבי'ן האָט מען נישט, אָבער קיין לעבענדיג בעשעפעניש איז אין שטוב נישט געוועזן.

וואו קען זיין דער רבי?

וואו זאָל ער זיין? מן הסתם אין הימעל! ווייניג גע-שעפטען האָט אַ רבי פאַר ימים נוראים צו פערזאָרגען? יודעלעך, קיין עין-הרע, דאַרפען פרנסה, שלום, געזונד, גוטע שדוכים, ווילען גוט און פרום זיין, און די זינד זענען דאָך גרויס, און דער שטן מיט זיינע טויזענד אויגען קוקט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, און ער זעהט, און פערקלאָגט, און מסר'ט... און — ווער זאָל העלפען, אַז נישט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק, לאַכט ער! איהר קענט דאָך די ליטוואַקעס: פון מוסר-ספרים האַלטען זיי ווייניג, דערפאַר שטאָפען זיי זיך אָן מיט ש"ס ופוסקים. ווייזט

דער ליטוואַק אַ בפירוש'ע גמרא, — די אויגען שטעכט ער אויס: אפילו משה רבינו, ווייזט ער, האָט ביים לעבען נישט געקענט אַרויף אויפ'ן הימעל, נאָר געהאַלטען זיך צעהן טפחים אונטערן הימעל! נו, געה שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק!

— וואו דען קומט אַהין דער רבי?

— מיין דאגה! — ענטפערט ער און ציהט מיט די אַקסעל, אין תוך כדי דבור (וואָס אַ ליטוואַק קען!) איז ער זיך מיישב, צו דערגעהן די זאַך.

---

נאָך דעמזועלבען פאַר-נאַכט, באַלד נאָך מעריב, גנב'עט זיך דער ליטוואַק צום רבי'ן אין חדר אַריין, לעגט זיך אונטערן רבי'נס בעט, און ליעגט. ער מוז אָבוואַרטען די נאַכט און זעהן, וואו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טהוט סליחות-צייט.

איין אַנדערער וואָלט אפשר איינגעדרימעלט און פערשלאָפען די צייט; אַ ליטוואַק טהוט זיך איין עצה: לערענט ער זיך אויסעניוועניג אַ גאַנצע מסכתא! איך געדענק שוין נישט, חולין צי נדרים!

פאַר טאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפען אַ צייט. ער הערט איהם שוין אפשר אַ גאַנצע שעה קרעכצען.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצען, ווייס, וויפיעל צער פאַר כל ישראל, וויפיעל יסורים עס האָט געשטעקט אין זיין יעדען קרעכץ... די נשמה פלעגט אויסגעהן, הערענדיג דאָס קרעכצען! אַ ליטוואַק האָט דאָך אָבער אַ אייזען הארץ, הערט ער צו און ליעגט זיך ווייטער! דער רבי ליעגט זיך אויך: דער רבי, זאָל לעבען, אויפ'ן בעט, דער ליטוואַק אונטערן בעט.

---

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטען אין הויז

הויבען אָן סקריפּען... ווי די בני־בית חאַפּען זיך אַרויס פון די בעטען, ווי מען מורמעלט אַ יודיש וואָרט, מען גיסט יואַסער אויף די נעגעל, עס קלאַפּען אויף און צו די טהירען... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פון שטוב, עס ווערט ווייטער שטיל און פינסטער, דורכ'ן לאָדען שיינט קוים אַריין אַ קליין ביסעל ליכט פון דער לבנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבען איינער אַליין מיט'ן רבי'ן, איז איהם בעפאַלען איין אימה. די הויט איז שוין איהם אויפגעלאָפען פאַר שרעק, די וואורצלען פון די פאות האָבען איהם געשטאָכען אין די שלייפען ווי די נאָדלען.

אַ קלייניגקייט: מיט'ן רבי'ן, און סליחות־צייט, פאַר טאָג, אַליין אין אַ שטוב!...

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער איינגעשפּאַרט, ציטערט ער ווי אַ פיש אין וואַסער און ליעגט. —

---

ענדליך, שטעהט דער רבי, זאָל לעבען, אויף...

פריהער טהוט ער וואָס אַ יוד דאַרף טהון... דערנאָך געהט ער צו צו דעם קליידער־אַלמער און נעהמט אַרויס אַ פּעקיל... עס בעווייזען זיך פויערשע קליידער: לייננוואַנטענע פּלודערן, גרויסע שטיוועל, אַ סיערמיענגע, אַ גרויס פוטערן היטעל מיט אַ ברייטען לאַנגען לעדערנעם פּאַס, אויסגעשלאָגען מיט מעשענע נעגעלעך.

דער רבי טהוט עס אָן...

פון דער קעשענע, פון סיערמיענגע, שטאַרט אַרויס איין עק פון אַ גראָבען שטריק... פון אַ פויערשען שטריק!

דער רבי געהט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגעהענדיג, טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בויגט זיך איין, פון אינטער אַ בעט נעהמט ער אַרויס אַ האַק, פערלעגט זי אונטערן פּאַס און געהט אַרויס פון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט נאָר ער טרעט נישט אָב.

---

אַ שטילער, ימים־נוראים׳דיגער־פּחד וויעגט זיך איבער די טונקעלע גאַסען. אָפּט רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פון סליחות פ׳ין ערגיץ אַ מנין, אָדער אַ קראַנקער קרעכץ פון ערגיץ אַ פענסטער... דער רבי האַלט זיך אַל׳ץ אין די זייטען פון די גאַסען, אין די שאָטען פון די הייזער... פון איין הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס און דער ליטוואַק נאָך איהם...

און דער ליטוואַק הערט ווי זיין אייגען האַרץ־קלאַפּען מישט זיך צוזאַמען מיט׳ן קול פון רבי׳נס שווערע טריט; אָבער געהן געהט ער, און קומט צוזאַמען מיט׳ן רבי׳ן אויס דער שטאָדט אַרויס.

---

הינטער דער שטאָדט שטעהט אַ וועלדיל.

דער רבי, זאָל לעבען, נעהמט זיך אין וועלדיל אַריין. ער מאַכט אַ דרייסיג פּערציג טריט און שטעלט זיך אָב ביי׳ן אַ ביימיל; און דער ליטוואַק ווערט נבהל ומשתומם, זעהענדיג, ווי דער רבי נעהמט אַרויס פון פּאַס די האַק און שלאָגט אין ביימיל אַריין.

ער זעהט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט ווי דאָס ביימיל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס ביימיל פאַלט, און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס... די ליפּעס — אויף דינע שייטלעך; און ער מאַכט זיך אַ בינטעל האָל׳ץ, נעהמט עס אַרום מיט׳ן שטריק פון קעשענע, ער וואַרפט דאָס בינטעל האָל׳ץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַריין די האַק אינ׳ם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פון וואַלד, און געהט צוריק אין שטאָדט אַריין.

אין אַ הינטערגעסעל שטעלט ער זיך אָב ביי איין אָרעם, האַלב איינגעבראָכען הייזעל און קלאַפּט אָן אין פענסטערל.

— ווער איז? פרעגט מען דערשראָקען פון שטוב אַרויס.
דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז אַ קול פון אַ יודענע, פון אַ קראַנקער יודענע.
— יאַ! ענטפערט דער רבי אויף פויעריש לשון.
— קטאָ יאַ? פרעגט ווייטער פון שטוב.
און דער רבי ענטפערט ווייטער, אויף מאַלאָראָסיש לשון: וואַסיל!
— וואָס פאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסט דו, וואַסיל?
— האָלץ, זאָגט דער פערשטעלטער וואַסיל, האָב איך צו פערקויפען! זעהר ביליג... בחצי חנם האָלץ!
און, נישט וואַרטענדיג אויף תשובה, נעהמט ער זיך אין שטוב אַריין.

---

דער ליטוואַק גנב'עט זיך אויך אַריין און, בײַם גרויען ליכט פון פריהען מאָרגען, זעהט ער איין אָרעמע שטוב, צו-בראָכען, אָרעם כלי בית... אין בעט ליעגט אַ קראַנקע יודענע, פערוויקעלט מיט שמאַטעס, און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול:
— קויפען? מיט וואָס זאָל איך קויפען? וואו האָב איך, אָרעמע אַלמנה, געלד?
— איך וועל דיר באָרגען! ענטפערט דער פערשטעלטער וואַסיל, אין גאַנצען זעקס גראָשען!
— פון וואַנען וועל איך דיר בעצאָהלען? קרעכצט די אָרעמע יודענע.
— נאַריש מענש, — מוסר'ט זי דער רבי, — זעה, דו ביזט איין אָרעמע קראַנקע יודענע און איך געטרוי דיר דאָס ביסעל האָלץ, איך בין בטוח, אַז דו וועסט בעצאָהלען; און דו האָסט אַזאַ שטאַרקען, גרויסען גאָט, און געטרויעסט איהם נישט... און האָסט אויף איהם אויף נאַרישע זעקס גראָשען פאַר'ן ביסעל האָלץ, קיין בטחון נישט!
— און ווער וועט מיר אײַנהייצען? קרעכצט די

אלמנה, — איך האָב דען כח אויפצושטעהן? מיין זוהן איז אויף דער אַרבייט געבליבען.

— איך וועל דיר איינהייצען אויך — זאָגט דער רבי.

---

און, אַריינלעגענדיג דאָס האָלץ אין אויווען, האָט דער רבי, קרעכצענדיג, געזאָגט פון סליחות דעם ערשטען פזמון...

און, אַז ער האָט עס אונטערגעצונדען, און דאָס האָלץ האָט פרעהליך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַביסעל לוסטיגער, פון די סליחות דעם צווייטען פזמון...

דעם דריטען פזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט און ער האָט די בלעך פערמאַכט...

---

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזעהן, איז שוין געבליבען אַ געמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַמאָל דערצעהלט, אַז דער נעמיראָווער, הויבט זיך אויף, סליחות-צייט, יעדען פריה-מאָרגען, און פליהט אַרויף אין הימעל אַריין, פלעגט שוין דער ליטוואַק נישט לאַכען, נאָר צוגעבען שטילערהייט:

— אויב נישט נאָך העכער!

# פיערטע אבטיילונג.

# מִשְׁנַת חֲסִידִים.

עס איז ידוע לכל — די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז דער אדמו״ר פון נעמיראָוו האָט געדיענט דעם רבונו של עולם מתוך שמחה.

וואהל איז דעם אויג, וואָס האָט זוכה געווען צו זעהן די פרייד, דאָס פייער, דעם ברען, טאַקי די שמחה אַליין, וואָס האָט פון איהם, זכרונו לברכה אַרויסגעשטראַהלט ווי פון אַ זון און האָט בעשיינט און בעגאָסען דעם גאַנצען עולם ווי מיט אַ גאָלדען, פייערדיג ליכט! וואָס פאַר אַ תענוג דאָס איז געווען!

אַ יוד האָט פערגעסען דאָס גלות, די צרות, די יסורים די גרעסטע; מען האָט זיך אַליין פערגעסען; אַלע נשמות האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין פלאַם מיט זיין, זכרונו לברכה'ס, נשמה! אַיי, ווי מען האָט זיך געפרעהט! ווי לעבעדיג, ווי ברענענדיג געפרעהט! עס האָט ווי פון אַ קוואַל געשלאָגען!

פאַרהאַנען צדיקים, וואָס זענען זוכה צו שמחת שבת ויום־טוב, דער וואָנוואָליצער, זכרונו לברכה, האָט זיך געריהמט, אַז אין זיין נשמה שטעקט אַ פונק פון דער שמחה פון מוצאי־יום־כפור! אַנדערע זענען זוכה צו שמחה נור ביי'ן אַ סעודת מצוה, אַ סיום, אַ ברית וכדומה...

אָבער אונזער אדמו״ר, זכרונו לברכה, האָט געהאַט די שמחה פון „ברוך ה׳ יום יום!״ און ביז דער לעצטער מינוט, ביז צו דער פטירה, זכותו יגן עלינו!

און היינט זיין זינגען, זיין טאַנצען! זיינע זמירות און זיינע רקודים זענען אויסגעזאַפט געווען מיט רוח הקודש.

— איך בין מגלה — האָט ער איינמאָל אויסגערופען, און די אויגען, האָט מען געזעהן, האָבען איהם געשטראַהלט טאַקי ממש מזיו השכינה — איך בין מגלה אַז די גאַנצע וועלט איז נישט מעהר נור אַ זמר און אַ טאַנץ פאַר הקדוש ברוך הוא! אַלע זענען משוררים און זינגען זיין לויב! יעדער יוד איז אַ משורר און יעדער אות פון דער תורה הקדושה איז אַ קול־נגינה, און יעדע נשמה אין יעדען גוף איז אויך אַ קול־נגינה, וואָרום יעדע נשמה איז אַיין אות פון דער תורה הקדושה, אַלע נשמות צוזאַמען זענען די תורה הקדושה אין גאַנצען אוןביידע זענען איין זמר לפני מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא!

און ווייטער האָט ער געזאָגט, אַז אַזוי ווי עס זענען פאַרהאַנען אַלערליי קולות פון נגינה, אַזוי זענען פאַרהאַנען אַלערליי כלים פון נגינה און יעדער מין נגון איז בעהעפט צו דער כלי, וואָס קאָן אויסשפּיעלען דעם נגון, און יעדער כלי האָט זיך איהר נגון; וואָרום די כלי איז דער גוף און דער נגון איז די נשמה פון דער כלי...

און יעדער מענש איז אויך אַ כלי־נגינה, און דאָס לעבען פון אַ מענש איז אַ נגון, אַ פרעהליכער צי אַ טרויעריגער נגון, און אַז מען ענדיגט דעם נגון, פליהט אַרויס די נשמה פון גוף און דער נגון, די נשמה הייסט עס, בעהעפט זיך צוריק מיט דער גרויסער נגינה פאַר'ן כסא הכבוד...

און וועה, האָט ער געזאָגט, איז דעם מענש, וואָס לעבט אָהן זיין נגון; דאָס איז שוין אַ לעבען אָהן אַ נשמה, עס איז אַ געקריצעריי און אַ געקרעכצעריי — עס איז שוין קיין לעבען נישט...

און יעדער כלל איז אַ בעזונדער נגון, און דער צדיק, וואָס שטעהט איבער'ן כלל, איז דער קאַפּעלמייסטער צום נגון פון כלל... און יעדערער פון כלל קען זיין חלק נגון, און יעדער מוז זיך אָנרופען אַזוי ווי מען דאַרף און ווען מען דאַרף, אַ נישט מאַכט ער קאַליע דעם נגון, נור דער קאַפּעלמייסטער מוז קענען דעם גאַנצען נגון און פערריכטען, ווען מען דאַרף, און הייסען איבערחזרן, ווען מען דאַרף... און הערט ער אַ פרעמד קול אין נגון

אַריין, מוז ער איהם אַרויסטרייבען ווי אַ דבּיק, רחמנא ליצלן, עס זאָל, חס ושלום, נישט איבּערפיהרען דעם נגון!

און וואהל, האָט ער געזאָגט, איז אַייך, וואָס עס איז אַייך בּעשערט געוואָרען אַ פרעהליכער נגון...

און אַ סך האָט ער, זכרונו־לברכה, גערעדט פון דעם ענין...

— די למדנים, — האָט ער געזאָגט — וואָס קענען נור לערנען פון אויבען אויף, די זענען ווי פרעמדע, וואָס האָבּען הנאה קוקענדיג פון דרויסען אויפ'ן מלך'ס פּאַלאַץ און קענען נישט אַריינקומען. זיי האָבּען אפילו די העזה נישט אָנצוקלאַפּען אין טויער, טאָמער וועט מען זיי עפענען... זיי קענען נור די וועגד זעהן, מיט די פענסטער, מיט די קוימענ'ס, מיט די הויכע פאָחנען איבּער'ן דאַך פון מלך'ס פּאַלאַץ. טהייל מאָל זעהען זיי דעם רויך, וואָס געהט אַרויס, פון די קוימענ'ס, און זייער אויער חאַפּט אַמאָל עטליכע קולות פון די עבדים ושפחות, וואָס דרעהען זיך אַרום אין די פאָדערשט־בּער פון מלך'ס פּאַלאַץ... אָבּער די, וואָס פערטיעפען זיך אין תוך פון דער תורה, וואָס בּעהעפטען זיך מיט דער נשמה פון דער תורה, די קומען אינעווייניג אַריין אין פּאַלאַץ, די זעהען דעם גאַנצען כבוד פון מלך און הערען ווי מען לויבּט און מען זינגט דעם מלך'ס לויב און בּעהעפטען זיך מיט'ן געזאַנג פאַר'ן מלך...

— און יענע, — האָט ער געזאָגט — וואָס געהען אַרום פאַר'ן פּאַלאַץ, זענען טהייל מאָל נאָך געגליכענט צו בּעלי מלאכות, וואָס מאַכען כלים צו נגינה, און קענען אַ כלי־נגינה פערריכטען, אָבּער אַליין אויף דער כלי שפּיעלען קענען זיי נישט; טהייל מאָל האָבּען זיי פיינע געשיקטע הענד צו מאַכען אַ כלי־נגינה, נאָר זיי האָבּען פערשטאָפּטע אויערן, און אַז מען שפּיעלט אויף דער כלי, וואָס זיי אַליין האָבּען געמאַכט, הערען זיי נישט, אָדער זיי האָבּען אַ פערשטאָפּט האַרץ און פערשטעהען נישט, און פיהלען נישט. אַ גרויסער בּעל מלאכה, וואָס נעמט שוין די כלי צום מזיל, קען ער זי נור פּרובּען אָדער עמיצען עפּיס נאָכשפּיעלען, נאָר קאַלט, אָהן אַ נשמה — אָבּער שפּיעלען,

פון זיך אַ שטייגער 'שפּיעלען, — דאָס קענען זיי נישט, אפילו גאָר די גרויסע נישט.

— אָבער איך ברוך השם, האָט ער געזאָגט, כאָטש איך בין קיין למדן, דאָס הייסט קיין בעל מלאכה נישט, און קען קיין כלי נישט מאַכען, נישט פֿעררּיכטען, שפּיעלען אויף אַלע כלים — קען איך...

— זיי — זאָגט ער — זענען די כלים און מיר דער נגון! זיי זענען די מלבושים און מיר די מענשען! זיי זענען גופים און מיר — נשמות!

וואהל איז די אויערן, וואָס האָבען אַזוינס געהערט!

---

וואהל איז די אויגען, וואָס האָבען זוכה געווען צו זעהן די שמחה בײַ'ם אדמו"ר אין הויף; נאָר דאָס אַלץ איז געווען כטיפה פֿון הים קעגען דער שמחה אויפֿן טעבעטערל'ס חתונה!

ווער עס האָט פֿייגאַ'לים חתונה נישט געזעהן, האָט קיין גוטס נישט געזעהן!

דעמאָלט האָט ממש די שכינה זיך אַראָבגעלאָזט און האָט אויף אַלע גערוהט, אַ ליכטיגער רוח הקודש האָט אַלע אַרומגענומען... פֿון גרויס ביז קליין איז געהויבט און געקרוינט געוואָרען, מען האָט געזעהן בחוש, אפילו די קעבינ'ס, די סאַרווערס, אפילו די בעלי־עגלות, וואָס האָבען געבראַכט די מחותנים... אפילו די פּויערים, האָט ער געזאָגט, הויבט ער אויף צו דער מדרגה פֿון חסידי אומות העולם!...

דער עלטסטער פֿון אַלע, ר' צין, האָט מיר געזאָגט, און ר' צין האָט נישט גערעדט אַזוי, אַבי צו רעדען, אַז דאָס איז די ערשטע שמחה פֿון ששת ימי בראשית אָן...

און שטעלט אייך פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ רעש עס איז געוואָרען אין די עולמות העליונים, אַז דער רבי איז גענאַנגען כלה־טאַנץ!

— אוי — האָב איך מיר געוואונשען — ווי נעמט מען אהער אַלע די אפּיקורסים'לעך, די ליצנים'לעך, די אַלע וואָס קוועטשען און חכמה'ן זיך, — זאָלען זיי זעהן דעם תענוג, די

גדולה, די שמחה! עולם הזה ווילען זיי דאָך, זאָלען זיי זעהן ווי פון עולם הבא איז עולם הזה געוואָרען, ווי די גאַנצע וועלט מיט שמחה איז אַריין צו אונז אין שטוב און האָט געלייכט ווי די זון! די פּיס וואָלטען זיי געקושט, זיי וואָלטען ערשט זעהן, וואָס זייער עולם הזה איז ווערטה!

וואָרום גלאַט, דעם רבינ׳ס אַ טענצעל, אפילו גאָר אַ וואָכענדיג טענצעל, אַ דורכלאָזען זיך איבער דער שטוב, איז דאָך אויך געוועזען אחד מששים בגן־עדן; דעמאָלט איז עס אַוודאי אַ דריטעל און אפשר נאָר אַ גאַנצע העלפט געוועזען!

די כלי־זמר האָבען דעמאָלט אַ „פרעהליכס" געשפּיעלט. דער עולם, ווי אויף אַ חתונה, איז געוועזען צושפּרייט אין אַלע ווינקעלעך, טהייל האָבען געחאַפּט אַ טענצעל אין אַ זייט, אין צווייען, אין דרייען, צי אַ קליין רעדעל געמאַכט; אַנדערע האָבען געזונגען, געטרונקען, אַ שטיקעל דור הפלגה ווי אויף אַ חתונה.

פּלוצים האָט זיך דער רבי, זכרונו לברכה, אויפגעהויבען, געגאַנגען אין מיטען שטוב אַריין און האָט זיך אָבגעשטעלט.

מיט אַ פינגער האָט ער אַ צייכען געגעבען די כלי־זמר, און זיי האָבען אויפגעהערט צו שפּיעלען.

דער רבי איז געשטאַנען אין מיטען שטוב, דאָס פּנים האָט געפלאַמט מיט רוח הקדש, די אויגען האָבען געלויכטען ווי די שטערען, דער אַטלאַסענער קאַפּטאַן האָט געשפּיגעלט און געבליצט, דאָס שטריימעל האָט געגאָסען מיט הונדערטער זילבערנע פּיילען — עס האָט אָנגעחאַפּט דאָס האַרץ, עס האָט פערנומען די אויגען...

שטיל איז געוואָרען, אַלע אויגען האָבען זיך געצויגען צו׳ם רבי׳ן און בעהעפט אָן זיין געשטאַלט. מען האָט דעם אָטהעם פערהאַלטען — מען האָט געהערט דעם אומרוה פון זייגער פון דער זיבענטער שטוב, און אין דער זיסער שטילקייט האָט דער רבי אָנגעהויבען זיין שטילען נגון.

אין מיטען האָט ער אָבגעהאַקט דעם נגון און האָט אָנגע־הויבען אַרויסצולאָזען בעזונדערע, אָבגעריסענע קולות — און דער עולם האָט באַלד פערשטאַנען, וואָס די אָבגעריסענע קולות

זענען! דאָס זענען געווען בשורות טובות, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט אין דער וועלט אַריין, מבשר און מודיע זיין, אַז פייגאלי תחיה'ס חופה וועט זיין למזל טוב, ובשעה מוצלחת...
און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך זעה בחוש, ווי ווייסע טויבען ווי שניי פליהען פון רבינ'ס מויל אַרויס, און אין אַ צייט אַרום האָט ער, זכרונו לברכה, אויך געמוזט מודה זיין, אַז די קולות זענען געווען שמשים, שלוחים געשיקטע צו דער גאַנצער וועלט — צו אַלע חיות, צו אַלע בוימער און גראָזען, צו מדבריות, וועלדער, ימים און טייכען, צו הימעל און ערד, צום גיהנם, צום גן עדן, צו די אבות, צו דער פמליא של מעלה און האָט אַלע פערבעטען אויף די חתונה...
און אַז דער עולם האָט דערפיהלט, אַז די היץ אין שטוב האָט זיך פלוצלונג געשטאַרקט כפל־כפלים, און אַז ער זכרונו לברכה, האָט געזעהן, אַז מען איז געקומען, האָט ער צוריק געצויגען צום זיסען נגון, און האָט איהם אָנגעהויבען זינגען מיט ווערטער, אמרים קדושים! און דערביי האָט ער אָנגעהויבען טאַנצען, און אַלע אויגען האָבען זיך אַראָבגעלאָזט און בעהעפט אין די הייליגע פיס...
וואהל איז טאַקי דעם אויג, וואָס האָט עס געזעהן!
עס איז אַ ידוע לכל, אַז תיכף נאָך הסתלקות פון דעם האדמו"ר און עס האָט געטראָפען, וואָס עס האָט זיך נישט געוואָלט טרעפען, מיט'ן איידעם, טאַקי מיט פייגעלעם, עליה השלום'ס, מאַן און איך בין געבליבען כצאן בלי רועה, בין איך אויסגעפאָהרען גאַנץ תפוצות ישראל און געזוכט... און וואָס איך האָב געוואָלט, צו וואָס מיין האַרץ האָט געגלוסט, האָב איך אין ערגיץ נישט געפונען! איך האָב מיך אָנגעזעהן אַ סך זאַכען, הויכע זאַכען, מורא'דיגע זאַכען — האָר און נעגעל האָבען זיך קאַפויער געשטעלט, נאָר קיין שמחה האָב איך אין ערגיץ נישט געזעהן!
עצבות, מרה־שחורה, צובראָכענע הערצער... און טרעפט מען יאָ אַביסעל שמחה, איז עס גלאַט „משנכנס אדר" שמחה,

סעודת־מצוה שמחה — כל זמן דאָס פלעשעל שטעהט! צו שלמות פון אַ ניגון איז נאכ'ן אדמו״ר קיינער נישט-געקומען... אַזוי, דער עולם בורציעט... ווער שמועסט טאַנצען!...

עס זינגט זיך נישט — הילצערנע קולות; עס טאַנצט זיך נישט — די פיס ווילען זיך נישט פון דער ערד אָבריַיסען; אומגעלומפערטע הענד, אַ פוילער גוף — קאַלט געפרוירען... און אַז מען זינגט שוין און מען טאַנצט, — עס איז דאָך אַ מאָל אין אַ יאָהר שמחת תורה — רייסט זיך עס: די ווערטער געהען אין איין זייט, דער נגון אין איין אַנדער זייט און די פיס טהוען זיך זייערס בעזונדער; זיי האָבען צווישען זיך קיין שייכות נישט — דריי פרעמדע האָבען זיך צוזאַמען געטראָפען און יעדער בעזונדער געהט זיך אויף און אב אין שטוב...

מיט'ן אדמו״ר צוזאַמען איז נסתלק געוואָרען די שמחה, די נשמה פון טאַנצען, פון נגון, פון זמר, נאָר ער איינער האָט געוואוסט וועלכע תגועות הגוף עס געהערען צו דעם און וועלכע צו יענעם נגון, וועלכע קולות מען דאַרף צו די און וועלכע צו יענע ווערטער —

נאָר — נחזור לענינינו...

אדמו״ר שטעהט אין דער מיט און זינגט און טאַנצט, און מיר שטעהען אַרום עגול בתוך עגול, און זעהען די קולות און הערען די טענץ — און אַלע אַרום האָבען אָנגעהויבען זינגען און טאַנצען, אפילו די כלי־זמרים האָבען אַוועקגעוואָרפען די כלים — עס האָט זיי מיטגעריסען — און זינגען און טאַנצען, און איך האָב אפילו די זכיה געהאַט צו טאַנצען מיט אדמו״ר פנים אל פנים, אין מיטען דערזעהע איך, אַז דער חתן, איינער אַליין דער חתן שווייגט, זינגט נישט און טאַנצט נישט.

— רבי, האָב איך אויסגעשריען נישט מיט מיין קול, אפילו די כלי זמר זינגען און טאַנצען און ער נישט.

און דער רבי האָט צוגעטאַנצט צו מיר און געזאָגט: שרעק זיך נישט, האָב בטחון אין פייגעלע תחיה׳ם מזל...

און שפעטער פאַר דער סעודה האָט ער מיר איינגע־רוימט:

— וועסט הערען, ווי ער וועט תורה זאָגען לויט מיין טאַנצען.

וכך הוה...

די תורה אַליין, וואָס דער חתן האָט געדרש'ענט, געדענק איך נישט; איהר ווייסט דאָך, קיין מופלג אין נגלה בין איך נישט, און נישט אַלץ האָב איך משיג געווען, בפרט, אַז ער האָט גערערט טיעף־ליטוויש און אַזוי געשווינד, אַז עס האָבען זיך פייערינע רעדער געדרעהט פאַר די אויגען...

נאָר די סוגיא איז געוועזען עמוק עמוק — אַ טיעפער ענין...

דער עולם אַרום, קיין עין הרע עטליכע מנינים מופלגי תורה האָבען געגאַפט מיט אָפענע מיילער.

דער קאָוואַלער דַיָן, זכרונו לברכה, דער אייזערנער מח, וואָס פלעגט קיינעם נישט אויסהערען, און שפרינגען מיט די פינגער אין די אויגען אַריין און שרייען „עם הארץ"! איז געזעסען שטיל און מיט אַ זיס שמייכעלע אויפ'ן דראָבנעם פנים האָט ער געהערט און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ...

און דער גאַנצער עולם האָט געהערט, נאָר איך איינער האָב געוואוסט דעם סוד, אַז ער זאָגט, וואָס דער רבי האָט געטאַנצט. זיי אַלע האָבען געהערט דאָס חצוניות, איך איינער האָב געוואוסט דעם תמצית פון דער זאַך... און אַז איך האָב פערמאַכט די אויגען, האָב איך געזעהן דעם רבין טאַנצען!

און עס איז געוועזען פונקט אַזוי, ווי ביים רבינ'ס טאַנצען...

שטיל איז געוועזען, אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דעם אומרוה פון רבינ'ס זייגער אין דער זיבענטער שטוב... און אין דער מיט איז געוועזען דער חתן, און אַרום איז געשטאַנען דער עולם עגול בתוך עגול מיט פלאַמענדיגע פנימער, ברענענדיגע אויגען און פערהאַלטענעם אטהעם...

כבוד התורה האָט אויפ'ן חתן גערוהט, און פון כבוד התורה האָט ווי פון אַ זון אַרויסגעשטראַהלט די ליכט און אָנגעצונדען די נשמות — אַרום זענען פלאַמענדיגע נשמות געשטאַנען!

און זיינע ליפען האָבען געטאַנצט ווי דעם רבינ'ס פּיס, און אַלע אויגען האָבען געהאָנגען אויף זיינע ליפען ווי אויפ'ן רבינ'ס פיס, און דער עולם אַרום איז פול געוועזען מיט תענוג, מיט מסירת נפש...

דעמאָלט איז ער אויך איין אדמו"ר געוועזען...

די נשמה פון כלל...

זיי האָבען זיך צו איהם צוגעצויגען ווי אייזענשטויב צו אַ מאגנעט... ווי מיט אַ כשוף האָט ער זיי מיטגעשלעפּט מיט זיך, ווייט, ווייט, אין גאַס אַרויס, פון שטאָדט אַרויס, איבער טהאָל און איבער בערג, איבער ימים און מדבריות...

און די אויגען האָבען געלויכטען, ווי די אויגען ביים אדמו"ר און די הענד האָבען געאַרבייט ווי זיינע כשר'ע פיס..

איך זיץ אזוי פערחלומט, פלוצלונג ריהרט מיר עמיץ די פלייצעס.

איך קוק מיך אום — — דער אדמו"ר:

— זעהסט! אזוי האָב איך געטאַנצט; נאָר איין נגון איז נישט אַריין, פאַר דער טהיר שטעהן געבליבען: דעם ווילנער גאונ'ס תלמיד... ע!

דער „ע"! איז מיר אַריין אין האַרץ ווי אַ מעסער.

פלוצלונג זאָגט ער:

— געה חיים געבען די ערלים פון די פוהרען בראָנפען.

אין וואָס דאָס האָט בעטייט, האָב איך שוין נישט אָנגעהויבען וויסען. —

---

# אַ שְׁמוּעֶס.

עס איז אַ וואַרעמער, אמת־יום־טוב׳דיגער טאָג און ר׳ שבנא —
אַ הויכער, דאַרער יוד, אַ שריד ופליט פון די אַלטע קאָצקער —
און ר׳ זרח, אויך אַ דאַרער, נאָר אַ קליין־געוואַקסענער יוד, אַ
נשאר פון די אַלטע בעלזער — לאָזען זיך אונטער דער שטאָדט
אַרויס שפּאַציערען. יונגערהייט, זענען זיי זיך שונאים געוועזען,
שונאים אויף טויט און לעבען. ר׳ שבנא האָט געפיהרט די
קאָצקער געגען די בעלזער און ר׳ זרח — די בעלזער געגען די
קאָצקער! היינט, אויף דער עלטער, אַז די קאָצקער זענען גע-
וואָרען „נישט דאָס וואָס אַמאָל", און די בעלזער האָבען פערלאָ-
רען דעם ברען, האָבען זיי זיך ביידע אָבגעטיילט פון די חברות,
זענען זיי ביידע אַרויס פון די שטיבלעך, וואו שוואַכערע חסידים,
נאָר יונגערע און שטאַרקערע לייט האָבען איבערגענומען די
הנהגה.

אין בית־המדרש, ווינטער ביי׳ם אויוען, האָבען זיי שלום
געמאַכט; און צונד, חול־המועד פסח, ביי׳ם ערשטען שעהנעם
טאָג, געהען זיי ביידע שפּאַציערען.

די זון שיינט אויף אַ וויט בלאָהען הימעל. פון דער ערד
רייסען זיך אַרויס די גרעזעלעך; מען זעהט ממש בחוש, ווי אַ
מלאך שטעהט ביי יעדעם גרעזעל און שלאָגט: וואַכס! וואַכס!
מחנות פויגעלעך צופליהען זיך, זוכענדיג פאַראַיאָהריגע נעם-
טען — — און ר׳ שבנא מאַכט צו ר׳ זרח׳ן:

— קאָצקער, פערשטעהסט, — אמת׳ע קאָצקער, מיין
איך, פון די היינטיגע איז נישט כדאי צו רעדען, — נאָר אמת׳ע

אַלטע קאַצקער האַלטען גאָר נישט אַזוי שטאַרק פון דער הגדה...

— נאָר פון די קניידלעך? שמייכעלט ר' זרח.

— אויס קניידלעך, — ענטפערט ר' שכנא ערנסט, לאָך נישט! דו ווייסט דעם סוד פון „לא תסגיר עבד אל אדוניו”?

פאַר מיר — זאָגט דער בעלזער מיט אַ שטאָלצער עניוות, — איז גענוג צו וויסען די כַּוָנוֹת פון דאַוונען.

ר' שכנא מאַכט זיך נישט הערענדיג און זאָגט ווייטער:

— מילא דער פשט איז דאָך פשוט: אַז עס ענטלויפט אַ קנעכט אַ משרת, אַ פויער, — טאָר מען איהם. על פי דין תורה נישט חאַפּען, נישט בינדען און נישט איבערגעבען צוריק צום פריץ, צו'ם בעל־הבית; מן הסתם אַז אַ מענש ענטלויפט, קאָן ער שוין נישט אויסהאַלטען... איז שוין סכנת נפשות! נאָר דער סוד איז אויך גאָר פשוט: דער גוף איז בבחינת עבד, — — ער איז אַ קנעכט צו דער נשמה! דער גוף איז אַ בעל תאוה, ער זעהט אַ שטיק חזיר, איין אשת איש, איין עבידה זרה, ווייס איך וואָס — שפּרינגט ער פון דער הויט אַרויס; זאָגט אָבער די נשמה: לא תעשה! מוז ער שווייגען. און פערקעהרט — די נשמה וויל אַ מצוה טהון — מוז דער גוף טהון, מעג ער זיין מיעד, געה'רג'עט... מוזען די הענד אַרבייטען, די פיס לויפען, דאָס מויל רעדען... פאַר וואָס? דער פריץ, די נשמה הייסט! און פון דעסטוועגען: לא תסגיר! אין גאַנצען איבערגעבען דעם גוף צו דער נשמה טאָר מען אויך נישט. די פייערדיגע נשמה וואָלט איהם פערברענט, אַש פון איהם געמאַכט, און, ווען דער רבונו של עולם זאָל וועלען נשמות אָהן גופים, וואָלט ער קיין וועלט נישט בעשאַפען! און דעריבער האָט דער גוף אויך זיינע זכיות'ען.... „כל היושב בתענית נקרא חוטא” (דער וואָס פאַסט אַ סך הייסט אַ זינדיגער) — דער גוף דאַרף עסען! ווער עס וויל פאָהרען, מוז שפייזען דאָס פערד! קומט ווייטער אַ יום־טוב, אַ יומא דפגרא — פרעה דיך אויך! נעהם אַ קאָפּ בראָנפען, פרעה דיך, גוף, אויך! און די נשמה האָט

הנאה, און דער גוף האָט הנאה: די נשמה — פון דער ברכה, דער גוף — פון קאָפּ! פּסח, זמן חרותנו — קום אַהער. גוף, חאַפּ אַ קניידעל! און ער ווערט דאַדורך געהויבען, נתעלה! ער קומט צו שמחת מצוה! — אוים קניידלעך, ברודער, לאַך נישט!

ר׳ זרח איז מודה, אַז דער ענין איז טיעף און לאָזט זיך הערען; ער אָבער עסט נישט קיין שרויה!

— האָסט די הנאה פון מַצות...

— ווער האָט מצות צו דער זעט? שמייכעלט ר׳ זרח, — און גלאָט — וואו נעמט מען צייהן צו די מצות?

— ווי אַזוי דען ביזט דו מקיים „ושמחת בחגך" בנוגע צו'ם גוף?

— איך ווייס? אויב ראָזינקע־ווין שמעקט איהם — מילא! איך אַליין האָב ווילד הנאה פון דער הגדה. איך זיץ און זאָג, און צעהל די מכות, און צעהל, און טאָפּעל זיי און מאַך נאָך אַמאָל אַ כפל...

— מגושם!

— מגושם? פאַר אַזוי פיעל צרות און עניים קשים... פאַר אַזוי לאַנג גלות השכינה? — איך מיין, מען דאַרף מאַכען אַ מנהג, מען זאָל זאָגען זיעבען מאָל די מכות, 7 מאָל שפוך חמתך! דער עיקר — די מכות; מחיה בין איך מיך מיט זיי! איך וואָלט נאָך געוואָלט עפּענען די טהיר ביי די מכות... זאָלען זיי הערען! וואָס האָב איך מורא? — זיי פערשטעהען דען לשון הקודש?

ר׳ שכנא שווייגט אַ ווײלע, דערנאָך דערצעהלט ער כהאי לישנא:

— הערסט, ביי אונז האָט זיך געטראָפען אַזאַ מעשה! איך זאָל נישט זאָגען קיין גוזמא, אפשר אין צעהנטען הויז פון רבי'ן זכרונו לברכה, האָט געוואָהנט אַ קצב. איך זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד, — ער איז שוין אויפ'ן עולם האמת. — אַ מגושם'ער קצב, אַ קצב שבקצבים! אַ קאַרק ווי אַ שטיער־

אָקס, ברעמען ווי די באַרשטען און הענד ווי די קלעצער! היינט — אַ קול! אַז ער רעדט, דאַכט זיך, עס דונערט פון ווייטען, חיל שיסט! ער איז, דאַכט זיך, אַ בעלזוער חסיד געוועזען.

— נו, נו... ברומט ר' זרח.

— ד'לעבען! ענטפערט ר' שכנא קאַלטבלוטיג, ער פלעגט דאַווגען מיט משונה־ווילדע הויות, מיט אַלערליי איבער־קולות און אונטער־קולות. ביי זיין „תזכרו", האָט זיך געדאַכט, אַז מען שפריצט מיט וואַסער אויף פייער!

— מוחל, מוחל!

— היינט, זיי דיך משער! וואָס פאַר אַ מהומה עס ווערט, אַז אַזאַ בחור זעצט זיך צו דער הגדה!... מען הערט יעדעס וואָרט ביי'ם רבין אין שטוב! מילא — אַ קצב זעצט ער ווי אַ קצב; לאַכט מען אַרום טיש. דער רבי, זכרונו לברכה, — קוים, קוים וואָס ער ריהרט מיט די ליפען; מען זעהט דאָך בחוש, אַז ער שמייכעלט... שפּעטער אָבער, אַז דער „חתן־דנן" האָט אָנגעהויבען צעהלען די מכות, אַז זיי האָבען איהם אָנגעהויבען אַרויספליהען פון מויל ווי די קוילען, און ער זעצט נאָך דערביי אין טיש אַריין ווי מיט אַ האַמער, אַז מען הערט, ווי די כוסות קלינגען, — איז דער רבי, זכרונו לברכה, אַריינגעפאַלען אין איין אימעט, אין עצבות...

— אין עצבות — יום־טוב — פסח? וואָס רעדסט דו?

— מען האָט טאַקי געפרעגט!

— און וואָס האָט ער געענטפערט?

— דער רבונו של עולם אַליין, — האָט ער געזאָגט — איז ביי יציאת מצרים אַריינגעפאַלען אין עצבות! —

— וואו האָט ער עס גענומען?

— אַ מדרש! אַז די בני ישראל זענען אַריבער איבער'ן ים, און דאָס וואַסער האָט פערדעקט און פערטרונקען פרעה וכל חילו, האָבען די מלאכים אָנגעהויבען זאָגען שירה. שרפים ואופנים זענען זיך צופלויגען אין אַלע זיעבען הימעל מיט אַ זמר, מיט אַ

בשורה טובה! אלע כוכבים ומזלות האָבען אָנגעהויבען זינגען און טאַנצען! און די גלגלים, — קאָנסט דיר פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ שמחה עס איז געוועזען, די טומאה איז איינגעזונקען געוואָרען! נאָר דער רבונו של עולם האָט אַלע אָבגעשטעלט, פון כסא הכבוד האָט זיך געהערט אַ קול: מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה? — מיינע קינדער טרינקען אין ים, און איהר פרעהט אייך און זינגט! ווארום פרעה וכל חילו, — דעם כח הטומאה אליין, האָט אויך גאָט בעשאַפען... ורחמיו על כל מעשיו, כתיב!

— מילא! זיפצט ר' זרח.

ער שווייגט אַ ווײַלע און דערנאָך פרעגט ער:

— אויב עס איז ווייטער אַ מדרש וואָס האָט ער אויפגעטהון?

ר' שכנא שטעלט זיך אָב און זאָגט ערנסט:

— ערשטענס, בעלוער נאַר, איז קיינער נישט מחויב מחדש צו זיין: אין מוקדם ומאוחר בתורה... דאָס אַלטע איז ניי, דאָס נייע איז אַלט... צווייטענס, האָט ער אונז מגלה געוועזען דעם סוד, פאַר וואָס מען לייענט די הגדה, אפילו די מכות פון דער הגדה, מיט אַ טרויעריגען סיני־נגון, וואָס איז טאַקי דורכגענעצט מיט עצבות. און — דריטענס, האָט ער דערמיט פערטייטשט אַ פסוק: אל תשמח ישראל אל גיל כעמים. מגושם, גראָב פרעה זיך נישט! דו ביזט נישט קיין פויער!...... נקמה איז נישט קיין יודישע זאַך.

# שֶׁהַשִּׂמְחָה בִּמְעוֹנוֹ.

זיי שרייען אַלץ אין איינעם: עולם הזה!
עולם־הזה ווילען זיי, לוסטיג ווילען זיי זיין, פרעהליך...
שמחה ווילען זיי האָבען, אַ טעם פון לעבען פיהלען...
און איך זאָג אייך: שהשמחה במעונו...
די קוואַל פון שמחה איז ער... פון איהם שטראַהלט זי אַרויס!

שמחה שטעקט אין דער תורה, אין מצוות און מעשים טובים, אין נשמות פון צדיקים, — אין אַלעם דעם, וואָס האָט אַ יניקה פון דאָרט! פון גלאַנץ פון כסא־הכבוד!

אויף׳ן גאַנצען עולם־הזה — זאָג איך אייך — ליעגט אַ טרויער, אַ מרה־שחורה; אַלץ איז איינגעטונקט און איינגעהילט אין עצבות, אין אומעט...

וואָרען וואָס? ולשמחה מה זו עושה? מיט וואָס האָט מען זיך צו פרעהען?

און דעריבער דאַרף יעדע זאַך תקון... יעדע זאַך מוז אויסגעלייזט ווערען פון דער מרה־שחורה, פון דער פערגליווערט־קיים, און וועלכע אַלץ פערפּאַלט, אָהן דעם שטראַהל פון זיין גנאָד!

---

אַ „והא ראיה״:
מיר טרינקען און זיי טרינקען...
וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ טרונק־בראָנפען אין שענק...

און — וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ טרונק־בראָנפּען אין שטיבעל ביי אַ סיום, ביי אַ יאָהרצייט, אָדער גלאַט ביי אַ פּשוטען שלש־סעודות!

ביי זיי לאָזט זיך דער בראָנפּען נישט טרינקען, און עס גלוסט זיך איהם גאָר נישט צו טרינקען; נור דער יצר־הרע הייסט! ער רעדט אָן און זיי פאָלגען... דעריבער נעהמט מען אַ קאָפּ און מען פערקרימט זיך — די נשמה אין מענש שרומפּט זיך איין, ציהט זיך צוזאַמען פאַר וועהטאָג, דעריבער פאַלט איין די הויט און קנייטשט זיך ווי אַ פּאַרמעט...

מאַכט מען אָבער איבער דער משקה אַ ברכה, טרינקט מען זי לשם מצוה, איז מען זי מתקן... לאָזט זיך די משקה טרינקען און די נשמה האָט נחת פון טרינקען און וויל טרינקען!...

---

זיי ריהמען זיך, אַז זיי עסען מיט דרך־ארץ!

נו, האָב נישט קיין דרך־ארץ, אַז מען איז פערגליווערט, פערשטאַרט און פערחושכט ווי איין אַלטער, איינגעפאַלענער קוימען, וואָס האָט שוין לאַנג קיין פונק פייער נישט געזעהן...

זיצען זיי טאַקי שטייף און קאַלט ווי אייז: איינער קען דעם צווייטען נישט ליידען, אַ טאַטע מיט אַ זוהן קענען פון איין שיסעל נישט עסען! אפילו זאַלץ־מעסטלעך שטעלט מען יעדען בעזונדער... פון וואַנען־זשע זאָל זיין שמחה?

שמחה שטעקט אין דער נשמה, און וואָס האָט די נשמה דערפון, אַז דער גוף פרעסט?

און דאָס איז טאַקי דער סוד פון תרומות ומעשרות, פון חלה נעהמען, פון פערצייטישע אָרעמע סעודות, פון איין אורח בעטען צום טיש... פון ברכות מאַכען, פון זמירות זינגען...

זיי ווילען פרעהליך זיין! גאָר נישט אָבגעטהיילט פאַר אַ מצוה־זאַך, אָהן אַ ברכה, אָהן זמירות, און נעהמט מען פאַר

בושה אַהיים איין אורח, זעצט מען איהם אַוועק ביי די דיענסטען אין קיך...

אין קיך איז אפשר פרעהליך — נור אין די שטובען, זאָג איך אייך, אין די שטובען איז טויט, טויט ווי אַלע טויטע!

---

איך הער ווי איהר לייענט אייערע שירים...

פון דער לבנה האָט איהר שטאַרק נחת... איך הער דאָך: די שעהנע, זיסע, בלאַסע לבנה, זאָגט איהר... און פון כוכבים ומזלות רעדט איהר מיט ליעב, אין אויך פון דער טבע, פעלדער, וועלדער, טייכען...

איך זאָג אייך: פרישע לופט איז אמת, בפרט, אז מען ליידט אויף דער ברוסט — אַ רפואה־שלמה! נור שמחה אין דער טבע, האָב איך געפיהלט (איך בין דאָך אויך אַמאָל יונג געוועזען) פאַר הושענא־רבה... פאַר טאָג — אַ גראָהער הימעל — שטיל, — צווישען סטראָסטינעס רינט דער טייך...— פּיק־פּיק! רופט זיך פון ערגיץ אָן אַ נפש'ל, — טס־טס! — איין אַנדערס... און איך געה מיר, ביים ברעג, און שנייד מיר הושענא'ס...

פון כוכבים ומזלות איז דאָך נישט דאָ וואָס צו רעדען...

נור די לבנה, פון וואָס מיינט איהר האָט זי איהר חן בעקומען?

פון אונזער קדוש־לבנה!...

גלויבט מיר, ווען נישט קדוש־לבנה, ווען נישט דאָס ליכט, וואָס מיר שיקען אַרויף צו דער לבנה — וואָלט זי אויסגעזעהן נאַריש, גאָר נאַריש, אַזוי נאַריש ווי אַ צינערנער הקדש־טעלער!

---

נאָך אַ והא־ראיה — איין אמת'ע מעשה!

אַמאָל איז געוועזען אַ בן מלך, איז ער געוועזען אָנגעזאָפּט מיט מרה־שחורה... די דאָקטוירים האָבען געוואָלט דערקלערען, פון וואַנען די מרה־שחורה נעהמט זיך: האָבען טהייל געזאָגט,

אז ער האָט שלעכטע אויגען, אז אַלץ, אויף וואָס זיי קוקען, קומט אַרויס געל, גרין און געל... מען האָט אָבער געזוכט אַלערליי ברילען צו די אויגען, און קיין איינציגע האָט נישט געהאָלפען...

אַנדערע האָבען דערקלערט, אַז ער האָט עפּיס געמוזט יונגערהייט איינשלינגען, עפּיס אַ טמא חיה'לע, און עס האַלט זיך אין דער נשמה, און פּערמיאוסט איהר דאָס לעבען, האָט מען צו דעם אויך קיין רפואה נישט!

ווי עס איז, דער מלך האָט איהם געוואָלט ראַטעווען, פרעהליך מאַכען, משמח זיין, ער האָט איהם געקויפט כלי־כסף וכלי־זהב... פון דער גאַנצער וועלט האָט מען איהם צונויפגע־פיהרט אַלערליי בשמים, אַלערליי קריסטאַלען און אַזוי טהייערע חפצים — עס האָט נישט געהאָלפען!

מען האָט איהם געשטעלט אַ פּאַלאַץ אין אַ גאָרטען, און אין דעם גאָרטען האָט מען געפלאַנצט אַלערליי בוימער, אַלערליי געוויקסען און בלומען; מען האָט אויסגעשיט די וועגען מיט גאָלדיגען זאַמד; מען האָט אויסגעגראָבען אַ טייך און פערגאָסען מיט פריש קוואַל־וואַסער, לעבענדיג וואַסער, און אויף'ן וואַסער האָבען געשוואומען די ווייסע גענז, מיט די לאַנגע ווייסע העלזער, וואָס וויעגען זיך אויף'ן וואַסער אַזוי רוהיג, אַזוי שעהן, ווי די נשמות אין גן־עדן —— עס האָט אַלץ נישט געהאָלפען...

און אויף אַלעם, — זאָגט דער בן מלך, — ליעגט אַ מרה־שחורה... דער בוים וואַקסט, זאָגט ער, מיט מרה שחורה, די בלומען בליהען מיט מרה שחורה, דאָס וואַסער, — זאָגט ער — וויינט אין דער שטיל, גלייך עס וואָלט אויף עפּיס געטרויערט, און די ווייסע גענז דערמאָהנען איהם נור אין תכריכים.

און די זיסע פּירות, די וויין־עפּעל, די גראַנאַטען, די וויינטרויבען, אַלץ — זאָגט ער, — איז ביטער, ביטערליך און גורנע...

דאָס ערגסטע איז געוועזען, אַז דער בן מלך, האָט אין גאָרטען אין וואַסער, אָדער אין פּאַלאַץ אין אַ שפּיגעל זיין אייגען פּנים דערזעהן...

— איך בין טויט, פלעגט ער שרייען, אויף מיין פנים ליעגט נישט קיין שיין פון לעבען...

און איינמאָל האָט זיך פלוצלינג אַלץ פערענדערט!

דער בן מלך האָט זיך פלוצים צולאַכט!

פלוצים איז אַלץ אין גאָרטען געוואָרען גרין און לעבענדיג און שעהן — אַלץ האָט אָנגעהויבען לעבען און ער אויך.

און וואָס, מיינט איהר, איז געשעהן? אַ קליינינקייט!

אויפ'ן וועג, פאַרביי דעם גאָרטען, איז געגאַנגען אַ צדיק. מיעד און פערשמאַכט איז ער געגאַנגען: אויף אַ ברית, אויף פדיון־שבויים, איך ווייס?

נור מיעד איז ער געוועזען און געליטען האָט ער הונגער און דאָרשט; אָט, אָט וועט דער צדיק חלש'ען, ער וועט פאַלען! דאָס וויל מען אָבער אין הימעל נישט דערלאָזען.

רייסט זיך אָב איין עפעל פון אַ בוים און פאַלט דעם צדיק צו די פיס...

הויבט ער אויף דעם עפעל, מאַכט אַ ברכה, בייסט אריין — און שוין! באותו הרגע איז פון אַלעם אראָב די מרה־שחורה, פערשוואונדען דער כשוף, אַלץ איז געוואָרען מלא שמחה!

וואָרען ווי איך זאָג אייך: שהשמחה במעונו!

# „תוֹרָה".

(אַ חסידישער מאָנאָלאָג).

~~~~~~~~~~~~

— „תורה" זאָל איך אײַך זאָגען? — —

וואָס פאַלט אײַך אײַן, רבותים? ווי קומט צו אײַך אונזער תורה?

צי אײַערע נשמות זענען נישט געשטאַנען בײַ'ם באַרג סיני? — סלקא דעתך — ווער זאָגט: נײן?!

„אײן בורא, זאָגט איהר, אײן תורה און אײן פאָלק ישראל". — —מאי קא משמע לן? ווער זאָגט אַנדערש?

אָבער זעהט, רבותים! אין להרהר אחרי מדותיו — זיצט ער און איז מזווג זווגים; זאָגט ער ארבעים יום קודם יצירת הולד: בת פלוני לפלוני! קומט אויס, אַז אונזערם אַ בר־נש — ר' בעריל טוואָריציאָווער מאַכט חתונה מיט... נו מיט המפורסם ר' ישראל גאָלדענבערג — גאָר אײן אַנדער דרך — אַ יוד אַ בעל הבית, פיהרט שוין אַ שעהן נגידיש הויז — גאָר אויף אײן אַנדער אופן!... אַ מתנגד, יונגערהייד, הערט זיך אַנ'אַברך געווען אויף קעסט, — האָט ער אויסגעפּאַטשט אַ יוד פאַר „ויצמח פרקניה" אין אַ מקום קדוש... לעת זקנה — פון פני העיר, פרנס חודש... און אַ שטאַט! פאָהרט ער יאָהר בײַ יאָהר מיט בני ביתו אין באָד אריין... טאַקי ערשט געקומען מחוץ לארץ, שײַנט קײַן עין הרע, ווי די זון... נו... און עס איז געווען אין אַ שעה מוצלחת, דער זווג האָט עולה יפה, נושא פירות געווען, און אַ פרי עץ הדר, ווי די באָבע זאָגט... היוצא מזה? ס'וועט זײַן צום מזל אַ ברית און מיר זענען צוזאַמען
~~~~~~~~~~~~

ביי אַ סעודת מצוה, ביי אַ שלום זכר — מען עסט אַרבעס און פלוימען מיט ראָזינקעס!

אמת? נאָר זעהט — איין כנופיא, די אייגענע מאכלים...
און פון דעסטוועגן — נישט אַלע עסען גלייך!
„באכילתכם כך עבודתכם" און פערקעהרט...

המפורסם ר' ישראל גאָלדענבערג צופּט ווי אַ פּלינעלע שבת שירה — מסתפּק במועט, דעם מאָגען צוליעב... און דאָס בערדעל זאָגט נאָך צו די לעפצען: חצי שלי וחצי שלך... און שוין, אָבגעשאָקעלט פון בערדעל. — זאָל איהם וואויל בעקומען! און אין עק דאָרט זיצט משלנו — אַ חסיד'ל, אַנ'אויסגעהונגערטס נעביך און האַפּט, און שלינגט... איך בין מסופּק, צי ער וועט מקיים זיין „ואל כליך לא תחן" — אין דער היים אַ פּלונית'טע מיט בנים!

וואָס ביזטו רויט געוואָרען, שוטה? דלות איז קיין פּסלות...

„כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם" — די נשמה דאַרף אויך עסען, און איהר מאכל איז וואָס? — תורה!... נישט אַלע אָבער זענען גלייך תופש... דערצו האָט נאָך יעדער זיינע מנהגים, זיינע דרכים... פּאַרהאָן אַ בור סיד, און לא עליכם, אַ חולה, וואָס כבולעו כך פּלטו.

חס ושלום, איך וויז אויף קיינעם נישט אָן מיט'ן פינגער...

אָט האָט המפורסם, דער מחותן ר' ישראל דערצעהלט פּאַר שלש סעודות חדושים פון באַד... אַ באַרג עד לב השמים! אויפ'ן הור־ההר אויפ'ן סאַמע ראָדנע שפּיץ־באַרג איז געווען „שכר־הליכה" — אַ גאַנצע סביבה בעל כף היד! דאָס אויג האָט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיגען! גנים ופרדסים, שטערט און שטעדטליך און היכלות־פּאַלאַצען — פון תרגום־שני ארוים! און באַרג־אַרויף, האָט ר' ישראל גאָלדענבערג דערצעהלט, פיהרען כמה וכמה וועגען קורצע און לאַנגע, מיט גרויסע מניעות,

קלײנע מניעות... און אויסגעטרעטענע װעגן, פאַר סוסים! אַזױ האָט ער דערצעהלט...

איהר האָט געמײנט, איך ליעג און דרימעל... איך האָב געהערט... אויבען האָט ער געזאָגט — איז דער אַויר לנשימה — כמעט שוין סאַמע רוחניות! און בײ חלושי־ריאה װאָס דאַרפען מעהר גשמיות, לאָזט זיך בלוט פון דער נאָז!... געהען זײ נישט ביז אַרויף, און האָבען זײער שכר הליכה אין מיטען װעג: קאַװע מיט שמאַנט! אַזױ האָט ער דערצעהלט.

זעהט איהר: מיר חסידים קריכען אויף די גלײכע װענד! גלײך אַרויף! און איהר, זײט מיר מוחל, מתנגדים: בעל־בתיש, מתינות... גלײך מיט די פערד!

שאַ! שאַ! כ'װיל חס ושלום, קײנעם נישט מביש זײן!

— — — — — — — — — —

כ'װיל אײַך זאָגען אַ גלײכװערטעל, און בשם אומרו, דעם פּאַרציװער רב'ס אַ מלתא דבדיחותא. „מתנגדים, האָט ער געזאָגט, זענען דער נגוד פון חסידים"...

אין סדור שטעהט: „תשובה, תפילה וצדקה"... און פון אויבען, מיט קלײנע אותיות: „צום, קול, ממון" — יאָ?

זאָגען מיר חסידים כסדר: ראשית חכמה: צום! זאָל דער חומר װיסען, אַז ער איז קײן פריץ נישט, אַז נישט ער האָט צו שאַפען, אַז ער איז נאָר אַ טפל... מען דאַרף איהם האָבען: מען דאַרף פּים, נאָכצולויפען אַ מצוה! מען דאַרף הענד: תפלין צו לעגען, אַנ'אתרוג און לולב צו האַלטען! מען דאַרף אַ מויל אויף תורה ותפלה! מען דאַרף אַ מאָגען אויך — איבער װאָס װאָלט מען ברכה געמאַכט? — מזמן לזמן מוז מען אָבער װײזען דעם גוף, אַז נישט ער איז דער עצם־ענין, נישט ער איז דער תוך, אַז נישט „ואכלת", נאָר „וברכת" איז דער עיקר!...

דערנאָך געהט: „קול", מען זיצט און לערנט, מען דאַװנט; עד לב השמים דאָס קול! מען רײסט אײַן זיבען הימלען אין עבודה מתוך שמחה: מען זינגט אַ זמר... און ערשט גאָר, גאָר צום סוף געהט: „ממון" — אַ יודעלע דאַרף די מטבע

אויך! המפרנס אשתו ובניו... און אַלערליי געלד: למוד־געלד, צדקה־געלד... און מען איז דאָך אין גלות — „לאַ־יהרץ״־געלד אויך! זאָל מיך עשו נישט פערזאָרגען! שקיל טובך!... פערשטופט מען איהם ס׳מויל! זאָל ער מיך נישט מדריך זיין! לערן מיך נישט, פערגעס אָן מיר!

און היינט: געלד אויף אַ תאוה׳לע!

— — — — — — — — — — — —

איהר מיינט, אַז אַזאַ יוד למשל, ווי איך, וואָס פאָדערט נישט אין באָד אַריין, וואָס האָט קיין מעבעל נישט, ביי דער טהיר קיין גלעקעל נישט, און אין שטוב קיין שפּיגעל נישט — איז גאָר קיין בעל־תאוה נישט? אוי־אוי! דער יצר הרע טרעפט צו מיר אויך! נאָר, זעהט איהר, רבותים, אַ חיטרע יודעל בין איך! איך לאָז מיך נישט! איך לעג דאָס שמד׳קייט אין דער יראה אריין! דער יצר הרע קלאַפּט אָן, איך עפען! וואָס ווילסט דו, בעל דבר? זעץ דיך, רעד דיינע דבורים! רעדט ער! וואָס רעדט ער? ער רעדט מיך צו צו אַ מלבוש! איך זאָג נישט: ניין! פערקעהרט, מוכן ומזומן בין איך! וואָס ווילסטו? אַטלאַס? ראַצימאָרע? אדרבא! און איך מאַך מיר אַ בגד לכבוד שבת ויום־טוב! — ווילסט „שעהן״? גוט—קויף איך מיר נאָך אַ ברעסטער טלית, טיקטינער ציצית, גאָוואָגראָדער תפילין! לאָזט ער אָב אַ ווייל׳ע... געהט ער אַוועק און קומט צוריק. וואָס ווי־טער? דירה נאה? מהיכא תיתי! אַ סוכה פון סוכה־לאַנד, אויסגעהאַנגען מיט ארץ־ישראל־פירות... אין אַ צייט אַרום געהט ער און שטאַמעלט עפּיס וועגען אכילה ושתיה; איך זאָג נישט: ניין! פאַרהאַן סעודת מצוה, אַ ביסעל פיינע משקה צו קדוש און הבדלה און אַ פּאָר מאָל אין יאָהר עסט מען קרעפּלעך אויך, און דעריבער טאַקי געהט נאָך „צום״ אין „קול״, ממון — ממון אויף אַ תאוה׳לע!

און איהר האָט אויך דאָס זעלבע סדורל, די אייגענע ווערטער זאָגט איהר, נאָר איהר זייט מהפך דעם סדר. מיר — ישר און איהר — הפוך.

הויבען הויבט איהר אָן ביי „טמון״!

איהר מוזט האָבען גרויסע דירות... און עס מוז העגגען ר׳ יחזקאל׳ע פרעגער׳ס פאָרטרעט... און איהר ווערט גאָר בעלי סודות און פערהענגט די פענסטער, מען זאָל חלילה נישט אַריינקוקען נישט צו דער צייט! און מעבעל מוז זיין, און קרעפּלעך — יאָ מנהג, נישט מנהג — איז אַ מאכל! און מען פאָהרט אַמאָל אין באָד אַריין אויך... און עס ווילט זיך אַ ביסעל כבוד, הן אין שטוב, הן אין גאַס, הן אין בית המדרש, און מען מוז גוטע שדוכים טהון, מיט גרעסערע עשירים... מען זוכט אַנ׳אָנהאַלטעניש... און אַז מען געהט אַוועק פון דער וועלט, און מען איז, ווי ר׳ יחזקאל׳ע פרעגער קיין פאָרטרעט נישט געוואָרען, מוז מען איבערלאָזען אַ זכר: אַ מויער! אַנ׳עסק, אין וועלכען די יורשים זאָלען קאָנען אַריינקריכען בראשו ורובו און שוין קיין ליכטיגע וועלט נישט זעהן... מיט איין וואָרט: מען דאַרף זיין, מען מוז זיין אַ נגיד, איין „קול״ — מען שרייט געוואַלד: אַ נגיד! און זאָל זיך דער הימעל שפּאַלטען, וואָס וועט איהר שרייען? מ—מון! עס ווילט ז׳ך דוקא קרעפּלעך! אַ פשוטע זאַך: ביי אונז איז אַלץ בבחינת מן: איז דער קוגעל פעט, מהיכא תיתי! איך קען אָבער עסען אַ שטיקעל נעבטיג ברויט, און אַז איך וועל ווען, וועל איך זאָגען: ס׳אַ המן־טאַש! און עס וועט זיין אַ המן־טאַש, איך וועל פיהלען דעם טעם פון מאָן מיט האָניג! אַ מתנגד אָבער מ׳ז האָבען דברים כהויתן — על פי פשט! — איז טאַקי דער עיקר „ממון״ — און אַז דער עיקר, פערשטעהט איהר מיך, איז ממון, זאָלט איהר עס מיר מוחל זיין, פאַלט מען שוין אַריין אין קבצנות... אויפ׳ן טיש — אַ געשאָרען טישטוך, נאָר אַז מען זעצט זיך צום טיש, נעמט מען עס אַראָב און מען לעגט אבי וואָס... אַ קאַנאַפּע, פאָטער־שטוהלען, שטוהלען — געדעקט מיט סאַמעט — נאָר איבערגעצויגען מיט גראָהע לייוועגד... זיצען זיצט איהר אויף לייוועגד!... און, זייט מיר מוחל — די טהיר, אַז מען געהט עסען, ווערט פערשלאָסען... „כל דכפין ייתי וייכול״ איז אַ פסוק אין דער

הגדה, געמאַכט געוואָרען, דער דובנער מגיד זאָל זיך האָבען אויף וואָס צו שטעלען און זאָגען אַ משל... וואָרום דאָ, וואו דער עולם הזה ווערט איין עיקר, האָט מען טאַקי קיין עולם הזה נישט...

כ'לעבען, נישט גלייך, רבותים... וואָס האָט איהר אַראָב־געלאָזט די קעפּ?

כ'האָב דאָך אייך מקדים געווען, אז סיוווי אַ גלייך ווערטעל, אַ מלתא דבדיחותא...

דער חלוק פון מתנגדות ביז חסידות שטעקט אַ ביסעל טיעפער, ווי דען? הייבט די אויגען אויף, רבותים, כ'וויל עס אייך מקרב זיין צו דער השגה...

הערט!

תורה — ווייסט איהר דאָך — איז נמשלה למים — וואסער! ריין וואסער, קלאָר וואסער, לעבעדיג וואסער!

נו, אז תורה איז וואסער, וואָס טהוט אַ מתנגד?

נעמט ער און שווימט! פון אויבען...

פאָרט אַ שטיקעל סכנה, ס'איז דאָך פאָרט מים שאין להם סוף?

איז פאַרהאַן אַנ'עצה!

נעמט מען אונטער'ן אָרם: אַיין פענכער — דעם שלחן ערוך, דעם צווייטען — דעם חיי אדם, און מען לעגט זיך אויף זיי פּרקדן, און מען שווימט... מאַכט זיך אַ שוימעל: אַ שטיקעל דקדוק אין פירוש רש"י... אַ גע'חכמ'ט פירוש'ל אין מצודת ציון ומצודת דוד... אַ נוטריקון'דיל אין בעל הטורים — שעהן! אַ מחיה! עס געהען די אויגען איבער — ממש אַ זילבערנע שוים! כסף טהיר!

איינער חאַפּט גאָר אַנ'עין יעקב, אַ פּרק משניות — הוי! דער געהט שוין טריט־וואסער! נאָר דעם קאָפּ נעצט ער אַליין נישט איין; דער קאָפּ בלייבט טרוקען! אָ־ין נישט קיין סכנת־נפשות!

און אז אַ מתנגד איז גאָר אַ יוד אַ למדן, — וואָס טהוט

ער? שווימט ער קלאַפּטער, און מאַכט אַ מאָל אַ נאָרעק...
אַ מאָל לאָזט ער זיך טיעף אַראָב, אויף ווי לאַנג דער אָטהעם
לאָזט, און נעפינט אין דער טיעפעניש, און ברענגט אַרויף —
מרגניתא טבא! אַ פּערל פון קעסעל־גרוב!

און אַז אַ מתנגד איז גאָר אַן׳עלוי? שפּרינגט ער אין
וואַסער אַריין, און — מיט׳ן קאָפּ אַראָב, — איז ער וואָס? אַ
קונצען־מאַכער!

איך וויל, חלילה, נישט מקפח זיין שכר כל בריה... און
לאָ׳מיך וועלען! אַז הקדוש ברוך הוא, וויל נישט! געזאָגט תורה
נמשלה למים — איז געזאָגט! אָבער אַז דער יסוד איז מים,
איז — מים, זענט איהר קאַלטע פיש!

און וואו איז דער והסנה בוער באש?

תורה איז דאָך נמש"לה לאש אויך, און פאַרהאַן: אש
אוכלה אש... פייער שב׳פייער! דאָס זעהט איהר איז שיין
אונזער תורה! אונזער תורה ברענט... אונזער תורה לייכט...
אונזער תורה — —

איך וויל עס אָבער פּאָרט מקרב זיין צו דער השגה!

איך וויל, איהר זאָלט פערשטעהן דעם ענין פון „אונזער"
תורה...

וואָס עס הייסט: אַ גוטער יוד, אַ צדיק זאָגט „תורה"...
לכאורה: מאי כולי האי? נעהם אַ ספר און קוק אַריין! עס איז
אָבער נישט אזוי! — וואַרט, איך בין ערב, איהר וועט מקבל
נחת זיין...

„כי נר מצוה ותורה אור..."

יאָ... די מצוה, רבותים, איז אַ ליכט — נאָר אַ ליכט
לייכט נישט כל זמן מען צינדט זי נישט אָן... אַ מענש קאָן זיין
אַ ליכט־ציהער, האָבען אַ פוד ליכט אין שטוב, און אַרומגעהן
אין דער פינסטער, און טאַפּען אין די ווינקעלעך! תורה־אור
— מצוה דאַרף כונה... מען דאַרף וויסען דעם כוון פון דער
מצות...

אַ מצוה שלא בכונה איז אַ טויטע מצוה... אַבר מנן...

הענד האָבען געלעגט תפלין, ס'מויל האָט געזאָגט ברכה, די פיס זענען געגאַנגען אין מקום קדוש אַריין, די נאָז האָט געשמעקט בשמים בשעת הבדלה — אָבער די נשמה איז דערביי נישט געווען... די כונה האָט געפעהלט! מען האָט נישט אָנגעצונדען די ליכט!

און פעהלט ליכט, פעהלט שמחה...

און מענשען טהוען מצוות און געהען אַרום אין עצבות, פער'מרה־שחורה'טע פנים'ער, פער'חושכ'טע אויגען, און מען זיפצט, און מען קרעכצט...

שמחת מצוה פעהלט!

פרעה דיך אַז אַ טויט קינד איז געבאָרען געוואָרען!

אַ סך מצוות טהוט איהר... נאָר מתוך עצבות...

צדקה גיט איהר פון רחמנות... „נאַ — נעם און געה!" מען דאַרף פטור ווערען פון דעם אָרעמאַן... מען שיקט איהם אַפילו אָב אין שטיב אַריין, אַבי זיין פרצוף נישט צו זעהן... מען לערנט אָב אַ בלאַט גמרא אַ טאָג: אַ חוק! אָבגעאַרבייט ווי אַ שביר יום! אַ קליין שטיקעל קאַטאָרגע! יום־טוב—מאַכט מען בשר ודגים און צימעס קאָכט מען... נאָר — ווי ווערט מען שוין פון דעם יום־טוב פטור... אַ מחיה דאָס דריטע שטערנדעל איז מוצאי־שבת! ווי אויפ'ן גואל צדק וואַרט מען דערויף! אַ שמחה דאָס איז שמיני של פסח — אַ גלעזעל ביער! מען מעג שוין! און מוצאי פסח די חמץ'דיגע סעודה! און בסוד סודות, בעט איהר דאָך טל ומטר אויף סוכות, — איהר זאָלט קאָנען עסען אין שטיב!

שמחה פעהלט אייך! ווייל איהר טהוט אַלץ מיט'ן גוף, אָהן די נשמה... ווייל אייערע מצוות זענען גופים אָהן נשמות, נישט אָנגעצונדענע ליכט!

און מיינט נישט... לאו כל אדם זוכה צו ליכטיגע לעבעדיגע מצוות... אמת — „ולא עם הארץ חסיד", אָהן „תורה־

אור״, אָהן תורה, שנמשל׳ה לאש, קאָן מען קיין חסיד נישט זיין... אָבער נישט אַלע חסידים זענען חסידים...

קומען זיך טאַקי צוזאַמען צום צדיק קאַלטע נשמות, געפרוירענע נשמות, יודען מיט ליכט אין די בוזעמס, נאָר זיי ברענען נישט, זיי לייכטען נישט... מען קומט פער׳עצב׳ט, פער׳חשב׳ט... נאָר מען קומט צום צדיק, מען קומט נאָך תקון, נאָך ליכט... און דער צדיק, אַז ער זעהט עס, זעצט ער זיך און זאָגט „תורה״... און זאָגען זאָגט ער תורה, שנמשל׳ה לאש... די תורה, וואָס ברענט און „צינדט אָן די ליכט״... די מצוות, וואָס זענען געטהון געוואָרען שלא בכונה, בעקומען כונה... צינדען זיי זיך אָן און הויבען אָן לייכטען... פון „מתים בל יחיו״ ווערען ברענענדיגע לייכטענדיגע נשמות, פון בר־מנן׳ס — שרפים ואופנים...

און ליכטיג ווערט, און שמחה, און צהלה, דיצה, אהבה, אחוה ורעות...

עס פלאַמט...

וואָס־זשע האָט פועל יוצא געווען דער צדיק?

ער האָט מקיים געווען די מצוה: בהעלותך את הנרות!

ער האָט גענומען פון „אור זרוע לצדיק״ און אָנגעצונדען אַלע ליכט!..

און אַז אַלע ברענען? פערשטעהט איהר דאָך, איך דאַרף דאָך אייך נישט אין מויל אַריינלעגען — אַז עס צינדען זיך אָן אַלע ליכט — ווערט ליכטיג, ווערט פרעהליך, ווערט התלהבות, ווערט דבקות... ווערט — — —

נאָר דאָס איז שוין נישט פאַר אייך... געגוג — שמחה! שמחת מצוה, שמחת יום־טוב — — —

וואָס טהוט איהר ימים נוראים?

משנכנס אָדר לאַכט איהר, קומט מזל בתולה — וויינט איהר!

אַ מתנגד לעבט על פי „לוח״...

שנייצט איהר די נעז און קלאָגט!...

איהר ווערט בעל־בכיה׳ס, ווי די נשים! און עס ציטערט אויף אייך די הויט.

וואָס טהוט זיך ביי אונז ימים נוראים? מען טאַנצט, מען זינגט! מען געהט אַפילו גאָר שפּאַציערען! אַז עס איז ליכטיג געוואָרען, אַז עס האָט זיך צופלאַקערט — געה וויין!

דאָס איז טייטש „ותורה אור״ — דעם צדיק׳ס תורה איז אור! — —

נור האַלט איך שוין ביי אור, וויל איך אייך שוין דערצעהלען אַ שיחת, דאָס וועט איהר שוין אַוודאי משיג זיין! איהר וועט אפילו הנאה האָבען! איהר ווייסט דאָך: שני מאורות — אַ זון מיט אַ לבנה. די זון האָט ליכט און וואַרעמקייט און די לבנה, מילא, ווייסט איהר דאָך. איהר האָט דאָך עפּיס ליעב די לבנה, איהר זייט דאָך מיט דער לבנה שמעלקע שבשמעלקע, אייערע יונגלעך שרייבען דאָך שירים און קרעכצען צו דער לבנה — די לבנה האָט נאָר ליכט אַליין...

איז ער, זאָל לעבען, אַמאָל געזעסען ביים פענסטער — בין השמשות.

צווישען מנחה ומעריב, פלעגט ער ליעב האָבען צו זיצען ביים פענסטער, בשעה שאינו לא יום ולא לילה... קומט אַרויס די לבנה. זעהען מיר בחוש, אַז זי קומט אַרויס אומישנע פון ענן מקבל פנים זיין... שמייכעלט ער... און דרעהט זיך אויף צו אונז און גיט אַ פרעג, צי מיר ווייסען נישט פון דער דין תורה, וואָס די לבנה האָט געהאט... ווייסט מען נישט; דערצעהלט ער.

די זון — דערצעהלט ער — האָט דאָך משמורת ביי טאָג, איז איהר וואַרעם; די לבנה אָבער האָט דאָך משמירת ביי נאכט, איז איהר קאַלט... שטעלט זי זיך איינמאָל פאַר׳ן בית דין של מעלה מיט אַ טענה: עס איז איהר קאַלט! וואָסזשע וויל די לבנה? — מען זאָל איהר מאַכען אַ בגד! זאָגט דאָס בית־דין של מעלה: צדקה מסני! ס׳קומט איהר אַ בגד! שיקט מען תיכף ומיד נאָך אַלע חייטים מארבע כנפות הארץ, זיי זאָלען איהר

מאַכען אַ בגד! זאָגען די חייטים, אַז זיי זענען עס נישט ביכולת צו מאַכען! פאַר וואָס, ווילט איהר פרעגען, פשוט, ווייל זיי וויסען נישט, ווען אַ מאָס צו נעהמען: אַ גאַנצען חודש — אָדער זי וואַקסט אָדער זי פאַלט אָב...

האַ?

וואָס זאָגט איהר?

מען זאָל איהר מאַכען שלשים בגדים!

ב'האָב געוואוסט, אַז דאָס וועט איהר משיג זיין!

דאָס האָט טאַקי, ער זאָל לעבען, אויפגעטהון!

# צווישען צוויי בערג.

פון בריסקער רב און ביאַלער רבין האָט איהר אַ ודאי געהערט, דאָך נישט אַלע ווייסען, אַז דער ביאַלער צדיק, ר' נח'קע, איז פריהער געווען דעם בריסקער רב'ס אַ תלמיד מובהק, אַז ער האָט ביי איהם געלערנט אַ שעהנע פּאָר יאָהר, און דערנאָך ערשט איז ער נעלם געוואָרען, אָבגעהאַלטען אַ פּאָר יאָהר „גלות", און איז נתגלה געוואָרען אין ביאַלע.

און אַוועק איז ער מהאי טעמא: מען האָט געלערנט תורה, נור די תורה, האָט דער רבי געפיהלט, איז טרוקענע תורה... מען לערנט, למשל, אַ דין פון שאלות נשים, פון בשר-בחלב, צי דיני ממונות... זעהר וואהל! קומט ראובן ושמעון האָבען אַ דין תורה, קומט אַ משרת אַ שאלה פרעגען, אָדער איין א ש ה האָט אַ שאלה, — קריעגט באותה הרגע דאָס לערנען אַ חיות, לעבט עס אויף און עס האָט אַ ממשלה אויף דער וועלט. אָבער אַזוי, אָהן זיי, פיהלט דער רבי, אַז די תורה, דאָס הייסט: דער גוף פון דער תורה, דער נגלה, דאָס, וואָס עס ליעגט פון אויבען אויף — איז טרוקען. נישט דאָס, האָט ער געפיהלט, איז ת ו ר ת ח י י ם! — תורה דאַרף לעבען! לערנען אַנדערע קבלה-ספרים האָט מען אין בריסק נישט געטאָרט. דער בריסקער רב איז געווען אַ מתנגד און בטבע אַ „נוקם ונוטר כנחש". האָט עמיץ אָנגעריהרט אַ זהר, אַ פרדס, פלעגט ער שעלטען, און חרם אַריינ-לעגען! איינעם האָט מען געחאַפּט ביי אַ קבלה-ספר האָט ער איהם געלאָזט אָבגאָלען די באָרד דורך ערלים! וואָס קלערט איהר? דער מענש איז יצא מדעתו געוואָרען, און מרה שחורה

אריינגעפאַלען. און, וואָס מעהר חדוש איז, עס האָט איהם שוין קיין גוטער יוד נישט געהאָלפען! — איהר שפּילט אייך מיט׳ן בריסקער רב! און פון דעסטוועגען, ווי פאָהרט מען עס אַוועק פון בריסקער רב׳ס ישיבה?!

אַ צייט לאַנג האָט ער זיך טאַקי געשלאָגען מיט דער דעה.

ניר איינמאָל האָט מען איהם געוויזען אַ חלום. עס האָט זיך איהם געחלומט, אַז דער בריסקער רב איז צו׳ן איהם אריינגעקומען און געזאָגט: קום נח, וועל איך דיך פיהרען אין גן־עדן התחתון אריין. און ער האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד און געפיהרט. זיי זענען געקומען אין אַ גרויסען פאַלאַץ אַריין. אין פאַלאַץ איז נישט געוועזען, נישט קיין טהיר און נישט קיין פענסטער, אויסער די טהיר, דורך וועלכער זיי זענען אַריינגעגאַנגען. ליכטיג איז דאָך אין פאַלאַץ געוועזען, ווייל די ווענד, ווי עס האָט זיך דעם רבין געדאַכט, זענען געווען פון קריסטאָל און האָבען געשלאָגען פון זיך אַליין אַ ליכטיגען גלאַנץ.

און זיי געהען אַזוי, און געהען און מען זעהט נישט קיין סוף.

— האַלט דיך אָן מיין זופּעצע, — טאַכט דער בריסקער רב — דאָ איז פאַרהאַנגען סאַליעס אין לשער ואין לספר, און קיים רייסט דו דיך אָב פון מיר, וועסט דו פערבלאָנזיען אויף עביג...

דער רבי טהוט אַזוי, און זיי געהען אַלץ ווייטער און ווייטער, און אויפ׳ן גאַנצען וועג זעהט ער נישט קיין בענקיל, קיין שום כלי בית, גאָר נישט!

— דאָ זיצט מען נישט, פערטייטשט איהם דער בריסקער רב, נור מען געהט אַלץ ווייטער און ווייטער! — און ער איז איהם נאָכגעגאַנגען. און איין זאַל איז גרעסער און ליכטיגער געוועזען פון דעם צווייטען, און די ווענד האָבען געשיינט דאָ מיט רער, דאָ מיט איין אַנדערער קאָליער; דאָ מיט עטליכע, דאָרט מיט אַלערליי קאָליערען... נור קיין מענשען האָבען זיי נישט געטראָפען אויפ׳ן וועג...

דער רבי איז מיעד געוואָרען געהענדיג. עס האָט איהם

בענגאָסען אַ שוויים, אַ קאַלטער שוויים. קאַלט איז איהם אויך געוואָרען אין אַלע אברים. דערצו הויבען איהם נאָך אָן די אויגען וועה צו טהון פון בעשטענדיגען גלאַנץ...

און עס איז איהם אָנגעפאַלען אַ שטאַרקע בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט צו יודען, צו חברים, צו כל ישראל! אַ קלייניגקייט — מען זעהט קיין יוד נישט פאַר זיך!...

— בענק נישט צו קיינעם, — מאַכט דער בריסקער רב — דאָס איז אַ פּאַלאַץ נור פאַר מיר און פאַר דיר... דו וועסט אויך אַמאָל זיין בריסקער רב!

און דער רבי האָט זיך נאָך מעהר דערשראָקען און אָנגעחאַפּט זיך אָן דער וואַנד, נישט אומצופאַלען. און די וואַנד האָט איהם אָבגעבריהט! נור נישט ווי פייער בריהט, נור ווי אייז בריהט!

— רבי! — האָט ער אַ געשריי געטהון, — די ווענד זענען אייז, נישט קריסטאַל! פשוט אייז!

דער בריסקער רב שווייגט.

און דער רבי שרייט ווייטער:

— רבי, פיהרט מיך אַרויס פון דאַנען! איך וויל נישט זיין אַליין מיט אייך! איך וויל זיין צוזאַמען מיט כל ישראל!

און קוים האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, איז דער בריסקער רב נעלם געוואָרען און ער איז געבליבען איינער אַליין אין פּאַלאַץ.

קיין וועג, ווי אויס און ווי איין, ווייסט ער נישט; פון די ווענד שלאָגט אויף איהם אַ קאַלטער פחד; און דאָס בענקשאַפט, צו'ן אַ יוד, צו דערזעהן אַ יוד, באַדיי אַ שוסטער, אַ שניידער, איז אַלץ ביי איהם שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרען. האָט ער אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען...

— „רבונו של עולם, האָט ער זיך געבעטען, — נעם מיך אַרויס פון דאַנען! בעסער אין גיהנם מיט כל ישראל צוזאַמען, איידער דאָ איינער אַליין!“

און באותו הרגע, האָט זיך איהם בעוויזען אַ פּראָסט יודעל, מיט אַ רויטען בעל-עגלה'שען גאַרטעל אויף די לענדען, און אַ לאַנגער בייטש אין דער האַנד. דאָס יודעל האָט איהם, שוויגענ־

דיג, אָנגענומען ביי׳ם ארבעל, אַרויסגעפיהרט פון פּאַלאַץ, און איז — פערשוואונדען געוואָרען. אַזאַ חלום האָט מען איהם געוויזען!

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַר טאָג, קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבען גראָהען, האָט ער פערשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין פּראָסטער חלום געוועזען. ער האָט זיך געשווינד אָנגעטהון און געוואָלט לויפען אין בית המדרש אַריין, לאָזען זיך פּותר חלום זיין פון די לומדים, וואָס נעכטיגען אין בית המדרש. דורכגעהענדיג דעם מאַרק, האָט ער אָבער דערזעהן אַ שטעהענדיגע בויד, אַיין איינגעשפּאַנטע גרויסע, פערצייטישע בויד, און ביי דער בויד איז געשטאַנען אַ בעל־עגלה, מיט אַ רויטען גאַרטעל אַרום די לענדען, אַ לאַנגע בייטש אין דער האַנד, און פּונקט אַזאַ יודעל, ווי דער, וואָס האָט איהם אין חלום אַרויסגעפיהרט פון פּאַלאַץ.

שטויסט ער זיך, אַז „דברים בגו״; געהט ער צו און פרעגט:

— וואו אַהין פאָהרט אַ יוד?

— נישט ד י י ן וועג! ענטפערט דער בעל עגלה גאָר גראָב.

— פּאָרט? — בעט ער זיך, — אפשר וועל איך מיט־פאָהרען!

דער בעל־עגלה האָט זיך אַביסעל פערטראַכט און דערנאָך געענטפערט:

— און צו פוס, — זאָגט ער — קען אַזאַ בחור נישט געהן? געה דיר ד י י ן וועג!

— און וואו אַהין זאָל איך געהן?

— וואו די אויגען וועלען דיך טראָגען, — ענטפערט דער בעל־עגלה און דרעהט זיך אָב, — מיין דאגה!

דער רבי האָט פערשטאַנען, און האָט זיך געלאָזט אין גלות אַריין!

ווי געזאָגט, נתגלה איז ער געוואָרען עטליכע יאָהר שפּע־טער אין ביאַלע. (עד מָפּי עֵד, ווי אַזוי עס איז געוועזען, דערצעהל איך נישט, חאָטש עס איז מויל און אויערן אויפצושטע־לען!) און, לערך אַ יאָהר נאָך זיין התגלות, האָט מיך אַ ביאַלער

בעל-הבית, ר׳ יחיאל האָט ער געהייסען, אַראָבגעברענגט צו זיך פאַר אַ מלמד.

לכתחילה האָב איך אפילו נישט געוואָלט אָננעהמען דאָס מלמדות. ר׳ יחיאל, מוזט איהר ווימען, איז געוועזען איין עושר, אַ פּערצייטישער, אָנגעשטאָפּטער עושר. די טעכטער פלעגט ער געבען צו טויזענד רענדלעך נדן און טהון מיט די גרעסטע רבנים, און זיין לעצטע שנור איז געוועזען טאַקי דעם ב־יסקער רב׳ם טאָכטער!

פערשטעהט איהר דאָך אַליין, אַז אויב דער בריסקער רב מיט די רעשט מחותנים זענען חולקים, מוז ר׳ יחיאל אויך זיין אַ חולק... און איך בין דוקא אַ ביאַלער חסיד, נו — ווי לאָזט מען זיך אין אַזאַ הויז אַריין?

האָט עס מיך אָבער פּאַרט געצווינגען קיין ביאַלע! אַ קליינגקייט — מיטן רבי׳ן אין איין שטאָדט! געקלערט אַהין, געקלערט אַהער, איך פאָהר!

און ר׳ יחיאל אַליין, האָט זיך אויסגעוויזען איז איין אמת פּשוט׳ער, כשר׳ער יוד. איך בין אַייך אפילו ערב, אַז זיין האַרץ האָט געצווינגען צו אַ רבין ווי מיט צוואַנגען. וואָרום באמת, קיין למדן איז ער נישט געוועזען, אויפ׳ן בריסקער רב פלעגט ער אַ ודאי קוקען ווי אַ האָהן אויפ׳ן בני אדם! וועהרט ער מיר נישט צו האַלטען זיך אין ביאַלער רבין, נור ער אַליין איז זיך מתרחק. אַז איך דערצעהל עפּיס פון רבין, מאַכט ער זיך געניצען, האַטש די אויערן, זעה איך, שפּיצט ער אויף. נור דער זוהן זיינער, דעם בריסקער רב׳ס איידעם, דער קנייצט איין דעם שטערן, קוקט אויף מיר מיט כעס און ליצנות צוזאַמען נור שפּאַרען שפּאַרט ער זיך נישט; ער פלעגט בטבע ווייניג רעדען.

ויהי היום, — ר׳ יחיאל׳ס שנור, דעם בריסקער רב׳ס טאָכטער, דאַרף געהן צו קינד! דאַכט זיך, מאַלע אַ ווייבעל געהט צו קינד? איז אָבער אַ מעשה דערביי! געוואוסט האָט מען, אַז דער בריסקער רב, ווייל ער האָט אַ חסיד אָבגעגאָלט, דאָס הייסט: געהייסען אָבגאָלען באָרד און פּאות, איז נזוק געוואָרען פון די

צדיקי הדור. ביידע צוויי זיהן זענען איהם, לא עליכם, במשך א 5—6 יאָהר, נפטר געוואָרען, און אַלע זיינע דריי טעכטער האָבען קיין בנים זכרים נישט געהאַט. דערביי איז נאָך יעדע פון זיי, געוועזען רחמנא ליצלן, אַ מקשה לילד, בשעת מעשה געוועזען יעדעס מאָל מעהר דאָרטען ווי דאָ! אַז מען האָט אָבער מן השמים געוואָלט, עס זאָל זיין מחלוקת, האָבען אַלע געזעהן און געוואוסט, אַז עס איז איין עונש פון די צדיקי הדור אויפ'ן בריסקער רב, נור ער אַליין, מיט זיינע ליכטיגע אויגען, האָט עס נישט געזעהן! און אפשר — נישט געוואָלט זעהן! ער האָט ווייטער געפיהרט זיין התנגדות ביד חזקה—מיט חרמות, און תקיפות פון אנשי חיל, ווי אין יענע צייטען...

מיר איז גיטעלע (אַזוי האָט זי, דעם בריסקער רב'ם טאָכ-טער, געהייסען), באמת אַ שאָד געוועזען, זעהר אַ שאָד גע-וועזען. ערשטענס — אַ יודישע נשמה; צווייטענס — אַ יודישע, כשר'ע נשמה; עס איז נאָך אַזאַ צדקת, אַזאַ כשר'ע זאַך אויף דער וועלט נישט געוועזען...

קיין איינציגע אָרעמע כלה האָט אָהן איהר הילף נישט חתונה געהאַט; אַזאַ זיידענע בריאה! און דאָס דאַרף געשטראָפט ווערען פאַר'ן פאָטערס כעס! און דעריבער, אַזוי ווי איך האָב נאָר בע-מערקט, אַז די באָבע הויבט זיך אָן דרעהען אין שטוב, האָב איך שוין אָנגעהויבען אַרבייטען אויף אַלע כלים, מען זאָל שיקען צום ביאַלער רבין... זאָל זיין אַ קוויטעל אָהן אַ פדיון, באשר — ער דאַרף נעטהיג פדיונות!...

דער ביאַלער רבי האָט גאָר ווייניג געהאַלטען פון פדיונות!

מיט וועמען אָבער רעדט מען?

איך פּרוב מיט'ן בריסקער רב'ס איידעם, און, איך ווייס — אַז ממש נפשו קשורה בנפשה, וואָרען, ווי ער האָט זיך נישט בעהאַלטען, האָט עס דאָס שלום בית אַרויסגעשמעקט פון יעדען ווינקעלע, פון אַלע זייערע תנועות און הויות, — איז ער דאָך

אָבער דעם בריסקער רב׳ס אײדעם! שפּײט ער אױס, גײט ער אַװעק און לאָזט מיך שטײן מיט אײן אָפן מױל.

נעם איך מיך צו ר׳ יחיאל׳ן אַלײן, ענטפערט ער מיר: עס איז דעם בריסקער רב׳ס טאָכטער! איך װעל עס איהם, דעם בריסקער רב, נישט טהון, אפילו ביי סכנות נפשות, חס ושלום! פּרוב איך מיך מיט זיין פּלונית׳טע, — אַ כשר׳ע יודענע, נאָר אַ פּראָסטע, — ענטפערט זי מיר כהאי לישנא: זאָל מיין מאַן חייסען, שיק איך באַלד צום רבין מיין יום־טוב׳דיג שטערן־טיכעל מיט די אױרינגלעך; אַ מטמון מיט געלד האָט עס געקאָסט! נאָר אָהן מיין מאַן, נישט קיין פּחית משוה פּרוטה — נישט אַ פּיפּיץ!

— אָבער אַ קװיטעל... װאָס שאַדט אײך אַ קװיטעל?

— אָהן מיין מאַנ׳ס װיסען, גאָר נישט! ענטפערט זי, טאַקי װי אַ כשר׳ע יודענע דאַרף ענטפערן, און דרעהט זיך אָב פון מיר און איך זעה, אַז זי װיל נאָר בעהאַלטען די טרעהרען, — אַ מאַמע! לב יודע — איהר האַרץ האָט שױן געפיהלט די סכנה...

אַז איך האָב אָבער געהערט דעם ערשטען געשריי, בין איך אַלײן געלאָפען צום רבין.

— שמעיה, — ענטפערט ער מיר, — װאָס זאָל איך טהון? איך װעל מתפלל זיין!

— גיט מיר, רבי, — בעט איך, — פאַר דער יולדת, װאָס עס איז — אַ שמירה׳לע, אַ מטבע, אַ קמיעא׳לע... װאָס עס איז גיט מיר...

— עס װעט, חס ושלום, ערגער מאַכען, — ענטפערט ער, — אָהן אמונה שאַדטען אַזױנע זאַכען, און זי האָט דערינען קײן אמונה נישט...

װאָס האָב איך געקאָנט טהון? עס איז די ערשטע טעג סוכות, זי איז מקשה לילד, העלפען קען איך נישט, בלײב איך שױן בעסער ביי׳ם רבין אין שטוב. אַ בן־בית בין איך געװעזען,

טראַכט איך מיר, איך וועל קוקן יעדער רגע מיט געבעט צום רבין אפשר וועט ער זיך מרחם זיין...

הערן הערט זיך, אַז עס איז נישט גוט. דעם דריטן טאָג שטעהען שוין די וועהען... מען האָט שוין אַלץ געטהון, וואָס מען האָט געקענט: די שוהל איינגעריסען, קברים גע־מאָסטען, הונדערטער פונט ליכט אויסגעברענט אין שוהל, אין בתי מדרשים, היינט צדקה — אַ מטמון!.. עס איז דען נאָכצו־דערצעהלען? אַלע קליידער־שענק זענען געשטאַנען אָפען; אַ באַרג מיט אַלערליי מטבעות איז געלעגען אויפ'ן טיש, און אָרעמע לייט זענען אַריינגעקומען און גענומען, ווער עס וויל, וואָס ער וויל, וויפיעל ער וויל!

עס האָט מיך שטאַרק אָנגעחאַפּט דאָס האַרץ.

— רבי זאָג איך, עס שטעהט דאָך: צדקה תציל ממות.

און ער ענטפערט מיר, שלא ממין הטענה, דאַכט זיך:

— אפשר וועט קומען דער בריסקער רב!

און באותו הרגע קומט אַריין ר' יחיאל! צום רבין רעדט ער נישט, גלייך ער וואָלט איהם נישט געזעהן, נאָר —

— שמעיה, זאָגט ער צו מיר, און חאַפּט מיך אָן ביי'ם לאַץ, הינטען שטעהט אַ פוהר, געה זעץ דיך אויף און פאָהר צום בריסקער רב, זאָל ער קומען..

און געפיהלט האָט ער שוין אַ פנים, אין וואָס עס געהט, דאָרום צוגעגעבען האָט ער:

— זאָל ער אַליין זעהן, וואָס עס טהוט זיך! זאָל ער זאָגען, וואָס צו טהון!

און אַ פנים האָט ער געהאַט, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, — מתים זענען שעהנער פאַר איהם!

---

מילא פאָהר איך! טראַכטען, טראַכט איך מיר, אַז אויב דער רבי ווייסט, אַז ער וועט קומען, וועט שוין עפּיס דערפון אַרויס! אפשר נאָך אַ שלום! דאָס הייסט: נישט צווישען

בריסקער רב מיט'ן ביאלער רבין, זיי אליין האבען קיין מחלוקת נישט געפיהרט, נאר צווישען די צדדים בכלל! ווארום באמת. אז ער וועט קומען, וועט ער דאך זעהן! אויגען האט ער דאך!

נאר מן השמים, א פנים, לאזט מען אזא זאך, אזוי גע־שווינד נישט צו. מן השמים האט מען מיט מיר מלחמה גע־האלטען. קיים בין איך ארויס.געפאהרען פון ביאלע, גיט זיך איבערן הימעל א יאג א חמארע, אבער ווי הייסט א חמארע! א שוארצער שווערער וואלקען, ממש ווי א סמאלע, און א בלאז האט פלוצים געטהון, גלייך עס וואלטען רוחות געפלויגען און פון אלע זייטען מיט אמאל. א פויער, להבדיל, פערשטעהט זיך אויף אזוינע זאכען, צלמ'ט ער זיך און זאגט, אז עס וועט זיין, חס ושלום, א שווערער וועג. און וויזט מיר מיט דער בייטש אין הימעל ארייז... תוך כדי־דביר מאכט זיך נאך א שטארקערער ווינד, ער צורייסט די חמארע, ממש ווי מען צורייסט א שטיק פאפיער, און הויבט אן צו יאגען און צו טרייבען איין שטיק חמארע אויף דער צווייטער, איינע אויף דער צווייטער, גלייך ער וואלט קריעס געטריבען אויף א טייך. איך האב שוין איבערן קאפ צוויי שטאק אין דריי שטאק חמארע. לכתחילה האב איך אפילו קיין מורא נישט געהאט: אויסגענעצט ווער'ען איז ביי מיר קיין נייעס נישט געוועזען און פאר דונערן שרעק איך מיך נישט. ערשטענס דונערט נישט סוכות צייט, און צווייטענס — נאכ'ן רבין'ס שופר־בלאזען! מיר האבען א קיימא־לן, אז נאך אזא שופר־בלאזען האט א גאנץ יאהר קיין דונער קיין שליטה נישט! אז עס האט אבער ראפטום געגעבען א פלאסק מיר אין פנים אריין, ווי מיט א בייטש... איין מאל, דאס צווייטע מאל, דאס דריטע מאל..., איז מיר טאקי דער מוטערס מילך ענטפאלען! איך האב געזעהן בחוש, אז דער הימעל פאטשט מיך, אז מען טרייבט מיך צוריק!

און דער פויער, להבדיל, בעט זיך אויך: לאמיר צוריק־פאהרען.

איך ווייס אָבער, עס איז סכנות נפשות. איך זיץ אויף דער פוהר, און, אינ'ם שטורם, הער איך, ווי די יולדת קרעכצט, ווי דעם בריסקער רב'ס איידעמס פינגער קנאַקען; ער ברעכט זיך די הענד; אויך זעה איך פאַר מיר ר' יחיאל'ס שוואַרץ פנים מיט די איינגעפאַלענע, ברענענדיגע אויגען! פאָהר, בעט ער מיך, פאָהר —— און מיר פאָהרען.

און דאָ גיסט און גיסט, עס גיסט פון אויבען, עס שפּריצט פון אונטער די רעדער, און פון אונטער די פערדס פיס. אין דער וועג ווערט אין גאַנצען פערגאָסען, ממש בעדעקט מיט וואַסער. איבערן וואַסער געהט אַ פּיאַנע, די פוהר, דאַכט זיך, הויבט שוין אָן שווימען —— וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? מיר האָבען נאָך דערצו געבלאָנזשעט... נאָר אויסגעהאַלטען האָב איך!

מיט'ן בריסקער רב בין איך געקומען אויף הושענא רבה!

נאָר, דעם אמת צו זאָגען, אַזוי ווי דער בריסקער רב האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער פוהר, איז שטיל געוואָרען! די חמאַרע האָט זיך איבערגעריסען, פון שפּאַלט האָט זיך אַרויס־געוויזען די זון, און מיר זענען בשלום שעהן און טרוקען אריינ־געפאָהרען קיין ביאַלע. דער פויער, להבדיל, האָט עס אפילו בעמערקט און געזאָגט אויף זיין לשון: וועלקי ראַבין, צי דיוזשי ראַבין!...

נאָר דער עיקר איז געוועזען אונזער אַריינקומען!

ווי די היישריקען זענען צו איהם צוגעפאַלע'ן די ווייבער וואָס זענען אין שטוב געוועזען... כמעט אויפ'ן פנים זענען זיי פאַר איהם געפאַלען און געוויינט... די יולדת פון דער צוויי־טער שטוב הערט מען נישט, אָדער דורכ'ן געוויין פון די ווייבער, אָדער, טראַכט איך, זי האָט שוין, חס ושלום, קיין כח נישט צו קרעכצען... ר' יחיאל האָט אונז אפילו גישט געזעהן, ער איז געשטאַנען אריינגעדריקט מיט'ן שטערן אין אַ שויב, דער קאָפּ האָט איהם אַ פנים געברענט...

דעם בריסקער רב'ס איידעם, דרעהט זיך אויך נישט

איבער דערלאַנגען שלום. ער שטעהט מיט׳ן פנים צו דער וואַנד, און איך זעה בחוש, ווי דער גוף זיינער ציטערט און ווי דער קאָפּ קלאַפּט אָן דער וואַנד!...

איך האָב געמיינט, איך פאַל! אַזוי האָט מיך דער צער און די שרעק דורך און דורך גענומען. עס איז מיר קאַלט גע־וואָרען אין אַלע אברים, איך האָב געפיהלט, אַז די נשמה ווערט אין מיר קאַלט!...

נאָר, צי האָט איהר געקענט דעם בריסקער רב?

דאָס איז געוועזען אַ מענש — איין עמוד ברזל, זאָג איך אייך!

אַ הויכער, הויכער יוד, טאַקי „משכמו ומעלה״... איין אימה האָט ער געוואָרפען, ווי אַ מלכות! — אַ ווייסע לאַנגע באָרד, איין שפּיץ, געדענק איך נאָך ווי היינט, האָט זיך איהם אַריינגערוקט אונטער׳ן גאַרטעל, דער צווייטער שפּיץ־באָרד ציטערט איבערן גאַרטעל...

ברעמען — ווייסע, דיקע, לאַנגע — אַ האַלב פנים האָבען זיי איהם פערשטעלט. און, אַז ער האָט זיי אויפגעהויבען — רבונו של עולם! די נשים זענען ממש צוריק געפאַלען, ווי פון אַ דונער צוריק געוואָרפען, אַזוינע אויגען האָט ער געהאַט! — חלפים, בלאַנקע חלפים האָבען אין זיי געבליצט! און אַ געשריי האָט ער געטהון ווי אַ לייב: אַוועק נשים!

דערנאָך האָט ער שטילער און עדעלער געפרעגט:

— און וואו איז מיין טאָכטער?

מען האָט איהם געוויזען.

ער איז אַריינגעגאַנגען, און איך בין געבליבען שטעהן ממש אַרויס פון די כלים: אַזוינע אויגען, אַזאַ בליק, אַזאַ קול! עס איז גאָר איין אַנדערער דרך, איין אַנדערע וועלט! דעם ביאַלער רבינס אויגען לייכטען אַזוי גוט, אַזוי שטיל, עס קומט אַריין אַ חיות אין הארץ; ער וואַרפט אויף דיר אַ בליק, האָט ער דיך מיט גאָלד בעשיט... און זיין קול, דאָס זיסע קול, דאָס סאַמעט׳ן זיסע קול — רבונו של עולם, ביים הארץ חאַפּט

עס אָן, ביים האַרץ גלעט עס אַזוי שטיל, אַזוי מחיה'דיג...
נישט קיין מורא, חס ושלום, האָט מען פאַר'ן, נאָר די נשמה
צוגעהט אין ליעבשאַפט, אין מתיקות פון ליעבשאַפט. זי וויל
אַרויס פון גוף און בעהעפטען זיך מיט זיין נשמה... זי רייסט
זיך ווי, להבדיל, אַ זימערפליגעלע צו אַ העלער פלאַם!...
און דאָ — רבונו של עולם: אימה ופחד! אַ גאון, אַ פערצייטישער
גאון! און ער געהט אַריין צו אַ יולדת!

„ער וועט פון איהר מאַכען, — שרעק איך מיך — אַ גל־
של עצמות!"

לויף איך צו'ם רבין.

און דער רבי בענעגענט מיך באַלד אין טהיר מיט אַ
שמייכעל:

— האָסט געזעהן, מאַכט ער, כבוד התורה? ריינעם
כבוד התורה?

איך האָב מיך בערוהיגט. אז דער שמייכעלט, טראַכט
איך, איז גוט!—

---

און עס איז טאַקי גוט געוועזען. שמיני עצרת איז זי
איבערגעקומען. שמחת־תורה האָט שוין דער בריסקער רב גע־
זאָגט תורה ביי'ם טיש. איך האָב געוואָלט אפילו ערגיץ אַנדערש
זיין ביי'ם טיש, נאָר איך האָב מורא געהאַט. בפרט, אַז
מיט מיר איז געוועזען אַ מנין... מען וועט בענשען נברך
אלהינו...

מילא, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? דעם בריסקער
רב'ס תורה? אויב די תורה איז אַ ים, איז ער געוועזען דער
לויתן אין ים, — מיט איין תנועה גיט ער אַ שווים דורך צעהן
מסכתות; מיט איין תנועה מישט ער אויס ש"ס ופוסקים! אַז
עס הילכט און שפריצט, זיעדט און קאָכט, טאַקי, ווי
מען דערצעהלט פון אמת'ען ים... דעם קאָפּ האָט ער מיר
צושרויפּט... נאָר „לב יודע מרת נפשו"! דאָס האַרץ מיינס

האָט פאָרט נישט געהאַט קיין שמחת יום־טוב! און דעמאָלט האָב איך מיך דערמאַהנט אין רבינ׳ס חלום... און איך בין פערשטאַרט געוואָרען! די זון איז געלעגען אין פענסטער, וויין האָט ביי׳ם טיש נישט געפעהלט, דער גאַנצער עולם, זעה איך שוויצט, און מיר? מיר איז געוועזען קאַלט, קאַלט ווי אייז! און דאָרטען, האָב איך געוואוסט, זאָגט מען אַנדערע תורה. דאָרטען איז ליכטיג און וואַרעם... יעדעס וואָרט איז דורכגעוועבט אין דורכגעווייקט מיט אהבה און דבקות. . מלאכים, פיהלט מען, פליהען אַרום שטוב; ממש מען הערט, ווי עס רוישען די גרויסע, ווייסע פליגעל... אַי, רבונו של עולם! נאָר אַוועק־געהן טאָר מען נישט!

פלוצלינג, האַקט ער איבער, דער בריסקער רב, און גיט אַ פרעג:

— וואָס פאַר אַ רבי׳ן האָט איהר עס דאָ?

— אײנעם, אַ נח, ענטפערט מען איהם.

מילא, שניידט עס מיך ביי׳ם האַרץ! „איינעם, אַ נח" — אַח, די חנופה, די חנופה!

— אַ בעל מופת? פרעגט ער ווייטער.

— װעניג, מען הערט נישט... ווייבער אפילו דערצעהלען נאָר ווער הערט זיי?

ער נעהמט אַ זוי געלד, אָהן מופתים...

זאָגט מען איהם שוין דעם אמת, אַז געלד נעהמט ער וועניג און גיט אַ סך אַוועק.

דער בריסקער רב פערקלערט זיך.

— און לערנען קען ער?

— מען זאָגט — אַ גדול!

— פון וואַנען איז ער, דער נח?

קיינער ווייסט נישט, און איך מוז ענטפערן. מאַכט זיך שוין אַ שמיעס צווישען מיר מיט׳ן בריסקער רב.

— איז ער נישט, דער נח, אַ מאָל אין בריסק געוועזען? פרעגט ער.

— צי דער רבי, שטאַמעל איך, איז געוועזען אין בריסק?
דאַכט זיך — יאָ!

— אַה! מאַכט ער — אַ חסיד זיינער! און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט אויף מיר אַ קוק געטהון ווי אויף אַ שפּין.

און ער האָט זיך איבערגעדרעהט צום עולם:

— ביי מיר, — זאָגט ער, — איז אַ מאָל געוועזען אַ תלמיד „נח"... אפילו אַ גוט קעפּיל, נאָר עס האָט איהם גע־צויגען אין יענער זייט אַריין — — איך האָב איהם איינמאָל געזאָגט, צוויי מאָל... איך האָב איהם געוואָלט זאָגען צום דריטען מאָל, מזהיר זיין, איז ער מיר נעלם געוואָרען... צי איז עס נישט ד ע ר?

— ווער ווייסט?

און ער הויבט אָן אויסמאָלען: אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ שוואַרץ בערדל, שוואַרצע געקרייזעלטע פּאות, אַ פערטראַכטער, אַ שטיל קול און דערגלייכען.

— עס קען זיין, זאָגט דער עולם, אַז דאָס איז ער; קרוב לאמת!

איך האָב שוין גאָט געדאַנקט, אַז מען האָט אָנגעהויבען בענשען.

נאָר נאָך דעם בענשען איז געשעהן אַזוינס, וואָס עס האָט זיך מיר גאָר נישט געקאָנט חלומ'ען.

דער בריסקער רב הויבט זיך אויף פון בענקעל, רופט מיך אַוועק אין אַ זייט און זאָגט מיר שטילערהייט: פּיהר מיך צו ד י י ן רבין און מ י י ן תלמיד. נאָר, הערסט, — קיינער זאָל נישט וויסען!

מן הסתם פאָלג איך, נאָר אויפ'ן וועג פרעג איך איהם מיט שרעק:

— בריסקער רב, זאָג איך, מיט וואָס פאַר אַ כונה געהט איהר?

און ער ענטפערט מיר פשוט:

— עס איז מיר איינגעפאַלען ביי׳ם בענשען, אַז איך בין ביז אַהער געוועזען אַ דן שלא בפניו... זעהן וויל איך, איך וויל אַליין זעהן, און אפשר — האָט ער שפעטער צוגעגעבען, — וועט מיר גאָט העלפען, איך וועל אַרויסראַטעווען מיינם אַ תלמיד.

— ווייסט, שיינעץ, — מאַכט ער ווייטער מיט הלצה, — אַז אויב דיין רבי איז דער נח, וואָס האָט ביי מיר געלערנט, קען ער זיין אַ גדול בישראל, אַ בריסקער רב אַ מאָל!

אַצונד האָב איך שוין זיכער געוואוסט, אַז דאָס איז ער, און דאָס האַרץ האָט ערשט אָנגעהויבען צאַפּלען...

---

און די צוויי בערג האָבען זיך צוזאַמען געטראָפען... אַז איך בין אין דער מיט נישט געבליבען אויפ׳ן אָרט, איז טאַקי אַ נס מן השמים.

דער ביאַלער רבי, זכרונו לברכה, פלעגט שמחת תורה אַרויסשיקען די חסידים שפּאַצירען אַרום דער שטאָדט, און ער אַליין איז זיך געזעסען אויפ׳ן גאַניקל, און געקוקט, און מקבל נחת געוועזען.

עס איז נישט געוועזען היינטיג ביאַלע. עס איז געוועזען דעמאָלט גאָר אַ קליין שטעדטיל. סאַמע קליינע, נידריגע, געבוי-טע הייזלעך; אויסער דער שוהל מיט׳ן רבינס בית המדרש. דעם רבינ׳ס גאַניקל איז געוועזען אויפ׳ן צווייטען שטאָק און מען האָט פון גאַניקל אַלץ געזעהן ווי אויף דער האַנד — די בערגלעך פון מזרח זייט, דעם טייך פון מערב... — — און דער רבי זיצט אויפ׳ן גאַניקל און קוקט. דערזעהט עטליכע חסידים, וואָס געהען און שווייגען, וואַרפט ער זיי אַראָב פון דער הויך איין התחלה פון אַ נגון. זיי חאַפּען אונטער און געהען שוין ווייטער זינגענדיג — — און כתות, כתות געהען פאַרביי, און לאָזען זיך אַרויס פון שטאָדט, מיט געזאַנג מיט אמת׳ער פרייד, מיט אמת׳ער שמחת תורה... און דער רבי פלעגט זיך נישט ריהרען פון גאַניקל.

דעמאָלט אָבער האָט דער רבי, אַ פּנים, דערהערט אַנדערע טריט, האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אַקעגען געגאַנגען דעם בריסקער רב.

— שלום עליכם, רבי! מאַכט ער מיט ענוות און מיט זיין זיס קול.

— עליכם שלום, נח! — האָט דער בריסקער רב געענטפערט.

— זיצט, רבי!

דער בריסקער רב זעצט זיך און דער ביאַלער רבי שטעלט זיך פאַר איהם.

— זאָג נור, נח! — מאַכט דער בריסקער רב מיט איינגעהויבענע ברעמען, — וואָס ביסט דו עס אנטלאָפען פון מיין ישיבה? וואָס האָט דיר דאָרטען געפעהלט?

— עס האָט מיר, רבי, — ענטפערט ער געלאַסען, — אָטהעם פערפעהלט... איך האָב נישט געקאָנט דעם אָטהעם חאַפּען...

— ווי הייסט? וואָס רעדסט דו, נח?

— נישט מיר, — פערטייטשט דער רבי מיט אַ שטילער קול, — נור מיין נשמה האָט אָטהעם פערפעהלט...

פאַר וואָס, נח?

— אייער תורה, רבי, איז סאַמע דין! אָהן רחמים איז זי! אָהן אַ פונק חסד איז אייער תורה! און דעריבער איז זי אָהן שמחה, אָהן פרייען אָטהעם... סאַמע ברזל ונחשת, אייזערנע חוקים, קופּערנע דינים... און סאַמע הויכע תורה, פאַר לומדים, פאַר יחידי סגולה!...

דער בריסקער רב שווייגט און דער רבי זאָגט ווייטער:

און זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איהר פאַר'ן כלל ישראל? פאַר'ן האָלץ-העקער, פאַר'ן קצב, פאַר'ן בעל מלאכה, פאַר'ן פּראָסטען יוד?... בפרט — פאַר אַ זינדיגען יוד? וואָס, רבי, האָט איהר פאַר נישט לומדים?

דער בריסקער רב שווייגט, גלייך ער פערשטעהט נישט,

וואָס מען רעדט צו אידם. און דער ביאַלער רבי שטעהט אַלץ פאַר אידם און זאָגט ווייטער מיט זיין זים קול:

— זייט מיר מוחל, רבי, נור דעם אמת מוז איך אייך זאָגען... האַרט איז געוועזען אייער תורה, האַרט און טרוקען, ווייל זי איז נור דער גוף און נישט די נשמה פון דער תורה!

— די נשמה? פרעגט דער בריסקער רב און רייבט זיך דעם הויכען שטערן.

—אַ ודאי! אייער תורה, רבי, האָב איך געזאָגט, איז נור פאַר יחידי סגולה, פאַר למדנים, נישט פאַר כל ישראל. און די תורה מוז זיין פאַר כל ישראל! די שכינה מוז רוהען אויף כל ישראל! וואָרען די תורה איז די נשמה פון כל ישראל!

— און דיין תורה, נח?

— איהר ווילט זי זעהן, רבי?

— תורה — זעהן? וואונדערט זיך דער בריסקער רב.

— קומט, רבי, איך וועל זי אייך ווייזען!... איך וועל אייך איהר גלאַנץ ווייזען; די שמחה, וואָס שטראַהלט אַרוים פון איהר אויף אַלע, אויף כל ישראל!

דער בריסקער רב ריהרט זיך נישט.

— איך בעט אייך, רבי, קומט, נישט ווייט!

ער האָט איהם אַרויסגעפיהרט אויפ'ן גאַניקל. שטילערהייט בין איך זיי נאָכגעגאַנגען.

דער רבי האָט דאָך דערפיהלט: מענסט נאָכגעהן, — מאַכט ער, — שמעיה, היינט וועסט דו אויך זעהן... דער בריסקער רב וועט אויך זעהן... שמחת תורה וועט איהר זעהן... איהר וועט זעהן, אמת'ע שמחת תורה!

און איך האָב געזעהן דאָס אייגענע, וואָס אַלע שמחת תורה, נור איך האָב אַנדערש געזעהן... ווי אַ פאָרהאַנג איז מיר אַוועקגעפאַלען פון די אויגען.

אַ גרויסער, ברייטער הימעל — ממש אין־סוף, און בלאָה, אַזוי העל־בלאָה איז דער הימעל געוועזען, אַז עס האָט מחיה געוועזען דאָס אויג. איבער'ן הימעל זענען געשוואוממען ווייסע,

ממש זילבערנע, וואָלקענדלעך, און אַז מען האָט זיך אין זיי איינ-געקוקט, האָט מען געזעהן, ווי זיי ציטערן ממש פֿאַר פרייד, ווי זיי טאַנצען אונטער מיט שמחת תורה! הינטען ווייטער האָט אַרומגענומען די שטאָדט אַ גרינער, ברייטער גאַרטעל, אַ טונקעל גרינער, נור דאָס גרינע איז געוועזען לעבענדיג גרין, אַזוי לעבענדיג, גלייך עס וואָלט אַ„חיות" אַרומגעפלויגען צווישען די גראָזען; וואָס אַ מאָל, האָט זיך געדאַכט, פלאַמט ערגיץ אַנדערש אויס אַ חיות, אַ געשמאַק, אַ לעבען; — מען האָט געזעהן בחוש, ווי די פלעמלעך שפּרינגען און טאַנצען צווישען די גרעזעלעך... גלייך זיי האָלזען זיי און קושען זיי...

און אויף די לאָנקעס מיט די פלעמלעך האָבען זיך אַרומ-געדרעהט כתות און כתות פון חסידים... די אַטלאַסענע און אפילו די לאַסטינגענע קאַפּאָטעס האָבען געבלאַנקט ווי די שפּי-געל, די צעריסענע ווי די גאַנצע... און די פלעמלעך, וואָס האָבען זיך אַרויסגעדיסען פון צווישען די גרעזעלעך, האָבען זיך געחאַפּט און געציפּעפּט אָן די שפּיגעלדיגע בגדי יום טוב, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טאַנצען אַרום יעדען חסיד, מיט התלהבות, מיט ליעבשאַפט... און אַלע כתות חסידים האָבען געקוקט מיט וואונדערליך דאָרשטיגע אויגען אַרויף צום רבינס גאַניקל... און די דאָרשטיגע אויגען, האָב איך געזעהן ממש בחוש, זויגען פון גאַניקל, פון רבינס פנים, די ליכט, און וואָס מעהר ליכט זיי האָבען געזויגען, העכער געזונגען האָבען זיי... אַלץ העכער און העכער... אַלץ לוסטיגער, אַלץ הייליגער...

און יעדע כתה האָט זיך געזונגען איהר נגון, נאָר אין דער לופט האָבען זיך די אַלע נגונים מיט די אַלע קולות אויס-געמישט; און צום רבינס גאַניקל איז צוגעקומען איין זמר, איין נגון... גלייך אַלע זינגען איין זמר. און אַלע זינגען — דער הימעל זינגט, די גלגלים זינגען, און די ערד פון אונטען זינגט, און די נשמה פון דער וועלט זינגט — — — אַלץ זינגט!

רבונו של עולם! איך האָב געמיינט איך צוגעה אין מתיקות...

עס איז אָבער נישט בעשערט געוועזען.

— מען דאַרף מנחה דאַוונען! האָט פּלוצלים דער בריסקער רב אַרויסגעזאָגט שאַרף; און אַלץ איז פערשוואונדען געוואָרען...

שטיל — — דער פאָרהאַנג איז מיר צוריק געפאַלען פאַר די אויגען: אויבען — אַ פּשוט'ער הימעל, אונטען — פּשוט'ע פּאַשע, פּשוט'ע חסידים אין צוריסענע קאַפּאָטעס... אַלטע צוריסענע שטיקלעך נגונים... אויסגעלאָשען די פּײַעמלעך — איך קוק אויפ'ן רבין, זיין פּנים איז אויך חשך — — —

---

זיי האָבען זיך נישט אויסגעגלייכט; דער בריסקער רב איז געבליבען אַ מתנגד ווי פריהער; מיט דעם איז ער אַוועקגעפאָהרען!

דאָך אַ פּעולה האָט עס געהאַט! גערודפט האָט ער שוין נישט. —

---

# פינפטע אבטיילונג.

# הִתְגַלוּת.

אָדער

## דִי מַעֲשֶׂה פוּן צִיעֶגֶנְבָּאק.

דערצעהלט האַט ר׳ נחמנ׳קע די מעשה אַ שבת־צו־נאַכטס, אײנגאַנצען אַ פאָר װאָכען נאָכ׳ן התגלות.

נתגלה איז ער געװאָרען, װי דער סדר עולם איז, על פי מקרה: עס קומט אַ יוד צו אַ יודענע און האַפּט אָן ביי אַ פאָ־לע און שלעפּט אַראָב פון די עולמות העליונים; איין עצה דאַרף ער: װעגען פרנסה, װעגען אַ שדוך פאַר אַ בוגרת, אַ רפואה פאַר אַ מקשה לילד צו אַזוי אויף אַ מחלה שלא תבא... און גנה זאָג אָב אַ יודען! האַפּט מען זיך אַרויס אַ װאָרט, װערט עס מקוים, איין מאָל, דאָס צװייטע מאָל — שװימט עס אַרויס, װי בוימעל אויפ׳ן װאַסער, ציהט מען שוין פון אַלע זייטען...

דאָס אייגענע איז געװען מיט ר׳ נחמנ׳קען... ער האָט דען געװאָלט עמיצען עפּעס אָבזאָגען? — און מען איז געװאָהר געװאָרען; דער שטי־לער נר־תמיד האָט זיך צעפלאַקערט און לייכט שוין אין די גאַסען!

מילא, אין שטעדטעל װערט שוין אַ שמחה, אַ גדולה. פון איין צד — צרות פעהלען נישט, אַ גוטער יוד קומט צו ג־ין; פון צװייטען צד — װעט זיין פרנסה, מען זעהט שוין, אַז מען װעט קומען מארבע כנפות הארץ... און װי שװאָמען נאָך אַ רעגען װאַקסען שוין קליינע מופתים׳לעך, היימישע נסים־

לעד — אַז אַ מענש קאָן קיינעם נישט אָבזאָגען, און כל היוצא מפיו איז אַ דבר מלכות! לאָזט זיך שוין תיכף ומיד דער קלאַנג אַרוים אויף דער סביבה. אויף שבת מוז מען שוין אויסהאַקען צוויי ווענד, דעקט מען שוין אַ טיש איבער דריי שטיבער: שטאָדט־לייט, אורחים פון דערפער, פון אַרומיגע שטעדטלעך... מען שטעלט שוין וויינען, פירות; אַגב איז געווען יענם יאָהר אַ גערעטעניש אויף פירות...

און די שמחה וואַקסט מיט יעדען פנים חדשות. צו שלש סעודות קנאַקט שוין פון די פענסטער אַרויס אַ „בני היכלא", אַז די שטערענדלעך אין הימעל טאַנצען אונטער פאַר שמחה! גע־לויבט, זאָגט מען, איז זיין ליעבער נאָמען, מען מאַכט אַ טענ־צעל אַרום טיש... און ער, ר' נחמנ'קע, דער בעל שמחה אַליין, אויבען אָן און — גאָרנישט. צו הבדלה פאַלט ער גאָר אַריין אין עצבות — ממש די הענד ציטערן איהם, ער וועט נאָך אַרויסלאָזען דעם כוס מיט דער הבדלה פון האַנד... נאָך הבדלה פערזעצט ער זיך אין אַ ווינקעלע, זאָגט אָב פאַר זיך, וואָס מען דאַרף צו זאָגען, און פלוצלונג הויבט ער זיך אויף און געהט אַרויס פון שטוב.

וויל דער עולם, פערשטעהט זיך, נאָכגעהן; דרעהט ער זיך אוים און ווינקט אויף ניין; בלייבט מען. לאָזט מען זיך צו צום פענסטער, זעהט מען, ווי ער געהט איבער'ן מאַרק און לאָזט זיך פון שטעדטעל אַרויס, אַיינגעבויגען, וואַקעלדיג, ווי איין אמת'ער שרוי בצער.

פאַלט אויף אַלע אַ מרה שחורה.

טייל זעצען זיך צוריק צו'ם טיש, אַנדערע געהען אויף און אָב, נאָך אַנדערע געהען אַ היים... דער עולם, וואָס איז געבליבען, וויל זיך נעהמען זינגען די „אליהו'ס" — עס זינגט זיך נישט; מען שיקט נאָך אַ ביסעל משקה—עס טרינקט זיך נישט!

— וואָס? ווען? וואָס פעהלט אַזאַ יוד?

— מיט פרנסה — פאַלט אַריין אַ גראָבער פליענעל — איז ער שוין פערזאָרגט ! וואַרפט מען, מן הסתם אויף איהם איין אויג, אַז דער מוטערס מילך ווערט איהם ענטרינען, די שאלה בלייבט דאָך אָבער שאלה ! —

— אַז אַ יוד קומט אין אַזאַ מדרגה — זאָגט מען — דאַרף ער זיין אָנגעגאָסען מיט שמחה !

באותו מעמד איז געווען איינער ר׳ יהושע, אַ פאַרצעווער מלמד, נאָך מרואי פני המלך — פון בעל-שם׳ס לייט, אַ מזג טוב, ממש אַ מענש אָהן אַ גאַל, ווערט דער ר׳ יהושע בייז :

— עצבות —· שטאַמעלט ער, נעבעך אַ כבד פה געווען — וואָס הייסט עצ-עצ-עצבות — אַז אַ יוד קומט צו׳ן אַזאַ מדרגה און קאָן יודען טובית טהון — ברעכען, ווי זאָגט מען עס, אַ גזר דין . . . האַ ? וואָס ?

— אַ ודאי ! — איז מסכים דער עולם. וועניג האָט ער שוין געהאָלפען ? — און מען הויבט אָן דערצעהלען מעשיות. ווייזט זיך אויס אַז במשך פון דער קורצער צייט האָט ער שוין אַ סך פועל יוצא געווען . . . מילא, די מעשיות וויל איך אייך נישט איבערדערצעהלען — אַ טפה מן הים קעגען דעם, וואָס שפעטער איז געווען . . . נאָר די מעשה פון דער ציעג מוז איך אייך דערצעהלען, ווייל דאָס בעווייזט, ווי גרויס ענו, ווי ווייט לב טוב ער איז געווען !

אין שטעדטעל איז געווען איין אַלטע יודענע, איין אַלמנה, אַ פשוט׳ע, עפיס אַ שניידערס איין אַלמנה. האָט זי, די אַלמנה, געהאַט אַ ציעג. האָט זי געלעבט פון דער ציעג. די גאַנצע ציעג איז ווערטה געווען אַ שמעק-טאַבאַק, נאָר איין אַלטע יודענע, — האָט זי חיונה פון דער ציעג. איז איהר שפעטער אָבער שווער געוואָרען צו מעלקען די ציעג; אַ יודענע אויף דער עלטער, האָבען איהר, לא עליכם, די הענד געציטערט, האָט זי פערגאָסען עטליכע טראָפען מילך. אימשטיינס געזאָגט,

וויפיעל מילך די גאַנצע ציעג האָט געהאַט — חאַפּט זי און שלעפּט זיך צו ר׳ נחמנ׳קען, באשר די ציעג איז אַ שלעכטע ציעג, האָט קיין דרך ארץ נישט פאַר אַ אַלטער יודענע, און לאָזט זיך נישט רוהיג מעלקען... הערט ער זי אויס און שמייכעלט; זאָגט ער איהר: געה אַהיים, יודענע, וועסט געהאָלפען ווערען... און זי איז געהאָלפען געוואָרען... דאָס הייסט, די הענד האָבען איהר נישט אויפגעהערט צו ציטערן, אַ זקנה מופלגת געווען, איין אַכציגערן אַודאי, אפשר מיט אַ שמיץ — נאָר די ציעג איז נאָר איין אַנדער ציעג געוואָרען, האָט אָנגעהויבען אַליין צו קומען זיך מעלקען צו דער צייט, און פלעגט זיך אַליין אַנידערשטעלען, אויפהויבען אַ פיסעל און שטעהן אַזוי ביז׳ן לעצטען טראָפּען מילך!

נאָך דער מעשה פון דער ציעג וויל נאָך עמיצער עפּיס דערצעהלען, דאַכט זיך אַ מעשה מיט צער גדול בנים, ער הויבט אָן, הערט זיך אָבער אַ קול פון יענער זייט פענסטער:

— נאָך אַמאָל גוט־וואָך, יודען!

דעם רבינ׳ס קול.

גיט זיך דער עולם אַ לאָז צום פענסטער. שטעהט ער, ר׳ נחמנ׳קע, מיט דעם עלענבויגען אָנגעשפּאַרט אויף דער לייסט פון פענסטער, דער קאָפּ אויף די הענד, די אויגען לייכטען איהם משונה־גוט, נאָר אַלץ נישט פרעהליך. —

— איך וועל אַייך דערצעהלען, — זאָגט ער, — אַ מעשה... עס זאָל אַייך נישט וואונדערן...

וויל מען איהם אַרויסדערלאַנגען אַ בענקעל, לאָזט ער נישט; ער וויל שטעהן. לויפט אַרויס אַ האַלבער עולם און שטעלט זיך הינטער איהם. שטעהט ער אַזוי ביי׳ם פענסטער, אין אויבען אין דער הויך שטעלט זיך איהם די לבנה, ווי אַ קרוין איבער׳ן קאָפּ... און אַזוי שטעהענדיג האָט ער דערצעהלט די מעשה פון ציעגענבאָק וועגען ענין פון התגלות...

— אַ מאָל, — האָט ער אָנגעהויבען, און דאָס קול איז געווען אָנגעזאַפּט פון עצבות — איז געווען אַ ציעגענבאָק.

אין פלוג, אַ ציעגענבאָק ווי אַלע ציעגענבעק, אפשר נישט... עס האָט'ן קיינער נישט געמאָסטען... עס האָט'ן קיינער נישט געקענט.

וואָרום ליעב האָט ער געהאַט התבודדות; ער האָט זיך קיינמאָל אין רשות הרבים נישט געוויזען... געווען אַ בכור און אפשר נישט קיין בכור...

געווען איז אונטער דער שטאָדט איין אַלטע חורבה... פון דור דורות אַ מפולת. געזאָגט האָט מען, און עס איז, אַ פנים, אמת געווען: אַ חורבה פון אַ מקום־קדוש, אַ שול צי אַ בית־המדרש... אַ מאָל האָט מען דאָ געדאַווענט, תורה גע־לערנט, און אפשר, ווען דאָס מקום קדוש איז חרוב געוואָרען, איז עמיץ דאָ אומגעקומען אויף קדוש השם... אַלטע מעשיות... היינט וואַקסט אויף דער חורבה גראָז... משונה גראָז..., גאָטס גראָז, קיינער זייעט עס נישט, קיינער שניידט עס נישט...

אָט אין דער חורבה האָט דער ציעגענבאָק געוואָהנט, דאָס גראָז האָט ער געגעסען...

און אויף אַזוינע חורבות, ווי געזאָגט, וואַקסט משונה גראָז — אַ סגולה אויף הערנער... פון אַזאַ גראָז וואַקסען זיי געשווינד און הויך, הויך... און נאָך אַ סגולה האָט דאָס גראָז: די הערנער, וואָס וואַקסען דערפון, זענען לעבעדיגע הערנער: זיי לאָזען זיך איינדרעהען און בעהאַלטען זיך און אויסגלייכען און נתגלה ווערען...

וואָרום אַז זיי זענען איינגעדרעהט, איז גאָרנישט! ליעגען זיי שטיל, ווייסט קיינער נישט עד היכן הדברים מגיעים... גלייכען זיי זיך אָבער אויס, קאָן זיין עד לב השמים!

און דער ציעגענבאָק איז נאָך אַ גרויסער נזיר געווען. איין

אָבגעהיטענער **נזיר**: ער האָט קיין אַנדער גראָז אין מויל אַריין נישט גענומען, קיין צופּ נישט געטהון... נאָר חורבה־גראָז... אויך נישט פון דער גאַנצער חורבה... ער האָט זיך פערשטאַנען אויף גראָז, און אויסגעקליבען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, הן אין געשמאַק, הן אין ריח... און ער איז אַ גרויסער, אַ גרויסער מבין געווען אויף גראָז: דאָס, האָט ער עפּיהלט, וואַקסט אויפ'ן אָרט פון תורה לשמה... יענס — פון תּפלה בכונה, און דאָס איז גאָר פון בלוט, פון יודיש בלוט, וואָס איז פערגאָסען געוואָרען על קדוש השם... און דאָס האָט ער דער עיקר געזוכט...

זענען טאַקי די הערנער געוואָקסען און געוואָקסען...

און די הערנער האָט ער געהאַלטען פערדרעהט, אַ נזיר געווען און אַ נסתר... נאָר אין מיטען דער נאַכט, ווען דאָס שטעדטעל שלאָפט, און פרומע יודען זענען אין שולען און בתי מדרשים און זאָגען חצות, און דורך די פענסטער פון שולען און בתי מדרשים רייסט זיך אַרויס דאָס האַרץ־וועהטאָג פון „על נהרות בבל" און צוגיסט זיך צווישען הימעל און ערד, דעמאָלט חאַפּט אָן דעם ציעגענבאָק אַ היים־בייסענדיג בענקעניש, שטעלט ער זיך אויף די הינטערשטע פיס, גלייכט ער אויס די הערנער, ציהט זיך אַרויף, אַרויף, און אויב עס איז נאָך אַ יונגע, ערשט געבענטשטע און געהייליגטע לבנה פערוואַרפט ער די שפּיצען איבער איהר אונטערשטען עק, פערהאַלט זי און פרעגט:

— וואָס הערט זיך דאָרט הייליגע לבנה? נאָך נישט צייט, משיח זאָל קומען?

און די לבנה חזר'ט איבער די שאלה פאַר די שטערען און די שטערען ווערען ווי פערציטערט, און פערהאַלטען זי אין איהר וועג. און עס ווערט שטיל. שטיל בלייבט די נאַכט, איהר זמר האַקט זיך אָב... וואונדערט מען זיך אויבען, ביי'ם כסא הכבוד, וואָס מען הערט נישט די שירה פון דער נאַכט,

שיקט מען אראָב געוואָהר ווערען, וואָס עס קען זיין, ברענגט דער שליח די תשובה, אז לבנה און שטערען פערהאַלטען זיך און פרעגען, צי עס איז נאָך נישט צייט אויסגעלייזט צו ווערען...

זיפצט מען, ביי׳ם כסא הכביד...

און אַזוינס קאָן אַ פעולה האָבען...

---

און דאָ האָט זיך ר׳ נחמנ׳קעס קול אָבגעריסען...

ער פערשטעלט זיך דאָס פנים מיט די הענד, און דער קאָפּ מיט די הענד, זעהט מען בחוש, ווי זיי ציטערן, און די לבנה אין דער הויך, וואָס האָט זיך געשטעלט ווי אַ קרוין איבער זיין קאָפּ, דאַכט זיך, ציטערט אויך... און ערשט נאָך אַ ווײַלע האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, עס האָט זיך בעוויזען נאָך אַ בלאַסער פנים, און מיט אַ וואונדערליך פערציטערט קול האָט ער ווייטער דערצעהלט:

— און דאָס, — זאָגט ער — וואָס ער, האָט זיך דאָ געהאַלטען, איז שוין אויך געווען אַ גרויס חסד פון איהם...

אַין אַנדערער, האָסט אַזוינע הערנער, פערציעפעסט די לבנה, שפּרינג אונטער, מאַך אַ קאָזיאָלעק אַרויף... און הימעל אַריין, לעבעדיגערהייט אין גן עדן אַריין... וואָס געהט דיך אָן?

איז ער אַ בעל-רחמים; איז איהם די קהלה אַ שאָד; וויל ער זי נישט פערלאָזען... פון צייט צו צייט — הונגער-יאָהרען, די קהלה הויבט אָן אָבצופאַלען, ווייבער פערקויפען פון זיך אַראָב דאָס ציערונג, מענער — די עטרות פון קיטלען און טליתים... חנוכה-לעמפּלעך, שבת-לייכטער, בגדי שבת ויום-טוב — וואַנדערן פון שטעדטעל אַרויס... און עס ווערט ערגער... מען נעהמט תינוקות של בית רבן פון חדר אַרויס; נישט דאָ קיין רבי געלד צו צאָהלען... מען הויבט אָן פאַבען מיט די

נשמות — עס קומען תחלואים רעים פאַר, הונגער, און דעמאָלט מוז ער העלפען!

פאַרהאַן אין הימעל אַ „מילך־וועג”, אַזוי רופען די שטע־רענזעהערם די ווייסליכע פלעקען, וואָס זענען צעוואָרפען אויפ'ן הימעל. עס איז אָבער קיין וועג נישט... קיינער געהט נישט, קיינער פאָהרט נישט דאָרט...

פעלדער זענען עס. גרויסע, גרויסע פעלדער, פערזוייעטע מיט טייערע שטיינער, מיט אבנים טובות ומרגליות, אין לשער ואין לספר — אבנים טובות ומרגליות אויף קרוינען פאַר צדיקים אין גן עדן אַריין... קיינער רעכענט נישט, קיינער צעהלט זיי נישט — כחול הים! זיי וואַקסען און וואַקסען, די אבנים טובות ומרגליות, זיי ווערען וואָס אַ מאָל מעהר, צדיקים — וואָס אַ מאָל ווענינגער — זאָלען זיי זיך וואַקסען! פערשפרייטען זיך די פעלדער.

און אַז דאָ איז כלו כל הקצין, און דער גזר דין לאָזט זיך, חס ושלום, נישט ברעכען... געהט ער, דער בעהאַלטע־נער בעל־הבית פון די לעבעדיגע הערנער, אין אַ שטילער מיטער־נאַכט, ווען דאָס שטעדטעל שלאָפט און פון שולען און בתי מדרשים שווימט אַרויס אַ שטיל געוויין אויף גלות ישראל און גלות השכינה, — און שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס, און גלייכט אוים די הערנער און פערוואַרפט די שפיצען צו'ם מילך־וועג אַרויף, און פערציעפעט און רייסט אוים איין אבן טוב, און וואַרפט עס אין מיט'ן מאַרק אַריין, צעשפריצט זיך אַזא אבן טוב אויף טויזענדער שטיקלעך, געהען יודעלעך אַהיים פון חצות, פינקעלט דער מאַרק פון אבנים טובות, געפינען זיי כשר'ע מציאות, איז דאָ פרנסה אויף אַ צייט...

דעריבער קאָן ער נישט אַרויף.

---

און ווייטער רייסט זיך אָב זיין קול און נאָך אַ ווײַלע הויבט ער ווייטער אָן:

— „און דאָס רחמנות האָט'ן איבערגעפיהרט"..

דורכ'ן גוטקייט איז ער נתגלה געוואָרען; נישט ער — די הערנער...

און דורך אַ קליינינקייט. דורך טאַבאַק שמעקען...

און וואונדערליך האָט אָנגעהויבען קלינגען דאָס קול ביי'ם סיף פון דער מעשה, און מען ווייסט נישט, צי לאַכט עס, צי וויינט עס?

— איבער טאַבאַק שמעקען, — זאָגט ער, — עס איז אַ מנהג געוואָרען צו שמעקען טאַבאַק... עס ווערט, זאָגט מען, ליכטיג אין די אויגען. נו, אַז מען שמעקט טאַבאַק, דאַרף מען פושקעלעך, שקעטעלעך... זוכט זיך אַ יוד אַ שטיקעל האָרן, געפינט ער אין מיסט, הויבט ער אויף און מאַכט זיך אַ שקעטעלע... געהט איין אַנדערער און טרעפט אַ ציעג צי אַ בהמה און בעט אַ שטיק האָרן, קריגט ער אַ זעץ אָן אַ זייט... מאַכט זיך אָבער, אַז אַ יוד טרעפט אויפ'ן ציעגענבאָק, גראָד פאַרביי־געגאַנגען דער חורבה, בעט ער:

— בכור, צי נישט בכור, האָסט אַזוי פיעל האָרן, שענק מיר דערפון אַ שטיקעל אויף אַ פושקעלע!... קאָן ער נישט אָבזאָגען — שניידט דער יוד אָב אַ שטיקעל... קומט ער אין בית המדרש אַריין אין איז מכבד מיט אַ שמעק־טאַבאַק, פרעגט מען איהם, וואו ער האָט בעקומען אַזאַ פיינעם האָרן, זאָגט ער... געהט שוין קינד און קייט בעטען... ווער עס שמעקט טאַבאַק... קאָן ער נישט אָבזאָגען... בויגט ער פאַר יעדען איין דעם קאָפ, שניידט מען האָרן אויף פושקעלעך... ווער עס קומט, בויגט ער איין דעם קאָפ: שנייד... און דער האָרן קריגט אַ שם, פון דער סביבה קומט מען נאָך האָרן... מען וועט קומען פון כל תפוצות ישראל... עס וועט זיין פושקעלעך און שקעטעלעך... נאָר אָנ־

האפען זיך אָן דער לבנה און פרעגען אויף משיח'ן וועט באַלד נישט זיין מיט וואָס... אפילו קיין אבן טוב וועט נישט זיין מיט וואָס אַראָבצוואַרפען...

און ער האָט אָבגעהאַקט, איבערגעדרעהט זיך פון עולם און איז אַוועקגעגאַנגען...

באותו הרגע האָט אַ וואָלקען פערשטעלט די לבנה, און אַ מרויער און כמעט אַיין אֵימה איז אויפ'ן עולם געפאַלען...

כידוע, האָט זיך עס פון דעסטוועגען אויסגעלאָזט צו'ם גוטען.

# ר׳ נַחְמָן׳קְס מַעֲשִׂיּוֹת.

## דָאס בְּלָאנְדְזֶען אִין מִדְבָּר.

### I.

נָאך וָואס און וֶוען

ר׳ נַחְמָן׳קֶע פְּלֶעגט דֶערְצֶעהְלֶען מַעֲשִׂיּוֹת.

די מעשיות פלעגט ר׳ נחמן׳קע דערצעהלען מוצאי שבת נאָך הבדלה.

און וויסען דאַרף מען, אַז תכלית המעשיות איז געווען, ערשטענס מגלה צו זיין סתרי תורה, וואָס מען קען נישט מסביר זיין, נור בדרך משל, און צווייטענס — צו פערטרייבען די מרה־שחורה, דאָס עצבות און בענקעניש צו דער נשמה־יתרה, וואָס טהוט זיך אָב אויף אַ גאַנצע וואָך.

די בשמים, פלעגט ער זאָגען, גיבען זייער ריח פאַרן גוף, די מעשה׳לעך — פאַר די נשמה, פאַר די פער׳יתומ׳טע, וואָבענדיגע נשמה.

וואָרום דאָס בענקעניש צו דער נשמה יתרה איז געווען ביי אונז אין לשער. ער פלעגט זאָגען: ווען אַ יוד האָט די נשמה־יתרה אַ גאַנצע וואָך, וואָלט ער אַ גאַנצע וואָך געהאַט בטחון, און ממילא — פרנסה.

און דאָס קול, מיט וועלכען ער פלעגט די מעשה׳לעך דער־צעהלען, איז נשתנה געוואָרען לויט דעם ענין, לויט דעם תוך

פון מעשה׳לע, עס האָט זיך אָנגעהויבען מיט איין עצבות פון איין „אל מלא רחמים״, און עס האָט געקענט קומען צו דער שמחה פין אַ „היום־תאמצנו״, אָדער גאָר דערגרייכען צו דער מדרגה פון דער הייליגער גבורה פון אַ „יגדל״.. נור די מעשה פון זיין בלאָנדזען אין מדבר האָט ער אָנגעהויבען מיט עצבות און געענדיגט מיט עצבות...

וואָרום עס איז איין אויסטערלישער מוצאי שבת געווען; אויסטערליש ווי דער שבת אַליין.

אַ גאַנצען שבת האָט מען זיך, כמעט אומזיסט, געבאָרעט מוט דער מרה־שחורה... ערשטענס, איז אַ קליינער קבוץ געווען, הן בכמות, הן באיכות — עס איז שוין געווען די התחלה פון מחלוקת צווישען ר׳ נחמן׳קען און אַנדערע צדיקי הדור, האָט זיך דער עולם אַ ביסעל דערשראָקען און זיך געהאַלטען פון ווייטען; עס האָט אויסגעזעהן, רחמנא ליצלן, ווי אַ חורבן. „מיינע חיילות — האָט ר׳ נחמן׳קע געזאָגט — קענען נאָך קיין פולווער נישט שמעקען״. און צווייטענס איז דער טאָג אַליין אָנגעזאָפט געווען מיט אומעט.

אין דער פריה — מקוה־צייט — האָט זיך געדאַכט, — קיין מעשה נישט: אַ זון, אַ ביסעל קאַלטליך, נור אַ זון. עס האָבען זיך בעוויזען עטליכע חמאַרעס, האָט זיך געמאַכט אַ ווינטעל, און האָט זיי צוריסען אויף שטיקער און צוויטען, און אָבגעטריבען פון דער זון. „זה ינחמנו״ — האָט ר׳ נחמן׳קע געזאָגט, ווייזענדיג אויף די זון, עס האָט זיך אָבער נישט אויסגעפיהרט: די שטיקער און צווטען האָבען זיך צוריק מצטרף געווען, און צו שחרית איז שוין דער הימעל געווען איבערגעצויגען מיט אַ פּרוכת, ווי אויף שבת חזון. דער ווינד האָט נישט אויסגעפיהרט; האָט ער אָנגעהויבען זאָגען קינות. מיר זיצען ביי׳ם טיש און זינגען זמירות, דער ווינד אין דרויסען זאָגט קינות. און די שויבען אין די פענסטער האַלטען אונטער, און מיט אַזאַ מין עצבות, אַז עס האָט אונז אַראָבּ־געפיהרט אויף סאַמע ימים־נוראים׳דיגע נגונים...

צו שלש סעודות האָט זיך — איך געדענק עס ווי היינט — דער ווינד געלעגט, און עס האָט אָנגעהויבען אַ גאַס־רעגען, ווי

אויף א מבול, חס ושלום! און עס האָט שוין אַזוי גערעגנט און גערעגנט, אַז „אין יוצא ואין בא", און קאָפּ אויף קאָפּ זענען מיר געשטאַנען ביי'ם רבין אין שטוב...

באַלד נאָך הבדלה האָט ר' נחמן'קע פערדרויכערט די ליולקע. כידוע, איז דאָס רויכערן ביי ר' נחמן'קען שטענדיג געווען א מין עבדות. ער פלעגט קיינמאָל נישט רויכערן, נישט לשם תענוג, נישט לשם רפואה, נור עפּיס פּועל־יוצא צו זיין. דאָס וויים איך מפּיו הקדוש. נור דעמאָלט האָט מען געזעהן בחוש, אַז פּיט'ן רויכערן האַלט ער ממש מלחמה, אַז ער ראַנגעלט זיך; די רינגען זענען אַרויס מפּיו הקדוש, טאַקי „כחצים מיד גבור"... שטעהן שטעהט „ביד", נור עס איז אַלץ איינס...

ווי געזאָגט — „אין יוצא ואין בא". דער עולם שטעהט אַרום און אַרום און ר' נחמן'קע זיצט אין דער מיט, אין סאַמע־ראָדנע מיט, אויפ'ן רויט־סאַמעטענעם פאָטער־שטוהל — א מתנה פון א דאַנציגער סוחר — און פּיפּקעט. און וואָס מעהר ער האָט געפּיפּקעט קלענער איז געוואָרען דימרה־שחורה, און עיניו הקדושות האָבען שוין גע־געהויבען לייכטען און פינקל'ען, כמנהגם. און עס האָט אָנגעהויבען פון זיי אַרויס צו שיינען און אַרויס צו בליצען דער שטאַרקער רצון און די אמת'ע גבורה פון איין אמת'ן צדיק־הדור, וואָס ווייסט, אַז סוף כל סוף, אויספיהרען מוז ע ר! אַז ער איז פּ אָ ר ט דער רעדעל־פיהרער, דאָס אויבערשטע פון שטויסעל—דער מנהיג הדור, וואָס האָט גאָר קיין חשק נישט, אַרויסצולאָזען די לייצען פון האַנד...

און אַז דער עולם אַרום האָט דאָס דערזעהן, האָט ער געמאַכט יד אחת, און עס איז געוואָרען א גיפּיפּקעריי! — טאַקי אין לשער! און דער עתר ענן הקטורת האָט זיך געהויבען, און געהויבען, און ר' נחמן'קעס אויגען האָבען אָנגעהויבען לייכטען ווי די שטערן... און די ליכט אין די לייכטער און „שאַבאַשניקעס" זענען גרין און געל געוואָרען פאַר בושה, און אין רויך איז פערשוואונדען, נעלם געוואָרען די סטעליע, און דער עולם האָט דערפּי'הלט, אַז מען האָט איבער זיך איין אָפּענעם הימעל... און מען האָט ממש געהערט דאָס רוישען פון די פליגעל איבער די

קעפּ, און מען האָט געוואוסט, אַז דאָס רוישען די פליגעל פון די מלאכים, וואָס זענען געקומען צו שוועבען ממלא צו זיין דעם חסרון פון קביץ, און אַז זיי וואַרטען עס און בענקען גלייך מיט אונז צו׳ם רבינ׳ס מעשה׳לעך.

און ער האָט אָנגעהויבען...

## II.

## וועגען בּלאָנדזען.

איינמאָל, — האָט ער אָנגעהויבען שטיל — האָב איך געבלאָנדזעט.

און צוגעגעבען האָט ער, אַז עס איז ביי איהם געוועזען נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס לעצטע מאָל.

און גרעסערע פון מיר — זאָגט ער — האָבען געבלאָנדזעט. אין לשער זיין עניוות!..

און עס איז קיין חדוש נישט.

מי לנו גדול ממשה?

נעמט משה רבנו און שלאָגט אַ שטיין...

צי ווייסט נישט משה רבנו, אַז אַ שטיין לעבט, אַז עס איז אַ צער־בעלי־חיים?

צי ווייסט ער נישט דעם סוד פון: „אבן מקיר תזעק״ — אַ שטיין פון דער וואַנד וועט שרייען? אַז כמה וכמה פעמים געהט גאָר אַ מענש און פערגעסט און ערשט אַ שטיין, אַ גל־עד, אָדער גאָר אַ פשוטע מצבה דערמאָהנט איהם?

ער האָט געבלאָנדזעט! די שכינה איז נסתלק געוואָרען אויף אַ רגע, האָט ער געבלאָנדזעט!

און ווער בלאָנדזעט נישט?

אפשר אַ מתנגד?

דאָס הייסט: ער בלאָנדזעט אויך, נאָר נישט מיט זיין אייגענער כונה, און — נישט אויף זיין אייגענעם חשבון!

ער בלאָנדזשעט לויט בינה פון אַ ספר, אויפ׳ן חשבון פון אַ פּוסק! ער אַליין — נישט! ער געהט נאָר אויפ׳ן אויסגעטרעטענעם וועג, פון קדמונים׳ס פיס אויסגעטרעטען! און האַפּט זיך דער וועג אַראָב אָן אַ זייט, איז — „אבותינו חטאו״ — די, וואָס האָבען אויסגעטרעטען דעם וועג! איהם אַליין וואָלט עס גאָר נישט איינגעפאַלען!

אָבער אַזוי — בלאָנדזשעט מען!

עס געהט אַרום אַ מענש אין גאַס מיט אַ צדקה־פּושקע אין דער האַנד, אויף מעות חטין, למשל. פּורים און חנוכה זיצט אַ נגידישער מענש ביי׳ם ביימעל מיט געלד און טהיילט: פאַר פּורים־שפּילער, פאַר כלי־זמר, פאַר אַלמנות ויתומים און אַזוי אָרעמע לייט... עס שטעהט גאָר אַ שליח־צבור ביים עמוד און רייסט איין וועלטען! עס פערטיעפט זיך גאָר אַ בר־נש אין קבלה־מעשיות און איז ממש מחיה מתים... און באמת איז עס גאָר נישט דער מענש אַליין, נאָר אַ שאָטען פון אַ מענש, און ער אַליין, דער מענש, בלאָנדזשעט, רחמנא יצילנו, אַרום אין אַ מדבר... אויף אַ וויסט אָרט, אָהן וועג און שטעג, אָהן וואַסער, און טהייל מאָל, אָהן אַ הימעל איבערן קאָפּ!

אַ מענש איז זיך גאָר משמח: ער זאָגט חדושי־תורה און האָט הנאה! ער האַלט גאָר אַ שטורקאַץ, אַ ברענענדיגען שטורקאַץ, צי איין הבדלה אין דער האַנד — ער פיהרט צו דער חופה זיין איינציגע, אָדער פרעמדע, אָרעמע קינדער... צי ער שטעהט גאָר מיט אַ גדלות פאַר׳ן עולם, און זאָגט „אתה הראית״! ער איז זיך גאָר מוסר נפש און קומט אום על קדוש ה׳ם... און דאָס אַלץ, רחמנא ליצלן, טהוט דער גוף, און די נשמה וואַנדערט באותה שעה אַרום אונטער די הרי־חושך... אַ צושראָקענע, אַ פערמאַטערטע, אַ פערשוואַרצטע און אַ פערציטערטע פאַר קעלט...

# III.

## דֶער עָנָין פוּן בְּלָאנְדְזֶען אִין מִדְבָּר.

— הכלל, — האָט ער אָבגעזיפצט — איך האָב פער־בלאָנדזעט.

און ווען?

ביי שחרית, ביי דער „ד'‟ פון אחד...

איך בין טיעף אריין אין דער „ד'‟ מיט אַ כונה פון דער ר ע כ ט ע ר זייט, און ארויס בין איך אין דער לינקער זייט — גלייך אין מדבר אריין.

און ווייסט איהר וואָס „בלאָנדזען אין אַ מדבר‟ בעטייט?

עס בלאָנדזען ארום אין אַ מדבר כפלים כיוצאי מצרים, און איינער זעהט דעם צווייטען נישט, און איינער הערט דעם צווייטען נישט, ווייל יעדערער בלאָנדזעט זיין אייגענעם וועג... מען בלאָנדזעט שטענדיג ביחידות, פערלאָזט און פערגעסען פון דער וועלט.

און טרעפט זיך, אַז צוויי וועגען זענען זיך נישט ווייט, און מען הערט אויף איין וועג אַ קרעכץ פון שברות הלב אויפ'ן צווייטען, אָדער עס לעגט זיך פון איין וועג אויפ'ן צווייטען אַ שאָטען פון אַ צובראָכענעם מענש... מיינט מען: אַ חיה רעה האָט געשריען, אַ שאָטען פון אַ חיה רעה האָט זיך געלעגט איבער'ן וועג, און מען ענטלויפט!

און האָט מען שוין אַ הימעל איבער'ן קאָפּ, איז עס אַ קאַלטער הימעל. קוקט ער אויף דיר מיט קאַלטע אויגען פון כוכבים ומזלות: „מיין דאגה‟ חייסט עס... אַ גרויסע זאַך, עס בלאָנדזעט אַ מענש! און עס איז נאָך אַ מין „לועג לרש‟. די כוכבים ומזלות זאָגען: מיר בלאָנדזען נישט! מיר געהען אונזער וועג... מיר זוכען קיין כוונות נישט! מען הייסט אונז געהן, געהען מיר; מען הייסט אונז לייכטען, לייכטען מיר — אמת'ע מתנגדים!

און ביחידות פיהלט מען זיך אַזוי פער'יתום'ט, אַזוי פער־

לאָזט, אַזוי דערשלאָגען, אַז עס ווילט זיך גאָר נישט אויפהויבען דעם קאָפּ צום הימעל!... מען קוקט אַראָב אויף די פּיס; אויפ'ן זאַמד, וואָס קייקעלט זיך אונטער די פּיס, אויפ'ן בית-עלמין פון פוילע געוויקסען און בלעטער — נשרפים פאַר דער צייט...

און איך וואָלט אפשר פערבלאָנדזעט ביז'ן שאול-תחתית אַריין, ווען נישט דער ספק. עס איז מיר פּלוצלונג איינגעפאַלען: טאָמער? טאָמער איז ביחידות קיין וועג נישט, קיין גאַנג נישט... אפשר איז גאָר די וועלט קיין מדבר נישט, דאָס לעבען קיין זאַמד נישט?

און דאָס איז טאַקי דער חלוק פון אונזער איינעם ביז אַ מתנגד.

אַ מתנגד האָט קיינמאָל קיין ספקות נישט; אויסגעטרעטענע וועגען!

ער זוכט קיין כונות נישט און בלאָנדזעט נישט. מען הייסט דאַוונען—דאַוונט ער, אַ פּרק משניות לערנען — לערנט ער... אַ מצוה טהון — טהוט ער... דערפאַר אָבער, פערבלאָנדזעט אַ מאָל אַ מתנגד, איז עד סוף כל הדורות! בלייבט ער שוין אין מדבר...

און זאַמד איז דער וועג שווער, שטעלט ער זיך אָב, זעצט ער זיך. נעמט ער אַרויס אַ סדור'ל און דאַוונט, אַ ספר און קוקט אַריין... און ער בלייבט שוין אַזוי זיצען. דער ווינד יאָגט איהם דאָס זאַמד אין פּנים אַריין, פערשטעלט ער זיך מיט'ן ספר, מיט'ן סדור'ל... און דער ווינד טהוט זיך זיינס: יאָגט און בעגראָבט איהם אין זאַמד...

און מחוץ למחנה, וועט ער אפילו דעם שופר של משיח נישט הערען... און דער מלאך פון תחית המתים, וועט איהם נישט געהן זוכען אין זאַמד פון מדבר. פערגעסען ווערד דער מתנגד...

איך בין אָבער געגאַנגען... און וואָס מעהר און געשווינדער איך בין געגאַנגען, קלאָרער איז מיר געוואָרען, אַז

איך בלאָנדזע, אַז נישט דאָ איז מיין אָרט, אַז מען מוז אַרויס פון זאַמד. מיט געשוואָלענע פיס בין איך געלאָפען ... אַלץ ווייטער, אַלץ ווייטער ... און דער הימעל האָט אָנגעהויבען צו קוקען אויף מיר מיט רחמים... הבא לטהר ... און פון צייט צו צייט האָט זיך אויף מיר אַ שטערנדעל מרחם געווען, ממש מוסר נפש געווען און האָט זיך אַליין אַראָבגעוואָרפען פון דער הויך, און אַראָב־פאַלענדיג, צופלאַקערט זיך, אום צו ווייזען מיר דעם וועג פון מדבר אַרויס...

עס איז אָבער נישט אַזוי געשווינד, ווי עס רעדט זיך...

אין נישט שטענדיג לאָזט זיך קוקען אין הימעל אַריין... אָפט איז דער הימעל פערשטעלט, פערשלאָסען, און עס בלייבט דיר נאָר זאַמד און זאַמד און אין מח — זאַמדיגע געדאַנקען...

און מיט דער צייט פליהען די אַלטע מחשבות, די מחשבות פון ישוב, דיר פון קאָפּ אַרויס, ווי די ווייסע טויבען פון אַ טויבענשלאַג... און די האָבען זיי נישט מיט וואָס צוריק צו פיהרען, און דו האָסט קיין קול נישט, זיי צוריק צו בעטען, צוריק צו רופען. און עס בלייבען נאָר די מדבר־מחשבות, מחשבות פון זאַמד און פון אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות מיט זאַמד!

משוגע צו ווערען! אַז אַ מענש ווייסט נישט מעהר, ווי „ברויט און ברויט!" איז עס אַ שגעון, בפרט — זאַמד און זאַמד.

איך טראַכט, למשל:

— עס האָט געמוזט דאָ ערגיץ זיין אַ ים; ווייל זאַמד איז נאָר בעשאַפען געוואָרען צו זיין אַ גרעניץ ביי'ם ים...

— זאַמד איז קיילעכדיג, ווי דאָס איי פאַר'ן אָבל; עס קייקעלט זיך, ווי דאָס מזל פון אַ בשר־ודם!

— און יודען זענען געגליכענט צו זאַמד... דאַרע, טרוקענע, צוואָרפענע קערנדלעך, איינס צום אַנדערן האָט נישט מיט וואָס, און קען זיך נישט בעהעפטען...

— און מיר וואָלטען געווען אַזוי פיעל, ווי אין מדבר דאָס זאַמד, ווען נישט גזירות, הריגות און שמדות...

— אין וואָס איז דען זאַמד? חוקרים זאָגען: אַמאָל איז געווען אַ פעלזען ביים ים, האָט איהם דער ים אונטערגעוואַשען, אומגעוואָרפען, און זידענדיגען קעסעל־גרוב אַריין בעקומען, און צוריבען, צומאָרשטען, און געמאַכט פון איהם זאַמד — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַזוי האָט ער נאָך לאַנג גערעדט וועגען זאַמד, און וועגען ענין פון בלאָנדזען אין זאַמד, ביז ער איז געקומען צום גוף המעשה.

---

## IV.

## אַ מַחֲנֶה פֿויגֶעל.

### און וָואס דֶער מֶלֶךְ פוּן דִי פוֹיגֶעל הָאט דֶערְצֶעהלְט.

נאָהנט צו דער צייט, ווען עס איז מיר בעשערט געווען, אויסגעלייזט צו ווערען פון טעות, האָב איך פלוצלונג אַ מחנה פון פויגעל דערזעהן.

און די מחנה איז געווען בצורת משולש, אַ דרייעק אויף גאַנצע מיילען, וואָס האָט זיך גערוקט פאַר מיר אין דער מדבר.

פון הינטען אַ ברייטע שורה פויגעל, מיילען די ברייט. נאָר וואָס ווייטער, ווערען די שורות אַלץ שמעלער און שמעלער, ביז צו איין פויגעל, ביז צום קאָפּ, ביז צום ראש פון דער מחנה, ביז צום מלך פון די פויגעל...

געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען, האָב איך געטראַכט, וואָס איך זעה עפּיס נייעס, אויסער זאַמד. און באַלד זענען מיר גאָר אַנדערע מחשבות אין קאָפּ אַריין געקומען:

פאַר וואָס איז די מחנה דרייעקיג?

און איך האָב באַלד פערשטאַנען פאַר וואָס.

על פּי דין ועל פּי יושר, דאַרף אַלץ זיין גלייך, אַלע שורות גלייך. די מחנה דאַרף דעריבער זיין אַ טרובע, פיער־

עקיג דארף זי זיין. זענען אָבער די, וואָס געהען אין די שורות נישט גלייך. און דעריבער, וואָס גרעסער עמיץ איז, שמעלער איז זיין שורה, ווייניגער חברים האָט ער; געהען אַלץ מעהר אונטער איהם און — אַלץ ווייניגער פאַר איהם... אין אַזוי געהט עס ביז צום מלך, וואָס געהט פריהער פאַר אַלע, און איז דעריבער אַזוי פיעל ווערטה ווי אַלע.

היינט — הדיוט קופץ בראש! ביי שנים כתקונם — געהט משה רבינו פאָראויס, אונטער איהם — נושאי כלים, אונטער די נושאי כלים — זקנים, דערנאָך — כהנים, לוים, צום סוף ערשט — ישראלים: די ברייטסטע שורה. און דאָס איז דער סוד פון „שקול משה כנגד כל ישראל"... ער איז געגאַנגען פאָראויס! פאַר איהם איז נאָר געווען דער עמוד ענן, צי דער עמוד אש, קיין לעבענדיגער מענש נישט!

דערנאָך וויל איך וויסען, פאַר וואָס פליהען נישט די פויגעלעך אונטערן הימעל אין דער הויך, ווי דער מנהג פון פויגעל איז?

און איך האָב „נעגעבען דאָס הארץ", און איך האָב מיך צוגעקוקט, און איך האָב דערזעהן, — אַז די פויגעל האָבען כמעט קיין פליגעל נישט, חאָטש זיי זעהען אויס ווי פויגעל...

מיליאָנען-מיליאָסען פון די לעצטע שורות האָבען קוים צייכען, קוים אַ זכר פון פליגעל... די פון די ערשטע שורות האָבען שטיקלעך אויסגעדאַרטע פליגעלעך, קליין און דאַר ווי די פליספעדערן ביי פיש... נאָר די הויכע, ריהרען קוים, קוים מיט די עקען פון די האַרטע פליגעלעך, און ווישען זיך טהייל מאָל אָב די מיילער בבחינת „אָכלה... ומחתה"... און דער מלך אַליין, וואָלט אויך געמענט מקנא זיין די ערגסטע און די פויל־סטע גאַנז... דעריבער פליהט מען נישט!

מען פליהט נישט און מען געהט אַפילו נישט, נאָר מען היפּט.

און געהן קען מען נישט, ווייל מען האָט פויגעל-פיס — דאַרע קורצע שטעקעלעך, נישט צום אויסבויגען...

און פון וואַנעט — קלער איך — ציהען זיי חיונה?

און איך קוק מיך צו, און זעה, ווי פון ציים צו צייט, בויגט, איין שורה נאָך דער צווייטער, איין די קעפ, וואַרפט אַ הונגעריגען בליק אויפ'ן זאַמד, גיט אַ שטאָך מיט'ן שנאָבעל, גראַבט אויס אַ נשרף — אַ בלאַט, אַ פערפוילט שטיקל צווייגעל, אַ געוויקסעל, וואָס גאָט ווייסט פון וואַנען עס קומט אין זאַמד פון מדבר אַריין, און וואַרפט עס זיך אין מויל אַריין ... און שלינגט איין ...

דערפון לעבט עס!

און ווייטער וויל איך וויסען, וואו אַהין די פויגעל ציהען? צי איז זייער וועג אויך מיין וועג, צי איך דאַרף זיי מיידען, און רעכטס אָדער לינקס? אייל איך מיך צו און קום צום שפּיץ פון דעם משולש, צום מלך פון די פויגעל.

און מלך בלייבט מלך; יאָ פליגעל, נישט פליגעל, עס קומט איהם זיין כבוד!

איך שטעל מיך אָב, מאַך אַ ברכה, נייג מיך מיט דרך ארץ, און דערנאָך פרעג איך, וואו אַהין ער פיהרט די מחנה?

ענטפערט ער מיר, דער מלך, אַז עס איז נאָך אַ ספק, צי ער שלעפּט די מחנה נאָך זיך, צי די מחנה שטופּט איהם פאַר זיך פאָר אויס. נאָר געהן געהט מען אויף מלחמה.

— אויף וועמען?

— אויפ'ן אַלטען הויז!

איך קוק מיך אום, און זעה נישט אויסער זאַמד און זאַמד.

דער מלך פון די פויגעל האָט זיך געשטויסען, וואָס מיין בליק בעטייט, און ער האָט מיר געזאָגט:

— דו געהסט געשווינדער פאַר אונז, און וועסט עס פריהער פאַר אונז דערזעהען!

— און וואָס ווילט איהר — פרעג איך — פון אַלטען הויז?

— אַלטע חשבונות! ענטפערט דער מלך, און דערצעהלט מיר אַ באָבע מעשה:

דאָס אַלטע גרויסע הויז, — וואָס דו וועסט דערזעהן פריהער פאַר אונז, ווייל דו געהסט געשווינדער פאַר אונז, — איז אַמאָל אַ גרויסער פּאַלאַץ געוועזען, און אין איהם האָבען אַ סך פריצים און פריצות געוואָהנט...

און די פריצים מיט די פריצות האָבען גוט געלעבט. עס האָט זיך געגאָסען וויין ווי וואַסער, עס האָבען זיך גאַנצע אָקסען געבראָטען, און ביים וואַלד — ביים פרישען גרינעם וואַלד, וואָס האָט אַמאָל געוואַקסען אַרום הויז — דאָס גאַנצע ווילדפרעט צוגענומען!

איז זיי נאָך וועניג געווען. האָבען זיי נאָך געוואָלט מוזיק צו די סעודות, און זיי האָבען די משרתים זייערע אין וואַלד אַריין געשיקט, און אַלע זינג- און שפּיעל-פויגעלעך געפאַנגען, און אין שטייגען אַריין געזעצט, זיי זאָלען זינגען די פריצים מיט די פריצות צו דער סעודה.

און פערשטיימט איז געוואָרען דער וואַלד. און פאַר בענקעניש צו זיינע האָזען, הירשען און אַנדערע חיות, און נאָך פאַר גרעסער בענקעניש צו זיינע זינג- און שפּיעל-פויגעל פון צווישען צווייגען און בלעטער, — האָט דער וואַלד אָנגעהויבען קרענקען, ער האָט אָנגעהויבען דאַרען און קוואַרען ביז ער איז אָבגעדאַרט געוואָרען און איז מיט דער צייט פערשוואונדען געוואָרען אינ׳ם זאַמד, פון וועלכען מיר גראָבען נאָך אַרויס רעשטלעך פון זיינע צווייגלעך און בלעטער...

די פויגעל אין די שטייגען איז עס אויך נישט בעסער צוגעגאַנגען. מען האָט זיי אפילו אויף צוקער געהאַלטען, נור אין די ענגע שטייגען, האָבען זיי נישט געקענט די פליגעל בענוצען, און די פליגעל האָבען ביי זיי אָנגעהויבען צו דאַרען און צו פערשווינדען, ווי די בוימער פון וואַלד — פון זייער היים...

און מיר — זאָגט דער מלך — זענען די אוראייניקלעך פון יענע פויגעל... זעה — מיינע פליכפעדערן!... און איך בין עס

שוין דער מלך... אַנדערע האָבען שוין גאָר נישט! און צינד — זאָגט ער — איז געקומען די צייט, און מיר געהען מלחמה האַלטען מיט'ן אַלטען הויז...

— וואָס ווילט איהר מיט'ן טהון?

— חרוב מאַכען! מיר ווע̇לען די שטאַרקע מויערן צו־האַקען, צוברעקלען אויף שטיינדלעך; די שטיינדלעך צורייבען אויף זאַמד, דאָס זאַמד — אויף שטויב, און דעם שטויב וועלען מיר איינשלינגען, אָבצונאַרען דעם לעערען מאָגען...

— וועט איהר דען בייקומען אַ הויז?

— עס איז אַלט דאָס הויז, און אינעווייניג אַרבייטען אונזערע שותפים — די האָלץ־ווערם... ביי טאָג און ביי נאַכט אַרבייטען זיי... און דאָס הויז איז גאָר נישט אַזוי שטאַרק, ווי עס וועט אויסווייזען פון דרויסען... צינד אַוודאי נישט... און לאָז עס זיין ווי שטאַרק, זאָל זיין אַ פעלזען ביים ים, זענען מיר דאָך אַ ים פויגעל און וועלען איהם צומאָרשטען!

— און אין הויז וואָהנט עמיץ?

— די אַלטע שררות אייניקלעך... רעשטלעך...

— און מיט זיי, וואָס וועט איהר טהון?

— דאָס זעלבע, ווי מיט די מויערן — צושטויבען און איינשלינגען. זייער שטויב וועט אונז אפשר בעסער שמעקען, און אפשר נישט... נור נוקם זיין מוז מען זיך!

און נקמה — זאָגט ר' נחמן'קע — האָב איך פיינט, נקמה שרעקט מיך... און איך האָב אויפגעהויבען די פיס און בין געגאַנגען ווייטער...

## V.

## אין אַלטען הויז.

נישט לאַנג בין איך אַבגעגאַנגען, און האָב דאָס אַלטע הויז דערזעהן. אַ גרויס הויז, אויף אַ באַרג... שטיינערנע מויערן,

אייזערנע דעכער... נור אויף אלעם ליעגט שוין אַ מרה־שחורה, ווי צום איינפאַלען... דער באַרג איז אַ זאַמדיגער, די מויערן קרישלען זיך, פערזשאַווערט איז דאָס אייזען... און די, וואָס וואָהנען אינעווייניג, זעהען עס נישט!

און איך קריג רחמנות אויף די, וואָס פערלאָזען זיך אויף שטיין און אייזען און ווייסען נישט פון האָליך־ווערם, וואָס אַרביי־טען אינעווייניג, און פון מחנות פויגעל, וואָס קומען פון דרויסען... און איך איל מיך צו צום אַלטען הויז, איך וויל זיי וואָרענען.

און איך געה צו נעהנטער. און קום פראַנק און פריי אין אַלטען הויז אַריין. טהיר און טויער זענען אָפען געשטאַנען.

און איך געה פון שטוב צו שטוב, און איך זוך אַ לעבענ־דיגען מענש און זעה נישט; און איך בענק צו אַ מענשליך קול און הער עס נישט.

און פון שטוב צו שטוב געה איך. און איין שטוב איז רייכער פאַר דער צווייטער.

די ווענד זענען מיט פאָרטרעטען פערהאָנגען, מיט אַלטע פאָרטרעטען, טהייל פון פאַר'ן מבול, אַנדערע — פון פאַר'ן דור הפלגה... נור די רעמען האָבען שוין די האָליך־ווערם גע־לעכערט, ווי די זיפען; פערגעלט און פערפלעקט, זענען די פאָרטרעטען; עס איז שוין קיינעם נישט צו דערקענען.

און זיידענע פאָרהאַנגען און גאָלדענע פאַסען העגגען אויף די פענסטער און זענען אויך צוביסען און צוריסען, און עס הענגען פון זיי צוויטען אַראָב...

און אויף צופרעסען מעבעל ליגען אוצרות: כלים פון גאָלד און זילבער און טהייערע זאַכען — נאָר פעריתום'ט און פערלאָזט זעהען זיי אויס; פערוואָרלעסיגט, אָהן אַ האַנד, וואָס זאָל זיי גלעטען, אָהן איין אויג, וואָס זאָל פון זיי שעפען נחת...

און אויף די פאָדלאָגעס זענען טייערע דיוואַנעס אויסגע־שפרייט; דיוואַנעס מיט הויכע, זילבערנע און גאָלדענע האָר... און שלינגען איין די טריט פון אונטער די פיס, זיי שטויבען

אָבער, און אויף טהייל ערטער זענען זיי אויסגעקראָכען, — גאָל, ווי אַ קאָפּ פון איין אַלטען בעל־תאוה...

און עס איז מיר שרעקליך און באַנג געוואָרען אויף דער נשמה, און איך האָב געטראַכט: נישט דאָ ווענען מציל צו זיין; דאָ איז אַלץ אויסגעשטאָרבען... אַ חורבה! פלוצלונג אָבער האָב איך דערהערט קולות פון מענשען...

און איך האָב מיך דערפרעהט און בין נאָכגעגאַנגען די קולות, און בין אין אַ לעצט ווינקעל־צימער געקומען...

## VI.

## אין ווינקעל צימער.

און דאָס ווינקעל־צימער איז גרויס געווען ווי אַ פעלד, און האָט דריי גרויסע פענסטער געהאַט...

איין פענסטער — רעכטס; איין פענסטער — לינקס; און אַ דריטס אין דער מיט — פאַר זיך.

נאָר פון די אַלע דריי פענסטער האָט די גרויסע ווינקעל־שטוב, ביים שעהנסטען העלסטען טאָג, קיין איינציגען שטראַהל נישט בעקומען.

דאָס פענסטער לינקס, ווי דאָס מיטעלע פענסטער פאַר זיך, זענען פערמויערט געווען. פריי איז געווען נאָר דאָס איינציגע פענסטער רעכטס, פאַר דאָס אָבער — מיט אַ שווער פרוכת פערהאָנגען, אַ דיק סאַמעטען פרוכת, מיט אַ שווער גאָלדענעם שלאַק פון אונטען...

נאָר פון באַלקען אַראָב האָט אַ קליין רויט לעמפעל גע־האָנגען, און האָט געוואָרפען קאַרגע רויטע שטראַהלען איבער'ן טיש, וואָס איז אין מיט שטוב געשטאַנען.

און אַלטע כתבים, אַלטע פאַרמעטענע כתבים, מיט אַלטע רויטע וואַקסענע חתימות, מאָדנע גרויסע, וואונדערליך בולט'ע... זענען געלעגען אַרום טיש.

און ביי די כתבים אַרום טיש זענען מענשען געשטאַנען,

יעדערער פאַר זיין אַלטען פּאַרמעטענעם כתב מיט דער רויטער וואַקסענער חתימה — זיי זענען געשטאַנען און וועגען עפּיס בעראַטהען...

און איך בין שטעהן געבליבען מיט דרך ארץ אויף דער שוועל, און האָב געוואַרט, מען זאָל מיך בעמערקען און צו-רופען, און פרעגען, נאָך וואָס איך בין געקומען, איך זאָל זיי דערצעהלען פון דער מחנה פויגעל, און וואָרענען זיי פאַר דער סכנה... קיינער האָט מיך אָבער נישט גערופען.

קיינער האָט מיך נישט בעמערקט; אַזוי פערטיעפט זענען זיי געווען אין די רעד. נישט ווילענדיג האָב איך דעריבער אויסגעהערט זייער וכוח. פון וכוח, אָבער וואָס איך האָב, נישט ווילענדיג, אויסגעהערט, איז קלאָר גע-וואָרען, אַז איך האָב פאַר זיי קיין נייעס נישט, קיין בשורה נישט; אַז זיי וויסען אַלץ אַליין, און בעראַטהען טאַקי וועגען דער געפאַהר...

און איינער זאָגט: אַז מען מוז אַרויספאַלען און מלחמה האַל-טען מיט די פויגעל... מען דאַרף צונויף-רופען די משרתים און בעוואָפענען זיי...

עס ווייזט זיך אָבער אויס, אַז די איינוואָהנער פון הויז זענען צו ווע נ י ג און דערביי צו ד י ק, מלחמה צו האַלטען, און די משרתים זענען שוין לאַנג ענטלאָפען, ווי די מייז פון אַ שיף, וואָס האַלט אין אונטערגעהן.

און אַ צווייטער ראַטה: מען זאָל פערמאַכען, פעררויגלען און פערשליסען טהיר און טויער. און לאָזען זיך, ווען אפילו יאָהרען-לאַנג, בעלעגערן. נאָר דאָס ווייזט זיך אויך נאַריש אויס. אַלטע שלעסער! מיט דער צייט זענען זיי פערזשאַווערט געוואָ-רען און לאָזען זיך נישט איבערדרעהען, אַלטע ריגלען — און לאָזען זיך נישט רוקען פון אָרט אויף אַ האָר!

זאָגט איין אַנדערער: איז פערפאַלען! מוז מען אַראָבלאָ-זען די קעפּ, און אויפנעמען די פויגעל, ווי ליעבע טהייערע געסט, ביז זיי וועלען אַריבערגעהן...

נאָר, ווער ווייסט, צי זיי וועלען אַמאָל אַריבערגעהן? וואו אַהין? און מען האָט זיי נישט מיט וואָס אויפצונעמען... ווייַן און עסענוואַרג פאַר אַלע איז קיין מאָל נישט געווען!
פאַלט עמיץ נאָך אויף איין עצה:

— לאָמיר זיך — זאָגט ער — אויך פאַר אַ פויגעל פאַרשטעלען, און אַרויסגעהן אין מדבר אַריין, און בעהעפטען זיך צו דער מחנה, און מיר וועלען אויך פּיקען אין זאַמד, עסען אַלט גראָז און שעלטען און געהן אויפ'ן אַלטען הויז עס איינצונעמען... אַבי לעבען צו בלייבען!...
דאָס איז אָבער נאָך נאַרישער געוועזען, ביי דעם גאַנצען עגמת נפש, האָבען זיי נאָך צופיעל פלייש אויף זיך געהאַט, און דערביי — קיין זכר פון פליגעל...
וואו נעמט מען פליגעל?

און אַלע זענען טרויעריג און שטיל געוואָרען. און איך האָב דערווייל אויף אַ זייט איין אויג געוואָרפען, און איך האָב דערזעהן איין אַלטען, גרייז־גראָהען מאַן, וואָס איז געזעסען אָבגעזונדערט פון ווייטען און שווייגענדיג אויסגעהערט, וואָס אַנדערע זאָגען.

עס איז אַ וואונדערליכער אַלטער מאַן געווען... ממש אַ וואָלקען איז איהם געלעגען אויפ'ן צואַקערטען שטערן און דערביי האָבען די אַלטע אויגען ווי שטאָהל געגלאַנצט, און אַרום די ליפּען האָט עפּיס אַ מין ביטערער שמייכעל געשוועבט.
און איך טראַכט מיר: ער איז זיכער דער קלוגסטער פאַר אַלע, — פאַר וואָס שווייגט ער? צי איז באמת שוין קיין עצה און קיין ראַטה נישט פאַרהאַן?

און ווי מיט אַ תשובה אויף מיין שטילער שאלה, רופט זיך פּלוצים אָן אַ יונגער מאַן, דאַכט זיך — דער יונגסטער פאַר אַלע און זאָגט:
— מען קען האָבען פליגעל! מיט דער צייט קענען אַלע האָבען פליגעל!

— ווי אַזוי? ווי אַזוי? פרעגט מען פון אַלע זייטען.

— נעמט — זאָגט ער — די אַלטע כתבים און פערברענט...

פערברענט זיי, די אַלטע פּאַרמעטענע כתבים, מיט די רויטע, וואַקסענע חתימות, און רייסט אויף די פענסטער, און לאָזט אַרויספליהען זייער אַש, און לאָזט עס פערשטויבען זיך אויף אַלע פיער עקען פון דער וועלט...

און דער יונגסטער פון זיי איז אַ מקובל געווען, און ער האָט געוואוסט, אַז פערברענען אַלטע כתבים איז אַ רפואה בדוקה און אַ טהייערע סגולה, עס זאָלען אַרויס־שפּראָצען פליגעל אויב מען האָט זיי נאָר אין תוך, אינעווענינ!

און דער יונגער־מאַן זאָגט און טהוט וואָס ער זאָגט, ער שפּרינגט אַרויף אויפ'ן טיש, דערגרייכט מיט די כתבים צו דער רויטער פלאַם פון דעם לעמפּעל... עס הויבט זיך שוין אַ דינער רויך...

און אַנדערע, זעה איך, שפּרינגען איהם נאָך, מיט די כתבים אין די ציטריגע הענד, אויפ'ן טיש אַרויף, און ווילען אויך דערגרייכען צו דער פלאַם; צו דער פלאַם, וואָס זאָל זיי רייניגען פון איבריגען פלייש און שפּראָצען מאַכען פליגעל...

און נאָך אַנדערע, וואָס האָבען שוין אויפ'ן טיש קיין פּלאַץ נישט געהאַט, לויפען צו צו די דריי פענסטער, און ווילען זיי אויפ־רייסען — — —

נאָר אין דער זעלבער רגע איז אויפגעשפּרונגען דער אַלטער ווי אַ לייב, און ער האָט אַ בריל געטהון:

— פעלשער, מערדער, אונטערצינדער!..

און ער האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי איין אייזערנע זייל און האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די נעגעל קעגען לעמפּעל, און מיט איין בלאָז האָט ער עס פערלאָשען...

און אין ווינקעל־שטוב איז פינסטער געוואָרען...

## VII.

## אָהן אַסוף.

— און דער סוף פון דער מעשה? בעטען מיר זיך, אז ר׳ נחמן׳קע איז שטיל געבליבען.

— עס איז נאָך קיין סוף נישט פערהאַן — האָט ר׳ נחמן׳קע געענטפערט. — פויגעל מיט פליגעל ווי פליספעדערן, מיט צייכען פון פליגעל, און דאַרע שטעקעלעך במקום פאַר פיס, דערגרייכען נישט אַזוי געשווינד צום אַלטען הויז...

# יוחנן מלמד'ס מעשה'ליך.

## א.

## ווער עס גיט לעבען, גיט פון וואנען צו לעבען.

### 1.

א הקדמה. איך בין אייך מוסר מודעה און בין מיך מתנצל,
מיין דעה, אז עס איז קיין כפירה נישט פערהאַנגען.

רבותי! איך יוחנן מלמד, וויל אייך דערצעהלען א „מעשה“.

און די „מעשה“, וואס איך וויל אייך דערצעהלען, וועט זיין ווי א רעדעל אין א ראַד — א מעשה בתוך מעשה.

און ביידע „מעשיות“ טראַכט איך מיר נישט אוים פון קאָפּ, זויג נישט, ווי דער עולם זאָגט, פון פינגער ארוים; איך בין, ברוך השם, קיין שרייבערל נישט, מיינע אבות אבותינו זענען קיין שרייבער נישט געוועזען.

און דערצעהלען וועל איך אייך פשוט'ע דבורים, אָהן זאַלץ און אָהן שמאַלץ; מליצות האָב איך פיינט... ווער עס זאָגט אמת, דער דאַרף קיין מליצות נישט... דער רעדט פראָסט מאַמע-לשון...

נאָך איין הקדמה מוז איך אייך געבען: איך האַלט פאַר מענגליך, אז די מעשיות, וואס איך וויל אייך דערצעהלען, וועלען אייך אויסווייזען בעשיינפערליך, אז אין א סך זאַכען זענט איהר, רבותים, צו ווייט פערקראָכען; אז איהר האָט אייך צו

פיעל פערלאַזט אויף אייערע חושים; אז אויף דער וועלט זענען פערהאַנען אַזאַלכע זאַכען, וואָס האָבען זיך נישט געחלומט, נישט אייך, נישט די גרעסטע חכמים אייערע... בעט איך אייך טאַקי, איהר זאָלט קיין פעראיבעל נישט האָבען.

ווילט איהר — גלויבט, נישט — נישט!

אַגב, וויל איך מיר פערענטפערן פאַר אנשי שלומנו.

אנשי שלומנו קען פערדריסען, וואָס איך זאָג מכלומרשט אוים פון חדר. בפרט היינטיגע צייטען מיט אַזוי פיעל כופרים... און דורך זיי קען אפשר אַרויסקומען אַ תקלה. חס ושלום!... האָב איך טאַקי פאַר אנשי שלומנו אַ בשורה טובה! איך וויל זיי אָנזאָגען, אַז עס איז גאָר קיין כפירה, חס ושלום, נישט פערהאַנען; עס איז אין גאַנצען איין אויסגעטראַכטע מעשה!

די גאַנצע וועלט איז סאַמע אמונה! —

און קען דען אַנדערש זיין?

די וועלט איז גרוים אָהן אַ שיעור, טאַקי אֵין־סוף! און אונזער מח, איז אַ זוי קליין, אַ זוי פיצעל, אַז מיר זעהען אוים ווי אַ מענש, וואָס געהט אַרום אין אַ פינסטערער נאַכט, אין אַ וויסטער, פינסטערער מדבר, מיט אַ גראָשענדיג ליכטעל אין דער האַנד, וואָס לייכט קוים ד׳ על ד׳!

איך האַלט מיך ביי מיינעם: אָהן אמונה איז נישט מ ע ג ל י ך! מיט׳ן שכל אַליין קען מען נישט אויסקומען. אלא וואָס? די זעלבע פוסטע שרייבערלעך, וואָס מאַכען די ביכלעך פאַר׳ן המון־עם, פאַר די קעכענס און דיענסטמוידען, וואָס טראַכטען אוים מעשיות פון גזלנים און רוצחים, פון פאַלשע וועכסעל און פאַלשע געלד־מאַכער, — אַבי איבערצושרעקען דעם עולם, דאָס בלוט זאָל אויפקאָכען...

אָט — די אייגענע שרייבערלעך, האָבען אויסגעטראַכט די כפירה, דאָס אַפּיקורסות! און אויך מהאי טעמא, איבערצושרע־קען דעם המון — די דיענסט־מוידען מיטן שוסטער, מיט [illegible] שניידער־יונגען...

דער אמת איז, אָהן אמונה, אָהן רצון! אויף פראָסטע

יודיש הייסט עס, — אַ מענש, וואָס גלויבט נישט, וויל גאָר נישט, גלוסט צו גאָר נישט!

אַזאַ מענש איז נישט מעהר, ווי אַ שטיק ליים, אַ גולם!

און, אויב דו זעהסט, אַז מענשען האָבען תאוות, אָבער זיי ברעכען די תאוות צוליעב גרעסערע, אָדער העכערע תאוות, אַז מענשען, על כל פנים, עסען און טרינקען, האָבען שלום בית, אַרבייטען מיט שוויים, דער מח איז פערטהון אין מסחרים, — זאָלסט דו וויסען, אַז זיי גלויבען! אַז זיי גלויבען לכל הפחות אין זייער אייגען לעבען!...

וואָרען מסופק זיין, קען מען אין דעם אויך! אַז מען וויל, זאָגט מען — גאָר נישט! און טהו עפים!

דער כלל איז: אַלע גלויבען! נור וואָס דען? איינער גלויבט, אַז דער לויתן געהט פאַר'ן שור הבר: און דער אַנדערער זאָגט: ניין! דער שור הבר איז פריהער, און דער לויתן קומט דערנאָך, אַלס צו־ביים. און אַ יונגערמאַן אַ משכיל, וואָס גלויבט נישט, נישט אין שור הבר, נישט אין לויהן, גלויבט אין עטער! און וואָס איז אַזוינס דער עטער? האָט מיר זייערס אַ מענש פערטייטשט, אַז עטער איז אַזוינס, וואָס איז נישט קיין גוף, נישט כח בגוף; נישט קיין נשמה, נישט קיין רוחניות גאָר... און ער פערנעהמט גאָר נישט קיין אָרט, און האָט נישט קיין משקל... מיט איין וואָרט: אַ „יאָ" און אַ „ניין" צוזאַמען!

פרעג איך איהם, צי ער האָט געזעהן דעם עטער?

ניין, — זאָגט ער, — נור ער גלויבט! הכלל — מען גלויבט!

וואָס דען איז דער חלוק?

נישט מעהר, נור וואָס יעדערער האָט זיך זיין רבי'ן, זיין אמונה, כמעט — זיין עבודה־זרה'לע!

אַלע קוקען פרעמדע אין מיי'לער אַריין! אַלע קושען, נור איינער קושט דאָס פרוכת, חאָטש ער ווייסט נישט, וואָס אין אָרון שטעהט; און אַ צווייטער — דעם „מגלה טמירין", אַז ער פאַלט איהם אַראָב פון טיש!

און בעיני ראיתי — געזעהן האָב איך מיט מיינע אויגען,

ווי איינער פון זייערע לייט, האָט אַ קוש געטהין דעם „מסתרי פּאַריז! און, לויט איך האָב געהערט פון אַ זיכערן מענש, איז דער „מסתרי פּאַריז" אַ „מעשה נורא" פון עפּיס אַ „חרבונה", — נישט אונזער חרבונה, דער „זכור לטוב" פון דער מגלה — נור עפּיס אַ האָלץ־העקער, פון פּאַריז, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט באָרפיסע פיס אויף שטיקער גלאָז; און נאָך אַזאָלכע שקרים, וואָס אַ פּאַריזער שקרן האָט אויסגעטראַכט, און אַ ווילנער משכיל האָט איבערגעשריעבען אויף לשון קודש!

רבותי! איך האָב, ברוך השם, אָבגעלעבט אַ שטיק וועלט. בינ'ען ביך איך געווען מלמד אין דערפער און אין שטעטלעך, אין אין גרויסע שטעדט! שוין אַ יאָהר זיבען בין איך, ברוך השם, מלמד אין ווארשא, און קום, געלויבט דער אויבערשטער. צווישען מענשען, און קען מענשען...

איך קען מתנגדים, וואָס שפּרינגען אויס דער הויט פאַר אַ „ויצמח פורקניה"; חסידים, וואָס האַלטען די, וואָס פאָהרען צו אנדערע רביים, פאַר כופרים בעיקר, חס ושלום!

אויך קען איך משכילים, אַ סך משכילים: גרעסערע און קלענערע, קענער און אַזוי שרייבערלעך, און אפילו אַ סך, אַ סך מופקרים!

דאָס אַלץ קען איך! נור קיין כופר, דאָס האָב איך נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג נישט געזעהן!

איך האָב אפילו די העזה צו זאָגען, אַז צווישען דעם גאַנצען עולם משכילים, איז נישט דאָ איינער, וואָס זאָל האָבען זיין איינענעם שניט! וואָס זאָל האָבען זיין אייגענע שטה, זיין אייגענעם דרך. איך האָב אפילו צווישען גאַנצען עולם משכילים נישט געזעהן קיין מענשען, וואָס זאָל קוקען אויף עפּיס מיט אייגענע אויגען... אויסער, אפשר, צוויי דריי גדולים — קאַרפּען־קעפּ... די רעשט, — ווי איהר קוקט זיי אָן — די גאַנצע חברה משכילים, זענען נישט ווערטה, זאָג איך אייך, קיין אויס־געבלאָזען איי! זיי זענען אויך חסידים, נור אַנדערע חסידים;

זיי גלויבען אין זייער רבין! און זיי הענגען אין זייער גדול הדור, פונקט ווי מיר אָן אונזער גדול הדור!

איך קען שווערען בנקיטת חפץ, אַז קיינער פון זיי האָט גאָר קיין שטה נישט, אפילו נישט אויף חיי שעה! נאָר אַלץ אמונה אינם גדול. און זיי טהוען איהם נאָך, און ווייסען אפילו קיין חלוק נישט צווישען דעם, וואָס דער גדול האָט געזאָגט מיט ישוב הדעת, מיט אַ קלאָרען שכל, מיט איין ערנסט, און וואָס ער האָט געזאָגט אין פלוג, צי אין כעס, צי גאָר לשם נצחון!

פונקט ווי אנשי שלומנו, עס פעהלט נאָך נישט אַ האָר!

און קומט צי מיר איינער פון דער חברה, און זאָגט מיר, אַז ער איז אַ כופר,—עס איז דאָך נאַריש, איך וועל דאָך איהם נישט מביש זיין, — נאָר ווייסען וויים איך, אַז ער מאַכט חוזק, אָדער גלאָט ער מאַכט זיך גרויס! אַז דוקא אַזוינער — האָט מורא ביי נאַכט אַרויס־צוגעהן איינער אַליין! און אפשר מוז ער אַזוי זאָגען, די פרנסה וויל אַזוי! און, וואָס טהוט אַלץ נישט אַ מענש צוליעב פרנסה!..

עס קען אויך זיין אַ מענש — אַ נאַרר, סתם אַ שוטה; אַזוינער וואָס ווייסט נישט, וואָס ער ווייסט נישט, אין וואָס מען מוז גלויבען!...

און אויב אַזוי, וואָס זאָלען מיר זיך שעמען מיט דעם, אין וואָס מיר גלויבען?!

מיט וואָס זענען אנשי שלומנו ערגער פאַר דער חברה משכילים, וואָס טהוען נישט מעהר, נור דערצעהלען און דערצעהלען באָבע מעשיות און שבחים פון זייערע גדולים? באשר בכן — אונזערע מעשיות זענען נישט קיין אויס־געטראַכטע? באשר בכן — מיר שרעקען נישט דעם עולם מיט גזלנים, רוצחים, פאַלשע געלר און פאַלשע וועכסעל־מאַכער! דוקא מוז מען שרייבען, וואָס עס איז נישט געשטויגען, נישט געפלויגען?

און בפרט, אַז איך וויל נישט דערצעהלען קיין מעשה מעבר לים, און נישט קיין מעשה פון קדמונים, נאָר אַ זאַך, וואָס האָט זיך געטראָפען, דאָ, אין אונזער וואַרשא, און דוקא ערשט נישט לאַנג!

איי וואָס? עס וועט קומען איינער און זאָגן לאַ־כי! שקר די זאַך!

אַדרבה, זאָל ער קומען, זאָל ער די העזה האָבען! איך, ברוך השם, — בין, אַ פּראָסטער מלמד, נישט קיין שרייבערל, חס ושלום, און מיין מלאכה איז נישט קיין ליגענט. און מיין פּרנסה איז נישט פון ליגענט!

הכּלל — די מעשה איז אמת. — אפשר וועט עמיצער קומען און געבען איין אַנדערן פּירוש? וועל'מיר הערען!

און ביז אַהער איז די הקדמה, צונד נעהמט די מעשה גופא!

---

## 2.

דעם שוויגערס, זכרונו לברכה, אַ גלייך־ווערטעל; די מעלות פון מיין אחי, עליו השלום; איין התחלה־טובה.

מען דערצעהלט פון שוויגער, עליו השלום, אַז איין מאָל האָט מען איהם געפרעגט, פאַר וואָס ער זאָגט נישט קיין תורה ווי אַלע צדיקים? האָט ער, — ווי זיין שטייגער איז געווען, — געשוויגען.

אין אַ שעת רצון אָבער, אַז מען איז צו איהם צוגע־שטאַנען, שטאַרק מפציר געווען, האָט ער מיט זיין שמייכעלע אַזוי געזאָגט:

די וועלט — זאָגט ער — וואונדערט זיך אויף מיר, פאַר וואָס איך זאָג נישט קיין תורה; און איך וואונדער מיך אויף זיי, ווי קענען זיי גאָר זאָגען תורה? ווי קען מען עס אָנהויבען און אויסלאָזען אַ תורה, אַז די תורה האָט נישט, נישט קיין התחלה, נישט קיין סוף, אַז זי איז אין־סוף!

אלא מאי? דער ענין דערפון איז אַזוי: די וואָס הויבען נישט אָן צו קענען די תורה, און זאָגען, וואָס עס קומט זיי אין מויל אַריין, הויבען אָן, ווען און וואו זיי ווילען, און ענדיגען וואו און ווען זיי ווילען! וואָרען די תורה. וואָס זיי

זאָגען, איז נישט דער אין־סוף; נישט דעם רבונו של עולם׳ס תורה! נאָר זייער אייגענע, אויסגעטראַכטע תורה!... אַזוינער אָבער וואָס קען די תורה, זאָגט נישט קיין תורה. וואָרען ער ווייסט נישט, וואו אָנצוהויבען און וואו אויסצולאָזען!

און לאָ׳מיר זעהן אין וועלט־זאַכען, למשל: ביי אַ דין־תורה. מען רופט איין עדות. איין עהרליכער מאַן, וואָס וויל נישט און קען נישט זאָגען קיין ליגענט, אַז ער שטעלט זיך פאַר׳ן בית־דין, הויבט ער אָן פון ששת ימי בראשית, און קען גאָר נישט צוקומען צו דער זאַך; בפרט צום סוף המעשה... אָבער דער, וואָס זאָגט אויס׳ן קאָפּ אַרויס, דער איז זיך אַלץ מסדר, דער רעדט ווי אַ מענש, דער ווייסט איין אָנהויב, און ווייסט אַ סוף... און די מעשה אַליין גיסט זיך ווי אַ בוימעל!

הוא הדין ביי אַ מעשה: אַ שרייבערל, וואָס נאָגט אויס, ווי מען זאָגט, פון פינגער, קען אָנהויבען און ענדיגען אַ מעשה, ווי ער וויל, ווען ער וויל... עס איז זיין אייגענע זאַך, טהוט ער מיט איהר ווי ער וויל! וויל ער, מאַכט ער זי גרויס, וויל ער, מאַכט ער זי קליין... איך אָבער, וואָס וויל דערצעהלען דברים כהויתן, — איין אמת׳ע מעשה, ווייס איך טאַקי נישט, פון וואַנען אָנצוהויבען און וואו זיך אָבצושטעלען! „אין כל חדש תחת השמש״ — יעדע זאַך הענגט אָב פון אַ פריהערדיגע זאַך, און די פריהערדיגע זאַך אין אַ נאָך פריהערדיגע, און יענע ווייטער איז אויך נישט צו פערשטעהן, אַז מען ווייסט נישט, וואָס גאָר פריהער איז געוועזען, און אַזוי קומט מען צו ששת ימי בראשית...

נאָר לכבוד אָחי אהובי זיינוויל־יחיאל, עליו השלום, וועל איך אָנהויבען ביי איהם...

עס איז ידוע לכל — די גאַנצע פראַנצישקאַנער גאַס ווייסט, אַז מיין ברודער זכרונו לברכה, איז געוועזען אַ למדן טופלא און איין אמת׳ער ירא שמים.

איין אַ למדן איז ער געוועזען, און אויף דער עלטער איז

ער געבליבען איינער אַליין מיט דער טאָכטער, ברכה לאה, אַ בתולה, להבדיל בין החיים והמתים! געלעבט האָט ער אין דחקות, קנעלען האָט ער שוין כח נישט געהאַט, איז ער טאַקי, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום יוד געדאַכט, געבליבען אָהן ברויט; און די בתולה ברכה לאה, וואַקסט קיין עין־הרע, אויף הייוועו... הכלל — צרות צרורות!

וואָס טהוט דער רבונו של עולם? קומען זיך צוזאַמען עטליכע בעלי־בתים, טאַקי אנשים חשובים, פיינע בעלי־בתים, וואָס האָבען ביי איהם קינדער געהאַלטען, און נעהמען אויף זיך חתונה צו מאַכען ברכה לאה'ן, און צו געבען מיין ברודער, עליו השלום, אויף הוצאות, ער זאָל זיך אוועקפאָהרען, קיין ארץ ישראל.

הגם די נסיעה איז נישט געקומען לידי גמר, ווייל עס האָט'ן, לא עליכם, אָנגעהאַפּט דער פעהלער, און ער איז, לא עליכם, נפטר געוואָרען אויפ'ן וועג, האָט ער דאָך זוכה גע־ווען צו זעהן צפת, וואו ער איז נסתלק געוואָרען, און איז דאָרט געקומען בכבוד גדול צו קבר־ישראל.

דער צפת'ער רב האָט געהאַלטען אַ שאַרפען הספד און האָט'ן אָבגעדרוקט, דעם הספד, אין ספר „מרגליות טובות", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען, און ווער עס קוקט אַריין, לעקט די פינגער.

און, אַז איך האָב שוין איין התחלה, וועט שוין געהן די מעשה גופא...

---

## 3.

די מעשה גופא! נישט געטראָפען, צרות צרורות, ברכה לאה ווערט אַ עגונה.

גדולה צדקה, צדקה איז אַ גרויסע זאַך! אָבער נאָר פאַר די, וואָס גיבען צדקה. נישט מקנא בין איך אָבער דעם, וואָס

נעהמט צדקה, וואָס מוז, נעביך, אָנקומען צום גבאי של צדקה...

און מקנא בין איך מיין ברודער, עליו השלום, וואָס איז נפטר געוואָרען צו דער רעכטער צייט, און האָט די שפּעטערדיגע צרות נישט געזעהן!

וואָרען די בעלי בתים, וואָס האָבען נעגעבען אויף הכנסת כלה, האָבען גאָר פערגעסען, אַז ברכה לאה איז אַ בת תלמיד חכם, און אַ כשר'ע פרומע נשמה... און מען האָט פאַר איהר נישט געזוכט קיין חתן לפי כבודה, ועל אחת כמה וכמה נאָכ'ן פאָטערס כבוד...

זייער גאַנצער מיין איז געוועזען, צו געבען איהר אַ מאַן אַ ברויטגעבער; איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אָראָבצוּוואַרפען פון זיך דעם עול!...

האָבען זיי טאַקי געטהון אָהן ישוב הדעת, אַבי גע'פטר'ט.

און מען האָט בעקומען אַ בחור'ל בזול, איין איינגעהער ביי אַרוואָקאַטען!

קיין גרויסע זאַכען האָט ער נישט פערלאַנגט; מפרנס זיין אַ ווייב קען ער, — האָט מען צוגעקלאַפּט.

האָט מען געמאַכט מלבושים, איינגעלעגט נדן, גערופען כלי־זמרים, געשטעלט אַ חופה,—

מזל טוב, מזל טוב!

מ י ר, דעם אמת זאָגענדיג, איז דער בחור נישט געפעלען. מיין פייגא, זאָל געזונד זיין, האָט אויך געזאָגט, אַז ג אָ ר פון די אַנטיקען איז ער נ י ש ט. נאָר, אַז אחי, עליו השלום, האָט גאָר נישט געזאָגט, האָבען מיר אַ ודאי געשוויגען.

און דאָס שווייגען איז קיין חכמה נישט געוועזען!

קיים איז אחי, זכרונו לברכה, אָבגעפּאָהרען, האָט זיך אָנגעהויבען איין עסק! עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז עס איז נ י ש ט, ווי עס דאַרף צו זיין!

מן הצד בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז דער שלום בית

ביים זוג, איז אַביסעל הינקענדיג: מען קריגט זיך, מען מאַכט אַ ביסעל קולות, שבנים קלאַפּען אין די ווענד!

אויך האָב איך געהערט, אַז ברכה לאה וויל נישט ליידען, וואָס בעלה, משה ישראל, איז נישט קפּריסין'דיג־פּרום!

און ער ווייטער מאַכט איהר אַ מורא, אַז ער וועט זיך נאָך אָנטהון דייטש, און וועט ווערען אַ ל י י ן אַ אַדוואָקאַט!

אויך טענה'עט משה ישראל, אַז די בעלי בתים האָבען איהם אַריינגענאַרט אין זאַק, מען האָט איהם געוויזען איין אַנדערע, אַ שעהנערע כלה; אויף דער וואָלט ער נישט בעשטאַנען! און איהרע מלבושים געפעלען איהם אויך נישט, צוזאַמען־געקליבען, — זאָגט ער, — אַלטע לאַבעס...

מען האָט איהם צוגעזאָגט, — זאָגט ער, — קעסט, און מען ווייזט איהם אַ פייג!

און נאָך אַ טענה האָט ער, אַז ער האָט גערעכענט אויף קרבות מיט די בעלי בתים, ווי ער זאָגט — פּראָטעקציא, און זיי, אַז זיי האָבען זיך נאַר אָנגעגעסען און אָבגעטאַנצט אויף דער אָרעמער חתונה, לאָזען זיי איהם נישט פאַר די אויגען...

פערשטעהט זיך, אַז אַריינמישען זיך אין דער ערשטער שעה, האָב איך נ י ש ט געוואָלט... בעלי בתים און זוגתי, פיגא תחיה, האָבען נישט געלאָזט... און וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס? עס טרעפט זיך ביי לייטען! נאָך דער חתונה, איידער מען געוועהנט זיך צו טרעפט זיך גאַנץ אָפט מחלוקת צווישען מאַן און ווייב. דערנאָך — הרגל נעשה טבע, מען ווערט גע־וועהנט לעבט מען!

און באמת, איך מיט זוגתי פייגא תחיה', האָב'ן מיר אויך, דאָס ערשטע יאָהר נאָך דער חתונה זיך אויפגעשטויסען... דערנאָך אָבער, אַז זוגתי פייגא האָט אָנגעהויבען קינדלען, פון קעסט איז מען אראָב, האָט מען די נאַרישקייטען אַוועק־געלעגט.

איך האָב מיר אָנגעהויבען זוכען אַ שטיקעל עסק... עס איז מיר נישט געראָטהען; בין איך געוואָרען מלמד. און גאָר

נישט, מען לעבט, ברוך השם, הלואי, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר!

הכלל, — שווייג איך! און בפרט אַז אין קורצען האָט מיר זוגתי פייגא, תחיה, אַ וואונק געטהון אויף ברכה לאה'ן, ווי איינער זאָגט: פערשטעהסט!! דאַרף מען דאָך מיר קיין פינגער אין מויל אַריין נישט לעגען; טראַכט איך: סימן טוב ומזל טוב!

לאָזט זיך אָבער אויס אַ בוידעם!

ער איז דאָס אייגענע וואָס פריהער, נאָך ערגער ווי פריהער!

אונזער תכשיט האָט אברהם אבינו'ס מעלה: ער רעדט ווענינ און טהוט אַ סך; לא די, וואָס ער האָט זיך אָנגעטהון דייטש, האָט ער נאָך אָנגעהייבען שפּיעלען גאַנצע נעכט אין קאָרטען!

נאַכט אויף נאַכט ברענגט ער זיך אַהיים חברה-לייט, נויט נאָך ברכה לאה'ן, זי זאָל זיי מאַכען טהיי, געבען אַביסעל בראָנפען, מאַכען אַ הערינג, אין דוקא מיט עסיג און מיט בוימעל, אַ נישט — פּאַסט זיי נישט! צום פערבייסען מוזען זיי האָבען ווייסע זעמעל; ברויט — חס ושלום! און טאָמער פעהלט עפּיס פון די זיבען זאכען, מאַכט ער קולות! און ער שפּעט נאָך אויס איהר! מאַכט אויס איהר לייטען-געלעכטער!

נאָך אַ שאַש, זידעלט ער נאָך און שעלט!

זעה איך שוין, אַז עס איז נישט היטב, אַז מען טאָר שוין נישט שווייגען; מאַך איך מיר אַ לב און איך געה צום אוג.

איך קום אַריין, הויב אָן, פערשטעהט זיך, מיט גוטע דבורים, מיט פיינע דבורים, אפילו מיט איין הלצה'לע, ווי מיין שטייגער איז. פּאַר גוטפריינדשאַפט מאַך איך מיר אַ גע-לעכטערל און זאָג איהם, אַז אויבוואהל ער איז אַ פושע ישראל, איז נאָך פון דעסטוועגען קיין סכנת נפשות נישט! און דערצעהל איהם די גדולות פון אַ בעל-תשובה... און זאָג איהם,

אז ברכה־לאה׳ס זכות אבות וועט איהם בייזשטעהן! זאָל ער גאָר, זאָג איך, אָנהויבען... זאָל ער נאָר האָבען אהרהור תשובה!

איך זאָג איהם נאָך צו, אז איך וועל איהם מקרב זיין, מיטנעהמען אין מיין שטיבעל אריין. און, אז איך וועל, אם ירצה השם, פאָהרען, וועל איך איהם אויך מיטנעהמען, וכדומה אזעלכע ווייכע דבורים...

פּלאַצט ער אָבער פאַר געלעכטער!

ער לאַכט אוים מיר, אוים׳ן שטיבעל, אוים׳ן רבי׳ן. ער איז מיר מוחל — זאָגט ער — די אַלע גליקען, איך זאָל איהם נאָר ברכה־לאה׳ן צונעהמען!

דערביי רעדט ער אַזוינע דבורים, — נישט פאַר׳ן מויל צו ברענגען!

באין ברירה, האָב איך שוין אָנגעהויבען אביסעלע הארטער, האָב איך איהם שוין געזאָגט, אַז חאָטש ער געהט דייטש, איז ער פאָרט איין עם־הארץ, א שוטה. און ווייטער האָב איך איהם גאָר אָהן פחד, געזאָגט: אַז אויב ער וועט תשובה טהון, איז רעכט, און אַז אויב נישט, וועט ער זיך טאַקי אויסרעכטען א שוואַרץ, פינסטער יאָהר אין גיהנם!

צולאַכט ער זיך ווידער אויף א קול! ווער גיהנם, וואָס גיהנם?! גלייך ער וואָלט דאָרט געוועזען און געזעהן, אַז עס איז, חס ושלום, קיין גיהנם נישט פערהאַן!

און דערנאָך, ווייזט ער מיר נאָך, דער עזות מחוצף פנים, די טהיר!

וואָס האָב איך געזאָלט טהון?

ברכה־לאה, זעה איך, איז גרין און געל, די טרערען גי־סען זיך איהר ווי וואַסער, געה איך אַרוים און שיק דעם מחוצף רופען צום בּין...

קומט ער נישט, וואַרט איך אַ צייט...

מיט דער צייט איז די זאַך שטיל געוואָרען! איך הער נישט...

און הערען הער איך נישט, ווייל דער פושע ישראל האָט אָנגעזאָגט ברכה־לאה׳ן, איהר פוס זאָל איבער מיין שוועל נישט קומען; מכות אכזריות וועט ער זי שלאָגען! מילא, איז דאָך ברכה־לאה איין אשה כשרה, טהוט זי, וואָס דער מאַן הייסט; זיצט זי אין דערהיים און שלינגט די טרעהרען בסוד.

הער איך נישט; וויים איך נישט!

דערווייל בעקום איך מיינס איין אייגען פעקעל צרות!

זוגתי פייגא ווערט מיר קראנק. דער רופא זאָגט — היטץ, די שכנים — עפּיס אַנדערש, מיר דאַכט זיך — איין עין־הרע.

די שטוב האָט קיין בעל־הבית׳טע, די קינדער קיין מאַמע נישט. און קיין טאַטען אויך נישט, ווייל עס איז בין הזמנים, און עס פעהלט מיר נאָך אַ צוויי דריי תלמידים!

איז וועניג? בין איך אַליין אויך נישט אין גאַנצען!

די וואַרשאווער טרעפ נעהמען מיר אַרוים דאָס חיות! און ראָ יאָגט מען מיך פון אַלע זייטען: דער בעל־הבית וויל דירה־געלד, — פאַר צוויי קוואַרטעל נישט בעצאָהלט! און דער רעווירטאָווע וויל דוקא, איך זאָל נאָך צודינגען אַ שטוב, עס זאָל זיין גרויסער פאַר די חדר־יונגלעך, מעהר לופט זאָלען זיי האָבען!

גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען דערפאַר, — האָב איך טאַקי אָן ברכה־לאה׳ן פערגעסען!

און דערמאַהן איך מיך אַ מאָל, טראַכט איך, אַז עס איז שטיל, האָט אַודאי דער רשע, תשובה געטהון, און עס איז קוש־וואָך!

פשוט — אַז עס געהט איהר גוט, שמעקט זי נישט אריין צו אָרעמע קרובים...

נאָר איינמאָל, קום איך אַהיים מיט אַ פער׳חלש׳ט האַרץ און געשוואָלענע פיס, לא עליכם, — וויל איך מיך וואַשען, נעהמען וואָס עס איז אין מויל אַריין, אָבבענשען און אויסציהען זיך די ביינער אין בעט, — דערצעהלט מיר זוגתי פייגא אַ בשורה

טובה: ברכה-לאה איז דאָ געווען אין האָט געוויינט מיט ביטערע טרערהען; געזאָגט, אַז מיר זענען פּשוט'ע רוצחים, אַז אונז אַרט גאָר נישט איהר פינסטער מזל, אַז זי איז אַ וויסטע יתומה, עלענד ווי אַ שטיין.

דערצעהלט האָט זי, אַז בעלה משה ישראל טהוט איהר אָן געברווינטע לייד. אַז ער איז איהר אַ דם־שונא; ער שלאָגט און הרג'הט זי. ער האָט איהר כמה פעמים בלוט געלאָזט פון דער נאָז, פון די אויערן...

איך פרעג זוגתי פייגאַ'ן: היתכן? אַ יוד זאָל שלאָגען אַ ווייב, בפרט נאָך אַ מעוברת'ע?

ענטפערט זי מיר, אַז דאָס איז טאַקי זיין משוגענער כעס! משה ישראל איז שוין גאָר, גאָר אַראָב פון דרך... קיין בטחון האָט ער נישט, — שרייט ער, אַז ער האָט נישט פון וואַנען צו לעבען, וויל ער, ימח שמו וזכרו, ברכה־לאה זאָל, חס ושלום, אָן זיך אַ מעשה טהון...

די גאַנצע וועלט, — זאָגט ער, — טהוט אזוי!
אַלע גבירישע ווייבער טהוען אַזוי!

און ווייל זי וויל נישט, שלאָגט ער זי און שילט זי מיט טויטע קללות, זי מיט'ן פאָטער צוזאַמען!

אַז איך האָב דערהערט, אַז ער שעלט אָחי, זכרונו לברכה, בין איך שוין געוואָרען מלא חימה! פערגעס איך, וואו איך האַלט אין דער וועלט, חאַפּ דעם שטעקען: מיין טויט, אָדער זיין טויט! קוילען וועל איך דעם כלב! און לויף אָהן אַ האַרץ, אָהן איין אָטהעם...

און איך בין געקומען און געזעהן — — —
צרות האָב איך געזעהן!

די טהיר איז אָפען... אין שטוב — פינסטער־חשך... דער חברה מאַן איז נישט דאָ! עוקר געווען!

קיין כלים, קיין בעטגעוואַנד, — אָבגעצויגען האָט ער זי... און זי וואו איז?

י. ל. פרץ.

זי ליעגט, אויף דער פאָדלאָגע ליעגט זי, זי וואַרפט זיך...

---

## 4.

א נס. זוגתי פיינא תחיה און איהרע מעשים. מען וואַרפט מיך אַרויס און וואו איך געה.

א נס איז געשעהן, וואָס זוגתי פיינא האָט, קיין עין־הרע, א שכל־הישר.

אַז איך האָב געחאַפּט דעם שטעקען און געשריגען, אַז איך געה ממית׳ן דעם כלב, האָט זיך זוגתי פיינא גאָר נישט גענומען צום הארץ... זוגתי פיינא ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין, חס ושלום, קיין רוצח נישט, אַז א פליעג אויף דער וואַנד, וועל איך אויך נישט טויטען. זי ווייסט, אַז, ווען איך קום שוין גאָר אין כעס אַריין, הויב איך ערשט אָן צו וויינען. אַזאַ טבע האָב איך שוין, פאַר כעס גיסען זיך מיר טרעהרען ווי וואַסער.

און דאָס ווייסט אויך זוגתי פיינא, אַז אפילו די תלמידים מיינע שלאָג איך אויך נישט ווי עס דאַרף זיין, און די בעלי־בתים האָבען אויף מיר תרעומות דערפאַר; איך אַליין, האָב אויך א מאָל מורא, אַז איך בין נישט יוצא פאַר גאָט און פאַר לייט; מען דאַרף אַמאָל א שמיץ! און בפרט, זייט איינער פון מיינע תלמידים איז אַרויס לתרבות רעה, גלויב איך א ודאי, אַז מען דאַרף א שמיץ...

נאָר, לאָ׳מיך נישט אַראָב אין א זייט!

הכלל — זוגתי פיינא ווייסט, אַז איך וועל איהם קיין רעה נישט טהון, זיצט זי זיך רוהיג אויפ׳ן בעט. שפּעטער אָבער, אַז עס איז אַריבער איין שעה און א צווייטע שעה און איך קום נישט, האָט זיך ערשט זוגתי פיינא דערשראָקען; איז ביי איהר גע־בליבען, אַז איך האָב טאַקי דען כלב קורע־כרג געווען און מען האָט מיך איינגעזעצט תפוש!

נו — נו! פערגעסט זי שוין אַלע יסורים, פערגעסט זי די קינדער אין די בעטען, דאָס ביסעל כּלי־בית און שטוב; האַפּט זי אויף זיך וואָס עס איז, און לויפט מיר נאָך. זי האָט אפילו פערגעסען די טהיר צו פערשליסען!

איך קיק מיך אום, — זי איז דאָ, און קוים איז זי געקומען, האָט זי שוין מיט איין בליק דערקענט, וואָס עס טהוט זיך!

קודם כּל, אַז זי זעהט, אַז איך שטעה ווי אַ גולם, גיט זי אַ געשריי: בטלן!

און תוך כּדי דבור רייסט זי אויף די טהיר און שרייט. געוואַלד! שרייט זי. און עס בעוויזען זיך באַלד עטליכע שכנות, און זוגתי פייגא קאָמאַנדעוועט, און די שכנות טהוען. און איינע האָט מיך טאַקי, אויף זוגתי פייגא'ס בעפעהל, — אַרויס־געוואָרפען פון טהיר...

וואו געהט מען? אין גאַס איז אַ נאַסער שניי, דער ווינד פּאַטשט אין פּנים אַריין, גנב'ט זיך אַריין דורך די לעכער פון מיינע מלבושים...

געה איך אין בית־המדרש אַריין.

אין בית־המדרש, זענען נאָך געזעסען עטליכע מענשען, וואָס קוקען נאָכ'ן דאַווענען אַריין אין אַ ספר.

נעהם איך מיר אַראָב אַ גמרא!

און שוין! איך דאַרף נישט מעהר!

קוים עפען איך די גמרא — אוים ברכה לאה! אוים דער מאַן איהרער, דער רשע מרושע — אוים וועלט!

ווער איז איין עגונה? ווער איז ענטלאָפען? ווער איז אַ מקשה לילד? גאָר נישט! גאָר נישט!

— — — — — — — — — —

## 5.

מיינע תלמידים, ווער איז מיין רבי? זו תורה וזו שכרה.
משל לצפור... הרהורים רעים און ספקות.

אַז איך אַליין לערן אַמאָל מיט חשק, קענען עס מיינע גבירישע תלמידים נישט פערשטעהן. זיי פרעגען מיך, צי איך דאַרף אויך נאָך לערנען? ווער מיין רבי איז?...

די שוטים! זיי וויסען גאָר נישט, אַז די וועלט איז גאָר אַ וואַהלער רבי, אַז דאגת פרנסה איז אַ רבי! צרות צרורות זענען גוטע מלמדים... דער יֵתוּש, וואָס קראַצט אַלץ־אין־איינעם אין מוח מיט'ן „אם תאמר: מה נאכל?", איז גאָר אַ פייערדיגער רבי! און זיי אַליין, די תלמידים מיינע, און די פאָטער'ס זייערע — די בעלי־בתים מיינע, זענען אויך גאָר פיינע מלמדים... אוי, ווי פיין!

אַלץ טרייבט צום לערנען!

אָבער זו תורה וזו שכרה!

מיש איך אויף די גמרא, — ווער איז צו מיר גלייך.

אַז איך עפען די גמרא, פיהל איך, אַז דער הימעל האָט זיך מיר געעפענט! אַז דער רבונו של עולם האָט מיר מיט זיין גרויס חסד געגעבען פליגעל; גרויסע, ברייטע פליגעל האָט ער מיר געגעבען! און איך פליה מיט זיי; איין אָדלער בין איך! און פליהען — פליה איך וויט, וויט! נישט מעבר לים; פון דער וועלט אַרויס פליה איך!

פון דער וועלט מיט שקר, מיט חנופה, מיט יסורים רעים!

און איך פליה גאָר אין אַ אַנדערע וועלט אַריין! אין אַ נייע וועלט, אין אַ וועלט פון כל טוב, פון רק טוב; אין אַ וועלט, אָהן אַ דעה פון בויכיגע בעלי־בתים, פון מיוחסים — עמי־הארצים; אַ וועלט אָהן אַ צורת מטבע, אָהן דאגת פרנסה. דאָרט איז נישט דאָ קיין מקשה לילד, קיין הונגעריגע קינדער, קיין ווייבערשע קולות!

און דאָרטען בין איך, איך דער אָרעמער, קראַנקער

דערשלאָגענער, אויסגעהונגערטער און אויסגעדאַרטער מלמד, — איך עני מְדֻכָּא, וואָס שטומט דאָ ווי אַ פיש, וואָס מען טרעט דאָ ווי אַ וואָרעם, — איך בין עס דאָרט דער מענש, דער מיוחס, דער בעל דעה! און פריי בין איך, און פריי איז מיין רצון, און צו שאַפען האָב איך! וועלטען בוי איך אויף און וועלטען צעוואַרף איך! און איך בוי מיר נייע אויף זייער אָרט! נייע, שעהנערע און בעסערע וועלטען! און איך לעב אין זיי, פליה אַרום אין זיי! אין גן עדן בין איך... אין אמת'ן גן עדן!

און ווייסען ווייס איך, אַז איך ווייס מעהר, ווי דאָס וואָס איך וויל און קען אויסזאָגען מיינע תלמידים, און וואָס איך זאָג מיר אַליין אויס! און איך פיהל אַזוינס, וואָס מען קען איבער די ליפען נישט ברענגען; וואָס קיין אויג זעהט נישט און קיין אויער הערט נישט, נור אין האַרץ וואַקסט עס, דאָרט לעבט עס, דאָרט קלאַפּט עס!

די שנים אוחזין בטלית, זענען פאַר מיר נישט קיין מענשען פון גאַס, נישט קיין פּראָסטע ראובן ושמעון, ווי איך פערטייטש פאַר מיינע תלמידים! און דער טלית, איבער וועלכען זיי שפּאַרען זיך, איז נישט קיין טלית, וואָס מען קויפט ביי יוסיל פעשעס אין געוועלב... איך נעהם טיעפער!

איך זאַפּ דאָך איין די ניצוצין — די ליכטיגע פונקען פון צווישען די שורות, פון צווישען די ווערטער, פון צווישען די אותיות; די נשמה זאַפּט זיי דאָך איין ווי אַ שוואָם! איך פיהל דאָך, ווי איך ווער אין גאַנצען דורכגעצויגען, דורכגעזאַפּט מיט דער ליכט, וואָס איז טאַקי בעהאַלטען געוואָרען פאַר די צדיקים לעתיד לבא — אויף יענער וועלט!

אוי, נור זיצען און לערנען! נור לערנען!

— — — — — — — — — —

און דאָס מוז איך אייך אויך זאָגען, אַז אויב איך בין אין די גבירישע הייזער, און זעה ווי זיי זיצען און שפּיעלען גאַנצע נעכט אין קאָרטען, אָדער זיי פערברענגען די צייט מיט שיחת־נשים, מיט אַנדערע הבלים...

אָדער אַז איך געה אין גאַס, און זעה דורך איין אָפענע שענק-טהיר, ווי עס זיצט אַ בעל-מלאכה אין אַ וואָלקען פון רויך און טרינקט, און רעדט נאָך גרעסערע הבלים... אַז, ווען איך זעה דאָס אַלץ, זאָג איך אייך, ווער איך גאָר נישט אין כעס... בין איך אויף זיי גאָר נישט מקטרג... אַדרבא: מיר צוגעהט דאָס הארץ פאַר רחמנות אויף זיי!

וואָרען, צוריק געשמועסט, וואָס זאָלען זיי טהון אָהן תורה?...

ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך אַמאָל געקנעלט אין אַ דאָרף, האָט מיר מיין תלמיד געוויזען, ווי צום סוף אַמער פליהען זיך צונויף די פויגעלעך און פערלאָזען אונזער מדינה, איידער דער ווינטער קומט... איך האָב געזעהן ווי זיי נעהמען זיך צוזאַמען גאַנצע מחנות און לאָזען זיך אַוועק וויים, וויים...

די קליינע פויגעלעך קענען נישט און ווילען דאָ נישט בלייבען אין דער צייט פון שניי און פרעסט... אין דער צייט, קען דאָ קיין אָרעם פויגעלע קיין קיום נישט האָבען... און די פויגעלעך וויסען עס: זיי פיהלען, אַז דער ווינטער קומט, אַז זייער מלאך המות קומט...

נאָר איינמאָל האָב איך געזעהן, ווי אַ קליין פויגעלע, אַ בעל מום, נעביך, מיט איין צובראָכען פליגעלע, האָט געהיפּט און געהיפט איבער דער נאַסער, קאַלטער ערד, עס האָט געפּישפּשעט, און עס האָט זיך נישט געקענט אויפהויבען אין דער הויך, נאָכצופליהען די גרויסע פויגעל...

און עס איז אַ צער בעלי חיים געוועזען צו קוקען, ווי דאָס אָרעמע פויגעלע האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען, און אַלץ געהיפט און געהיפט, און געקוקט, ווי יענע, די פרייע פויגעלעך פליהען, פליהען הויך, הויך אַוועק...

און דענסטמאָל האָב איך מיר געטראַכט: צו דעם קראַנקען פויגעלע איז געגליכען די נשמה פון איין עם הארץ!...

פליהען קענען זיי נישט די עם־ארצים; זיי האָבען קיין פליגעל, קיין תורה נישט!

גיב זיי תורה, גיב זיי פליגעל, וועלען זיי פליהען... וועלען זיי אויך פליהען ארויף, צו די הויכע וועלטען!

מען האָט זיי אָבער די פליגעלען צובראָכען, היפּען זיי אַרום אויף דער ערד, איבער דער קאַלטער בלאָטע...

רערט מען נבול־פּה, שפּיעלט מען אין קאָרטען!

דער רייכער אין סאַליע, דער אָרעמער אין שענק...

נאָר, לאָ'מיר צוריקגעהן צו דער זאַך...

הכלל — איך זיטץ און לערן...

ביסלעכווייז איז זיך דער קליינער עולם צוגאַנגען... דער שמש איז אַרויסגעגאַנגען דער לעצטער...

וואָס אַהרט עס מיך? איך זעה גאָר נישט!

ביי אַ ליכט, אין ווארעמען בית־המדרש, ביי דער אָפענער גמרא, האָב איך, אפילו איינער אַליין, קיין פחד נישט!

און פערטיעפט בין איך געוועזען, ווי עס דאַרף צו זיין!

תורה, ווייסט איהר דאָך, איז געגליכענט צו אַ ים, פאַליעס שלאָגען!

איינשלינגען ווילען זיי מיך... נאָר איך קען שווימען! איך לאָז מיך אַראָב און שווים אַרויף, און בין ווייטער אויבען אָן! מהייל מאָל ווערט שטיל דער ים; ער ווערט שעהן, ריין, און קלאָר ווי דער הימעל... און מיין נשמה באָדט זיך אינם פרישען, מחיה'דיגען וואַסער; זי גליטשט זיך ווי איבער אַ שפּיגעל, מיט תענוג, מיט חן... און דאָס וואַסער וואַשט זי אַרום, רייניגט זי אָב פון אַלע פלעקען, מיט די שווארצע עולם־הזה פינטעלעך!

און ריין, און הייליג ווערט די נשמה...

נאָר פּלוצלונג דערפיהל איך אַ בריה אין פינגער... און איך בלייב אין דער פינסטער...

צווישען די פינגער איז מיר דאָס ליכטעל אויסגעגאַנגען...

אונ אַליין, אין דער פינסטער, האָב איך מורא!
עס פאַלט אויף מיר אַ גרויסער פחד...

אַז עס איז ליכטיג, ביי טאָג צי ביי נאַכט, שרעק איך מיך נישט.

מיר איז גוט! איך זעה די וועלט אַרום מיר, איך פיהל דעם בעל בית איבער דער וועלט! איך זעה די וועלט, און די וועלט זעהט מיך; און איך ווייס, אַז איך בין אַ חלק פון דער וועלט, אַז איהר בעל הבית איז אויך מיין בעל הבית; אַז אָהן זיין רשות, וועט מיר קיין האָר נישט געקרימט ווערען. ער וועט נישט לאָזען, און די וועלט אַליין וועט אויך נישט לאָזען...

וואָרען — פאַר וואָס, פאַר ווען?

אָבער אין דער פינסטער, אַז איך בין אַליין אין דער פינסטער, אַז איך זעה נישט די וועלט, — אוי, דעמאָלט ווער איך גאָר אויס מענש! בייזע געדאַנקען בעפאַלען מיך דעמאָלט! דעמאָלט דאַכט זיך מיר, — זאָל מיך גאָט דערפאַר נישט שטראָפען, — אַז איך האָב גאָר קיין שייכות נישט מיט דער וועלט, אַז מען האָט מיך פון איהר אויסגעריסען און אוועקגעפיהרט...

איך געהער מיך מיט איהר נישט אָן; נישט איך, נישט מיין ווייב, נישט מיינע קינדער... מיר האָבען מיט איהר קיין מגע ומשא נישט!... אָט חאַפּט מען מיך, אָבער איינם פון זיי, אַוועק, גאָר אין דער שטיל אַוועק און קיינער וועט נישט זעהן, קיינער וועט נישט וויסען, פיהלען אַוודאי נישט?

און, קוים איז אויסגעגאַנגען דאָס ליכט, איז מיר אויסגעגאַנגען די נשמה יתרה פון לערנען; בין איך געבליבען ביי מיין ציטעריגע, דערשראָקענע, פשוט'ע נשמה, פון אַ קבצן — אַ מלמד...

איך בין שוין צוריק אַ גאָר נישט, אַ וואָרעם, אַ פאַרלוירענע זאַך...

און די ליפּען מיינע ציטערן: גאָט זאָל העלפען, גאָט זאָל העלפען...

און דאָס האַרץ נאָגט און פּלאָגט: ברכה לאה וועט גע־ווינען, אַ ודאי וועט זי געווינען... און נאָך אַ צווילינג וועט זי האָבען! די מאַמע איהרע איז מפורסמת געוועזען מיט צווילינגער!

טאָמער האָסט דו וועניג ווייב און קינד, נאַ, פּאַלט אויף דיר גאָר ברכה לאה מיט אַ קינד, ברכה לאה מיט צוויי, דריי קינדער... זיינוויל יחיאל איז אַ שוכן עפר; ער זיצט זיך דאָרט אין גן עדן און לערנט תורה; און דו האָרעווע... זיי מפרנס...

און די ליפּען ציטערן: זאָל גאָט רחמנות האָבען, זאָל גאָט רחמנות האָבען!

און שלעכטע געדאַנקען זאָגען: אַז גאָט זאָל זיך װעלען מרחם זיין, האָט ער קיין אַנדערע עצה נישט, נאָר דעם מלאך המות צו שיקען... צו מיר... צו דער יולדת...

— רחמנות'דיגער גאָט, רחמנות'דיגער גאָט!

און איך ווייס, אַז איך זינדיג פאַר גאָט, אַז איך ווער, חס ושלום, אַ כופר בעיקר. איך ווייס, נאָר איך האָב קיין שליטה נישט צו פערטרייבען פון האַרץ אַרויס דעם שד... די בייזע מחשבה... וואָרען איינער אַליין בין איך שוואַך! אין דער פינסטער — גאָר שוואַך!

איך ווייס, אַז איין רפואה דערצו איז תורה, און איך וויל לערנען אויסענווענינג, איך וויל מיך דערמאַהנען די סוגיא, און איך קען נישט! איך האָב זי פערגעסען, איך האָב אַלץ פערגעסען! כל התורה כלה פערגעסען!

און מיט אַלע כחות האָב איך דעמאָלט אויסגעשריען:
רבונו של עולם! העלף מיר! העלף מיר!
און — עס איז מיר אַ נס געשעהן!

---

## 6.

על הנסים. אור הגנוז. אַ תקון פאַר אַ נשמה. אַ מלאך המות,
וואָס קומט, ווייל מען האָט'ן גערופען!

שפּעטער, אַז איך האָב דערצעהלט די מעשה אַ משכיל׳ מיינעם אַ געוועזענעם תּלמיד, האָט ער געלאַכט, און ווי הייסט געלאַכט! עס איז — זאָגט ער — גאָר קיין נס נישט געוועזען! נאָר אַ מקרה, אַ צופאַל, זאָגט ער, אָדער אַ כח הדמיון און אפשר פשוט אַ חלום... וכדומה...

נאָר, וואָס אַרט עס מיך?

יתרו, ווייס איך, האָט זיעבען נעמען געהאַט, און געוועזען איז איין יתרו!

רוף עס ווי דו ווילסט: נס, מקרה, כח הדמיון... מעשה בלייבט מעשה!

און איך ווייס נאָר, אַז בשעת מעשה, ווען עס האָט זיך מיר שוין געדאַכט, אַז איך פאַל, חס ושלום, אין שאול תחתית אַריין, איז פּלוצלונג דאָס גאַנצע בית המדרש געוואָרען פול מיט ליכט! און אַ וואונדערליך זיסע ליכט! אַזאַ בלאָע ליכטיג-קייט, ווי די זוילען, וואָס לאָזען זיך אַ מאָל, זומער-צייט, משופּע אַראָב פון דער זון, אין שטוב אַריין דורך אַ פענסטער...

די זויל, זעהט מען בחוש, בעשטעהט פון קליינע, ליכ-טיגע טראָפּפען, און יעדער טראָפּפען יאָגט זיך בליצענדיג אַרום אין דער זויל...

און אַזאַ זויל האָט דעמאָלט דערפילט דאָס גאַנצע בית המדרש...

און פּלוצלונג ווער איך רוהיג... אוים מחשבות!...

דאָס בית המדרש איז פול מיט זיסער ליכט! און איך ווער פול מיט ליכטיגען, זיסען בטחון! און אַלץ אין מיר איז אַזוי קלאָר, אַזוי ריין, אַזוי קריסטאַלען!

און, אַז איך קוק מיך אום אויף מזרח זייט, פון וואַנען די זויל שלאָגט, דערזעה איך עמיצען!

און ווען, מיינט איהר, דערזעה איך?

אחי, זכרונו לברכה דערזעה איך! און טאקי, אויף דעם ארט, וואו ער פלעגט שטענדיג זיטצען און לערנען!

און ער זיצט ביי א ספר... זיין פנים זעה איך נישט, ווייל ער האלט אונטערגעשפארט דעם קאפ אויף דער האנד; נאר דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז דאס איז ער!... אז דאס איז אחי זיינוויל יחיאל...

און איך האב מיך גאר נישט געשראקען!

דען דער כלל איז: ווער עס האט קיין מורא נישט פאר לעבעדיגע, דער ציטערט פאר טויטע... אבער איך? איך ארעמער ווארעם, וואס ציטער שטענדיג פאר אלעם וואס לעבט, וואס זאל איך מורא האבען פאר טויטע? און פאר ווען? פאר אחי זיינוויל יחיאל, וואס איז נאך ביים לעבען געווען א זייד? און איך פרעג פשט פשוט:

— דו ביסט עס, זיינוויל יחיאל?!

— איך! ענטפערט ער, און נעהמט אוועק די האנד פון די אויגען.

איך דערזעה זיין פנים... עס שלאגט דערפון אזא מין ליעבליכקייט; אין די אויגען זיינע שטעקט אזא מין מתיקות...

און איך פרעג ווייטער:

— וואס טהוסט דו דא, ברודער?

און ער ענטפערט מיר:

— וואס איך טהו? זעהר פיעל טהו איך! ביי'ם לעבען בין איך דא געזעסען און געלערנט, און דער שטן האט מיך מבלבל געווען, דאגת פרנסה האט זיך אריין-געמישט, און איך האב איבערגעהיפערט כמה וכמה מקומות, און א סך אהן כונה געלערנט... טהו איך צונד, וואס עס איז אויף מיר נגזר געווארען, מתקן צו זיין די נשמה! איך חזר איבער.

— און א'לץ מיט כונה?

ער שאקעלט מיט'ן קאפ אויף יא, און איך זאג:

— זיינוויל יחיאל דו לערנסט מיט כונה, ווייל דו ווייסט נישט...

און ער שלאָגט מיר איבער די רייד מיט זיין זיס קול:

— שוטה, — זאָגט ער — גאָר פערקעהרט; ווייל איך וויים, לערען איך היינט מיט כונה! לעבעדיגערהייט, האָב איך ווענינ געוואוסט, אַסך ספקות געהאַט, בין איך אַריבער איבער אַסך זאַכען אָהן כונה; וואָרען נאָר דאָס, וואָס מען ווייסט נישט איז מבלבל, די ספקות...

אַצונד אָבער, אַז איך וויים, אַז איך האָב קיין ספקות נישט, איז אַלץ מיט כונה!

— און דו ווייסט, אַז משה ישראל?...

— ... איז אַנט־אָפען קיין אַמעריקאַ? איך וויים! איך וויים אַ ילו מיט וואָס פאַר אַ שיף ער איז אַוועק... טרפות עסט ער אויף דער שיף; איך וויים!

— און ווייסט, אַז ברכה לאה...?

— ... איז מקשה לילד? אַ ודאי וויים איך. איך וויים אפילו, אַז זי וועט האָבען אַ בן זכר...

— נישט קיין צווילינג?

— ניין, קיין צווילינג וועט זי נישט האָבען! נאָר גרוים רחמים דאַרף זי! דאָס קינד וועט זיין אַ בעל מום... דער רשע האָט איהר אַ שטיים געטהון און מקלקל געווען...

און איך פרעג ווייטער:

— און טאָמער ווייסט דו, פון וואַנעט זי וועט לעבען?

— דאָס וויים איך אויך, — מאַכט ער בנעימות. ער רוקט זיך צו מיר נעהנטער צו, נעהמט מיך אָן ביים אַקסעל, און זאָגט:

— קוק אַרוים, קוק דורכ׳ן פענסטער!

איך פאָלג.

— נו, וואָס זעהסט דו?

— איך זעה, עמיץ געהט פאַרביי... אָנגעטהון אין ווייסען... דאָס פנים זיינס שיינט, גלייך די שכינה וואָלט דרויף

גערוהט, אין לשער שיינט עס... און ער געהט זיך פאַמעלעך.

מיך דאַכט, איך הער ווי אַ כלי זמר שפּיעלט געהענדיג, אַ זיסען, האַרצענדיגען נגון!...

אָט איז ער פערבייגעגאַנגען דער מענש...

— נישט קיין מענש איז עס געווען, — אַ מלאך!

— אַ מלאך?

— אַ מלאך, און אַ גוטער מלאך... זעהר אַ גוטער! דער מלאך המות!

— דער מלאך המות? ווער איך שוין דערשראָקען.

— וואָס ציטערסטו דו אַזוי? ווילסט פאַר'ן ענטלייפען?

— און וואו, וואו אַהין איז ער געגאַנגען דער מלאך?

— וואו אַהין? צו ר' שמחה'ן, דעם גביר; זיין טאָכטער איז אויך מקשה לילד...

— איך וויים... פאַר איהר מיט'ן ולד, האָב איך היינט פריה מיט אַ חברה תהלים געזאָגט...

— תפלה עושה מחצה; דאָס קינד וועט לעבען..

— און זי?

— האָסט דאָך געזעהן!...

— דאָס איז ער געגאַנגען צו'ן איהר!... און אַזוי אָהן אַ חשק, טריט ביי טריט; פאַר רחמנות?

— אפשר! נאָר ער האָט זיך נישט וואָס צו איילען; נישט גאָטס שליח איז ער!

— וואָס רעדסטו דו? — שריי איך דערשראָקען, — ווער נאָך האָט צו שאַפען?

— דער מענש האָט אויך, זיין רצון... זי אַליין האָט'ן גערופען...

— זי אַליין?!

— זי האָט נישט געוואָלט קיין קינד האָבען, קיין מאַמע זיין! אויך מקלקל געוועזען...

— רבונו של עולם! — האָב איך אויסגעשריגען מיט גרויס צער, — זי וועט שטאַרבען פאַר איהרע זינד... אָבער

וואָס איז דאָס קינד, נעביך, שולדיג? דאָס קינד וועט בלייבען אַ יתום... רבונו של עולם!

— שריי נישט, נעהמט מיך זיינוויל יחיאל אָן ביי דער האַנד, שריי נישט! ברכה לאה וועט זיין דעם קינדס אַם!

... און פון היינט אָן ווייס: ווער עס שענקט דאָס לעבען, דער גיט פון וואָס צו לעבען!

ובאותו רגע, איז ער מיר אין דער לופט צורונען, די ליכטיגע זייל איז פערשוואונדען, און דורכ'ן פענסטער האָט שוין אַריינגעקוקט דער בלאַסער מאָרגען.

---

## 7.

ווער עס גיט לעבען, גיט פון וואָס צו לעבען.

איהר קענט אייך גאָר נישט משער זיין, וואָס איך האָב בשעת מעשה געפיהלט!

איך בין אַנידערגעפאַלען, ווי גרויס איך בין; די קוואַלען פון די אויגען האָבען זיך מיר געעפענט, און די טרעהרען האָבען זיך געגאָסען, און געגאָסען...

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט מיט טרעהרען וויין איך, נאָר מיט שטיינער; אַז שטיינער קומען מיר אַרויף פון האַרץ און קאָלערן זיך מיר דורך די אויגען אַרויס! וואָרען, וואָס מעהר טרעהרען עס זענען אַרויס, וועניגער שטיינער איז מיר געבליבען אויפ'ן האַרץ, לייכטער איז מיר געוואָרען און פרייער!

און די מעשה ענדיגט זיך שוין.

איך געה אַהיים.

די טהיר, זעה איך, שטעהט אָפען!

איך קום אין שטוב אַריין, און ביי'ם שוואַכען שיין פון בלאַסען מאָרגען, זעה איך, אַז דאָ זענען גנבים געווען!

די כלים פון שטוב זענען פערשוואונדען!

— מאַכט נישט אויס! טראַכט איך.

די קינדער הוסטען פון שלאָף, טרוקען און הייזעריג.

איך הער און טראַכט מיר — עס שאַדט נישט, עס מאַכט נישט אויס!

באַלד קומט אָן זוגתי פייגא. זאָגט זי מיר: מזל טוב! ענטפער איך איהר:

— אַ יונגעל, אַ בעל־מום!

בלייבט זי פערגאַפט.

— אַ נביא ביזט דו צי וואָס? און הערט נישט ווי די קינדער הוסטען, און זעהט נישט ווי די שטוב איז אויסגעלעערט.

— פון וואַנען ווייסט דו דאָס אַלץ?

און איך זאָג איהר:

— און נאָך ווייס איך, זוגתי פייגא! איך ווייס, אַז ר׳ שמחה דעם גביר׳ס טאָכטער, איז אַוועקגעקומען („נפטר״ האָט זיך מיך אויף דער צונג נישט געלעגט), דאָס קינד — אַ בן זכר — לעבט! און ברכה לאה וועט זיין זיין אַם!

— ווער האָט דיר דאָס אַלץ געזאָגט?

— וואָרען, — ענטפער איך איהר — ווער עס גיט לעבען, גיט פון וואַנען צום לעבען.

און איך האָב איהר אַלץ דערצעהלט!

---

# ב׳

## וואָס אַמאָל געווען.

זאָגט יוחנן המלמד: אַז די משכּילים האָבען נישט געלאַכט און אַנשי שלומנו האָט נישט פערדראָסען, פאַר מיין ערשטער

מעשה, איז אַ סימן, אַז איך בין גערעכט; אַז עס איז אַזוי ווי איך זאָג: אַז די גאַנצע נפקא מינה צווישען אַ משכּיל און אַ חסיד איז היינטיגע צייטען נישט מעהר ווי אינ׳ם נאָמען. איי וואָס, חברה שלאָגט זיך, מאַכט קולי קולות, איז עס אויך נישט מעהר ווי צוליעב דעם נאָמען...

און אויב אַזוי, וואָס שווייג איך?

די ביהן, וואָס נאָגט זאַפט פון גראָזען און בלומען, גיט האָניג; און איך, וואָס האָב מיך אין לעבען אַ סך אָנגעזעהן — בין מחויב צו דערצעהלען.

און איך וויל אייך דערצעהלען, וואָס איך האָב מיך דער־מאַהנט, בשעת׳ן קנעלען...

געקומען דערצו בין איך דורך מיין תלמיד איציק׳ל, וואָס האָט ליעב צו האָבען מיט מיר וכּוחים! אַז איך פערשווייג איהם, מחמת בטול תורה, מיינט איציק׳ל, אַז איך בין איהם מודה! זאָל איהם השם יתברך העלפען...

און דער בחור איציק׳ל האַלט שטאַרק פון היינטיגע צייטען...

— אַ שפּאַס, — זאָגט ער, — אַ וועלט! סאַמע מאַשינען, (דער פאָטער זיינער האָט אַ פאַבריק), אַלץ געהט אויף פּאַרע און עלעקטרי; דאָס זענען, — זאָגט ער, — אונזערע משרתים: זיי מאַהלען אונז מעהל, באַקען ברויט, מאַכען זייף, פיהרען איבער פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, ריין קפיצת הדרך!...

און ער איז בטוח, אַז די בעלי המצאות וועלען נאָך חאַפּען אַמאָל די ווינטען און וועלען זיי איינשפּאַנען צו׳ם וואַרשטאַט; מען וועט נאָך צוזאַמענגעהמען די שטראַהלען פון דער זון, און הייסען זיי, למשל, שטיוועל פוצען! און דער עיקר — מען וועט נאָך אַמאָל אויף באַלאָנען פליהען אין דער לופט, ווי מלאכי השרת, להבדיל...

מילא, בנוגע צו דער מלאכה, צו די מאַשינען, איז נאָך צו דערליידען... איין דור ירש׳נט המצאות פון צווייטען —

ווערט, וואָס אַ מאָל, מעהר המציאות; דאָס קינד אויפ'ן פּאָטער'ס אַקסעל איז העכער פאַר'ן פּאָטער...

מיין תלמיד איציק'ל זאָגט אָבער, אַז בכלל דער מענש ווערט וואָס אַמאָל קלוגער, פיינער, הן אין דעות, הן אין מדות טובות...

וואָס אַ יאָהר, — זאָגט ער, — וואַקסט מען מיט אַ קאָפּ אין דער הויך.

אפשר קומט עס דערפון, וואָס מיין תלמיד, איציק'ל, איז בטבע אַ בעל מזג טוב. און אַגב—איז ער טאַקי צופריעדען פון דער וועלט!

דער שלום — זאָגט ער — פערשפּרייט זיך אין אַלע לענדער, מדת הרחמים וואַקסט פון טאָג צו טאָג, (מען גיט גוזמות צדקה; דער טאַטע זיינער, דער גביר, גיט אויך אַסך!), און באַלד, באַלד, — זאָגט ער, — וועט מקוים ווערען ישעיה הנביא'ס ווערטער, וגר זאב עם כבש, — עס וועט וואָהנען אַ וואָלף צוזאַמען מיט אַ שעפּעלע, און ווי ווייטער שטעהט...

און אָט אין דעם בין איך מסופק!...

איך דערמאַהן מיך אָן שלמה המלך'ס שאלה: ווער ווייסט? צי שטייגט דער גייסט פון מענש אַרויף?... וואָרען ווייסען ווייס איך, אַז עס איז פערהאַן אומריין וואַסער, וואָס פליסט אין זאַמד, און, פליסענדיג, ווערט עס וואָס אַ מאָל ריינער, ווייל עס לאָזט איבער דאָס אומריינקייט אין זאַמד; צו'ם סוף קען מען אפשר דאָס גאָר טרינקען! עס איז אָבער אויך פערהאַן קוואַל וואַסער, וואָס פליסט פון אַ פעלז, גאָר פון אַ ריין, גאָר פון אַ הויך אָרט, נאָר עס פליסט איבער אַ מושב, און וואָס ווייטער עס געהט, שמוציגער ווערט עס; סם ווערט עס?

צו וועלכען וואַסער זענען מיר גלייך?

איך זיץ און טראַכט, און עס שטעלען זיך מיר פאַר די אויגען: ר' זישעלע, זכר צדיק לברכה — דער בעוואוסטער גאון עולם וואָס איז געזעסען אַ יאָהר צוואַנציג על כסא הרבנות אין זאַמושץ, און דער זוהן זיינער ר' יחיאל, עליו השלום, אַ יוד אַ

גביר, וואָס מען האָט מיט'ן געטהון אַ שדוך מיט אַ לובלינער גביר, און ער איז דאָרט געזעסען על התורה ועל העבודה, און וואָס זיינע צדקות ומעשים טובים האָבען גע'שם'ט אויף דער וועלט!

און אַ דריטער, אייך נישט מיט דער האַנד אָוועקצומאַכען, ר' יחיאל, עליו השלום'ס, אַ זוהן, דעם גאון'ס ר' זישעלע'ס איין אייניקעל, להבדיל בין החיים והמתים, הגביר הנכבד ר' יוסף, איציקל'ס, מיין תלמיד'ס, פאָטער, וואָס וואָהנט דאָ אין ווארשא, האָט אַ גרויסע פאַבריק און איז איין איש מכובד אין דער גאַנצער שטאָדט.

. . . . . . . . . .

לאָ'מיר צוריקגעהן צו ר' זישעלען.

עס איז ידוע לכל, אַז ר' זישעלע איז געווען איינער פון די גדולי הדור!...

יונגעל-וויז, האָט ער געלערנט ביים ליסא'ר רב, — גאָר אַ פערצייטישער גאון! דער ליסא'ר רב האָט פון איהם געהאַלטען עולם ומלואו; ער דערמאָהנט'ן אין אַ תשובה, וואו ער שרייבט מיט דעם לשון: „און מיין תלמיד מובהק, כמ"ר זישע, האָט פאַר מיר געלערנט די סוגיא, און האָט זיך אַראָבגעלאָזט אינ'ם טיעפען וואַסער, און האָט אַרויף-געבראַכט אַ טייערע פערל. און בטוח בין איך, אַז ער וועט זיין אַ גדול בישראל".

און אַזוי איז טאַקי געווען!

ר' זישעלע איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ געהענדיגע שאַנק מיט ספרים, — אַ גרייליכער זכרון, אַ קלאָרער שכל, — אַ גאון מיט אַלע מעלות.

און פאַר וואָס דען האָט מען איהם גערופען: ר' זישעלע, פאַר וואָס נישט ר' זישע?

ער שטענם — פאַר גרוים ליעבשאַפט:

ער איז אַ גרויסער ענו געווען, אַ גרויסער מרוצה לבריות... אַ לייב אין תורה ועבודה, אין קהל-זאַכען; נישט געקוקט אויף בעלי-בתים תקיפים, אויף גבירים גרויסע... און געשטעלט אויף

זיך; ביי אַ הפסד מרובה, האָט ער אפילו אויף אַ קדמון אַ מחמיר נישט געקוקט. קיים איז געגאַנגען אין יודיש געלד, פּלעגט ער זאָגען: דער קדמון איז געווען רב אין זיין צייט און אין זיין שטאָדט, און איך בין מרא דאתרא אין מיין צייט און אין מיין שטאָדט.

און דער אייגענער ר׳ זישעלע האָט געפיהרט זיין רבנות — די קהלה מיט דייטשען, בעלי בתים, אַלערליי כתות חסידים און בעלי מלאכות, טאַקי ווי אַ גוטער פּאַסטוך פיהרט די שאָף...

פּאַר דעם האָבען אַלע מורא געהאַט, קיין הויך וואָרט נישט גערעדט!

ער האָט נאָר געדאַרפט זאָגען: איך מיין אַזוי און אַזוי... און עס איז געווען גענוג!

וואָרען, אַז נישט, — „וועט ר׳ זישעלען פערדריסען!" און ר׳ זישעלען זאָל נישט פערדריסען, וועט דער וואָס האַלט די פּאַכט, נישט הויבען דעם מקח פון פלייש.

ר׳ זישעלען זאָל נישט פערדריסען, וועט דער וואָכערניק נישט פערקויפען דעם אביון׳ס משכון...

ר׳ זישעלען זאָל נישט פערדריסען, וועט די חברה קדישא נישט בעליידיגען די נושאים, און די חברה נושאים וועלען זיך נישט שטעלען קעגען די גבאים פון חברה־קדישא... עס וועלען זיך אפילו די חסידים קיין בעזונדערן שוחט נישט אויפנעמען!

און, ווען אַלע ציטערן פאַר ר׳ זישען, וואָס איז שטיל ווי אַ טויב, ציטערט ער נישט מעהר, נאָר פאַר חמץ בפסח!

אַ גאַנץ יאָהר איז כחא דהיתרא עדיף... כשר און כשר; ביי הפסד מרובה — אַ ודאי כשר!

און פסח — אַלץ טרפה! טרפה און טרפה; אסור באכילה, אסור בהנאה, מען צוברעכט די כלים — סכנת נפשות!

און פאַר וואָס שרעקט ער זיך? פאַר דער „משהו" שרעקט ער זיך! אַ קליינינגקייט, זאָגט ער: אַ משהו! און וואָס קומט? כרת! דער עונש איז: „ונכרתה הנפש ההיא מעדת ישראל!"

און ער זאָגט: בעסער אַלע מדורות פון גיהנם, — דאָס

נעהם איך אויף מיר, פאַר אַ יודישען גראָשען,—אלם כרת, אַרוים פון כלל ישראל!

אַ טיעפער ענין!

דאָס איז ערשטענס...

אין צווייטענס (רופט מען איהם ר' זישעלע), ווייל ער איז געווען גאָר קליין געוויקסיג.

די גרויסע נשמה האָט געשטעקט אין אַ גוף, וואָס האָט געקאָנט שפּאַציערען אונטער'ן טיש!

אַז ר' זישעלע זיצט אויבען אָן אויף איין אסיפה פון די בעלי בתים, זעהט מען איהם נישט אַרוים; האָטש אַ ספּאָדיק האָט ער געטראָגען אַ הויבען...

אַז אַ בעל־הבית פערשפּעטיגט זיך, פרעגט ער: שוין דאָ אונזער ר' זישעלע? אומקוקען זיך העלפט נישט.

פאַר דאָס אָבער, אַז ער זעהט, אַז עס איז שטיל, אַז דער עולם האַלט די קעפּ אָן אַ זייט און הערט זיך איין—ווייסט ער שוין, אַז ר' זישעלע איז דאָ.

שמייכעלט ער, דער בעל־הבית, און טראַכט: „עס שיטען זיך שוין פּערל פון ר' זישעלעס מויל... דער עולם שווייגט און שלינגט זיינע ווערטער... לעבען זאָל ער, ר' זישעלע!“

דער עיקר האָט ר' זישעלע זיך צוגעלאָזט צו קינדער! ער האָט זעהר ליעב געהאַט קינדער.

דער יונגער עולם אין בית המדרש האָט עס געוואוסט, און קוים האָט זיך ר' זישעלע געוויזען אין בית המדרש אַריין, פאַר יום־כפּור־קטן, צי פאַר איין אסיפה, פלעגט איהם חברה אַרומרינגלען פון אַלע זייטען, מיט אָפּענע גמרות, מיט אַלערליי שאלות, פון דער סוגיא, פון יענער סוגיא, פון אַ רמב"ם. און ער פלעגט שמייכלען, יעדען ענטפערן מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען, מיט שמחה און ליעבשאַפט אין די קינדישע אויגען, וואָס ער האָט געהאַט ביז יום פטירתו, און זיין זיס קול'כעל, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ זילבערן גלעקעל!

נאָר אַרויסגעזעהן פון צווישען דעם קליינעם עולם האָט מען איהם נישט!

איינמאָל האָט זיך געטראָפֿען אַ מעשה, שעבערשין — דריי מייל פון זאַמושץ — האָט זיך אַראָבגעברענגט אַ נייעם רב, פון ערגיץ פון דער פרעמד; ער האָט ר׳ זישעלען פון פנים נישט געקענט, און באַלד נאָכ׳ן ערשטען שבת, נאָך דער ערשטער דרשה, איז ער געקומען קיין זאַמושץ צו ר׳ זישעלען...

טרעפט ער איהם נישט אין דערהיים, געהט ער דערווייל אין בית־המדרש אַריין; וואו דען זאָל געהן אַ שעבערשינער רב?

זעהט ער אַ רעדעל יונגלעך, און איינער אין דער מיט קלינגט מיט׳ן קול איבער׳ן גאַנצען בית המדרש און ענטפערט אַלע תוך־כדי־דבור, כלאחר־יד..

געהט ער צו; ווערט ער נבהל ומשתומם, און פרעגט: וואָס איז עס דעם יונגעל געשעהן, וואָס ער איז גראָה גע־וואָרען ווי אַ טויב?...

מוסף ראש־השנה פלעגט ר׳ זישעלע דאַווענען פאַר׳ן עמוד אין שוהל. און שוהל פאַר׳ן עמוד איז דאָך טיעפער, „ממעמקים קראתיך ה׳“, זעהט מען דאָך ר׳ זישעלען אַ ודאי און אַ ודאי נישט אַרויס... דער עולם וויל דאָך אָבער זעהן, ווי זיין קליין זיס קעפעל הוידעט זיך. און דער שווערט זיך נאָך, אַז אין די תנועות פון זיין קעפעל, צוזאַמען מיט זיינע זיסע נגונים׳לעך, פערטייטשען זיי אַלע תפלות... שטעהען זיי טאַקי גאַנץ מוסף אויף די נעגעל; אַנדערע שפרינגען אַרויף אויף די בענק.

און אַ שונא־בצע איז ער געוועזען גאָר אַיין אויסטער־לישער.....

כמעט יעדעס יאָהר קומען שלוחים פון די גרעסטע שטעדט און בעטען זיך ר׳ זישעלע זאָל אָננעמען דאָרט דאָס רבנות!

מען וויל ר׳ זישעלען אָבגילטען.

ער וויל נישט הערען און געדענקען...

און ער מאַכט זיך אַיין הלצה׳לע: איך האָב עמיצען, — זאָגט ער — חס ושלום, גע׳הרג׳עט, איך זאָל דאַרפען זיין נע ונד?!

בעט זיך ביי איהם די שטאָדט: רבי זישעלע קרוין, רבי לעבען, לאָזט אייך חאָטש מוסיף זיין אויף די שכירות...

בייזערט ער זיך: וואָס ווילט איהר מאַכען פון מיר אַ פרעסער אויף דער עלטער? זאָט בין איך אַזוי אויך!

און וויפיעל נעמט ר׳ זישעלע שכירות? פונפציג פוילישע גילדען אַ וואָך!

און קיין רח״ש נעמט ער נישט.

ר׳ זישעלע זאָגט, אַז ער איז אַ רב, נישט קיין מקבל! פסק־געלד, גיט ער אַוועק די דיינים.

זיין תורה, — זאָגט ער, — פערקויפט ער נישט; אפילו זיין שכל הישר ביי אַ פשר, האָט ער אויך נישט צו פער־קויפען...

יום־טוב־געלד — פערשענקט ער די שמשים.

דאָ זוכט ער שוין קיין תירוץ נישט; גלאַט — אָרעמע יודען!

שלח־מנות וויטער טוישט ער... וואָס ער בעקומט פון רייכע, שיקט ער אָב אביונים; פון די אביונים, וואָס ער בעקומט, שיקט ער אָב די רייכע. און ער עסט, וואָס די רבי׳צין באַקט...

„אדם רוצה בקב שלו!״

נאָר דאָס אַלץ האָב איך אייך דערצעהלט אַגב אורחא... אַז מען דערמאַהנט ר׳ זישעלע, מוז מען חאָטש אַביסעל דער־צעהלען!

דער עיקר איז דער מנהג, וואָס ר׳ זישעלע האָט געהאַט.

עס פלעגט זיך איהם טרעפען אַרויסצוגעהן דער לעצטער פון שטוב און צו פערשליסען די טהיר. זעהענדיג, אַז די טהיר איז אַלט, דער שלאָס נישט יונגער, און אַז מיט אַ ליאַדע קלאַפ

צוברעכט מען בײדע, טראַכט ער, אַז עס איז איהם לײכט צו בע'גנב'נען, און —

— ריב גנבי ישראל נינהו! — זיפצט ער.

און ר' זישעלע װיל נישט, אַ יוד זאָל, חס ושלום, נכשל װערען דורך דעם, װאָס ער פערגעסט צו פערריכטען די טהיר...

װאָס טהוט ר' זישעלע?

זאָגט ער:

— רבונו של עולם, זײ דו מײן עדות, אַז איך בין מפקיר, אַז איך ציה אױס פון מײן רשות מײן גאַנץ האָב און גאָב, הן מטלטלין פון שטוב, הן באַרעס געלד, װאָס איך װײס, און װאָס איך װײס נישט.

און אַז ער איז צוריק אַהײם געקומען, האָט ער צוריק זוכה געװעזען מן ההפקר!

---

איך האָב מאריך געװעזען בײ ר' זישעלע, זכרונו לברכה'ן, װעל איך שױן בײ זײן זוהן מיט'ן אײניקעל מקצר זײן...

װי אױבען איז געשטאַנען, האָט ר' זישעלע געטהון מיט ר' יחיאל'ן אַ שדוך פון לובלין. אַ צײט לאַנג האָט ר' יחיאל גע־געסען קעסט, דערנאָך איז ער געװאָרען אַ בעל־הבית פאַר זיך. אײן עושר במזומן איז ער געװעזען, כל ימיו האָט ער זיך מפרנס געװעזען פון פראָצענט, און איז זיך געזעסען על התורה ועל העבודה, און האָט עוסק געװעזען אין מצוות ומעשים־טובים.

קײן װאָכערניק, פערשטעהט זיך, איז ער נישט גע־װעזען...

און אײן מדה האָט ער גע'ירש'נט פון פאָטער ר' זישעלע — נישט מבײש זײן קײן שום בן־אדם! און — ענײװת!

ר' יחיאל מישט זיך שטאַרק אין קהל־זאַכען, נאָר קײן

התמנות נעהמט ער בשום אופן נישט אָן; ער איז קיין דאָזאָרצע, קיין גבאי נישט, גאָר נישט!

צדקה הייסט ביי איהם נאָר מתן בסתר...

ער געהט ווינטער גאַנץ פריה אין גאַס אַריין; זעהט ער פויערן פיהרען האָלץ (פון שטיין-קויהלען האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט), — קויפט ער אַ פוהר'ל האָלץ, — צוויי דריי פוהרלעך האָלץ, און זאָגט דעם פויער, וואו ער זאָל אָבפיהרען... ער ווייסט שוין וואו אַ געפרוירענער קבצן וואָהנט! ער פלעגט פאַר יעדען יום־טוב אָבשיקען נדבות מיט דער פּאָסט — אַ ספרא־רבה איז ער געוועזען, — נאָר די אַדרעסען פלעגט ער שרייבען מיט דער לינקער האַנד, מען זאָל זיין כתב־יד נישט דערקענען, ווייל ער פלעגט אַמאָל שרייבען צו גרויסע שררות וועגען יודישע זאַכען...

דערפון האָט זיך געמאַכט אַ מאמר, אַז די נדבות דורך דער פּאָסט שיקט אַ בעהאַלטענער בעל־תשובה, וואָס האָט אַ ודאי עמיצען בע'גזל'ט און קאָן די גזלה נישט אָבגעבען... ערשט נאָך ר' יחיאל'ס פטירה, איז מען געוואָהר געוואָרען ווער דער „גזלן" איז געוועזען...

און אויסער אין חברה־פּושקעס אַריין, פלעגט ער מיד־ליד קיין נדבה נישט צו געבען.... אַלץ געבאָרגט, — כשר'ע הלואה הייסט עס! „ווען גאָט וועט העלפען וועסט דו אָבגעבען, מיט אַמאָל, ביסלעכווייז; מיר אָדער פאַר מיר איין אַנדערן נויטבעדאַרפטיגען"...

און איינמאָל האָט זיך פּאַסירט אַזאַ מעשה: ר' יחיאל קומט אַהיים פון גאַס און טרעפט עמיצען ביי זיך אין שטוב. יענער האָט דערזעהן און איז געבליבען ווייס ווי אַ קאַלך.

ר' יחיאל קוקט, פון אונטער'ן יוד'ס פאָלע שטאַרט עפּיס בולט אַרויס.

אין יוד'ס פנים האָט ר' יחיאל דערקענט, אַז ער האָט פאַר זיך קיין פשוט'ען גנב נישט... ער שטויסט זיך באַלד, אַז עס איז איין עני הגון, אַז ער איז געקומען עפּיס בעטען, און,

אַז ער האָט קיינעם נישט געטראָפֿען, איז ער נישט עומד געוועזען בנסיון, האָט'ען דער יצר־הרע גובר געוועזען...

געהט ר' יחיאל צונ'עם צו גאַנץ פריינדליך און זאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— איהר האָט אַודאי געוואָלט לייהען אויף אַ משכון? ווייזט נאָר דעם משכון....

דעם אָרעמאַן קלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

— וואָס איז די חרפה? פרעגט ר' יחיאל געלאַסען: דאָס מזל דרעהט זיך ווי אַ רעדעל, געלד איז קיילעכדיג! היינט באָרגט איהר ביי מיר, מאָרגען איך ביי'ן אייך...

און אַזוי רעדענדיג, נעמט ער איהם אַפּער פון אונטער דער פּאָלע זיין אייגענע פּאָר זילבערנע לייכטער!

און ר' יחיאל שטעלט זיי געלאַסען אַניעדער פּאַר זיך אויפ'ן טיש, גלייך ער זעהט זיי באמת דאָס ערשטע מאָל, און וויל אָבשאַצען וויפיעל ער מעג אויף זיי באָרגען.

דער יוד, נעביך, וויל דערווייל אנטלויפען, זענען איהם אָבער די פיס ווי צוגעשמידט.

— הכלל, ר' קרוב, — פרעגט ר' יחיאל, וויפיעל ווילט איהר באָרגען?

און דער קאָן, נעביך, נישט די צונג איבערדרעהען.

— איהר זענט, ר' קרוב, אַ גרויסער בושת פנים... נו, וואָס קען מען מאַכען? „את פתח לו" שטעהט, וועל איך פאַר אייך רעדען:

עס געהט צו פסח, — הערט, צי איך בין מיך נישט טועה

— איך בין שטאַרק מסופק, צי איהר האָט אויף מצות...נו, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ: יאָ צי ניין!

יענער, נעביך, שאָקעלט אויף ניין.

— וואָס דען! מען דאַרף דאַצו קיין נביא נישט זיין! דאָס פנים אייער'ס מסר'ט! נאָר — איהר האָט אפשר נאָך אַ טאָכטער צו פער'קנס'ען? יאָ?

נו, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ — יאָ צי ניין?

דעם אָרעמען יוד האָבען זיך שוין אָבער געעפענט די קוואלען פון די אויגען; ער האָט זיך שטאַרק צווויינט.

— נאַרישער מענש! — מאַכט ר׳ יחיאל, — וואָס וויינט איהר? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, גלגל חוזר!

דער יוד קאָן זיך אָבער נישט איינהאַלטען; ווערט ר׳ יחיאל, מכלומר׳שט, ברוגז, האָט ער פעראיבעל.

— על פי דין — זאָגט ער — בין איך אייך, ר׳ קרוב, מחויב צו העלפען; „עזוב תעזוב" שטעהט, פערפאַלען! אָבער וואו שטעהט עס, איך בעט אייך, אז איך בין מחויב אויסצוהערען אייער געוויין, האַ?

דער יוד האַלט זיך איין מיט די לעצטע כחות, און ר׳ יחיאל זאָגט ווייטער:

— ווייסט איהר וואָס, ר׳ קרוב, איך וועל אייך געבען לויט דעם משכון...

אין מיינע אויגען איז דאָס משכון, עובר לסוחר — אויף פחות — ווערט ק״ן קערבלעך... וועל איך אייך באָרגען פינף-און-זיבציג, — אַכציג! צעהן רובל אויף יום-טוב, זעכציג אויף נדן פאַר דער טאָכטער, און נאָך צעהן — איין התחלה אויף חתונה קליידער, חתונה הוצאות; די רעשט וועט גאָט העלפען,

אין אז גאָט וועט העלפען, — גיט ער צו, ווי זיין מנהג איז געוועזען, — וועט איהר בעצאָהלען... איך בין בטוח, איהר וועט בעצאָהלען!

---

צונד געהען מיר איבער צו ר׳ זישעם אייניקעל.

איין מאָל, אַ יומא דפגרא איז עס געוועזען, האָט מיך איציקעל מיין תלמיד שטאַרק געבעטען, איך זאָל מיט׳ן גערן בעקוקען דעם פאָטער׳ס פאַבריק. ער וויל מיר ווייזען די טייערע און קונציגע מאַשינען...

איך האָב איהם נישט געקענט אָבזאָגען; אַ יומא דפגרא איז, געה איך.

אין פאַבריק אַריין געהען מיר דורך אַ שמאָל פעדערהייזעל, וואו צוויי מענשען קענען נישט צוזאַמען דורכגעהן, נאָר איינער נאָכ'ן אַנדערן. פון דאָרט זענען מיר געקומען אויף אַ גאַנץ גרויסען הויף אַרויס, פון הויף ערשט אין פאַבריק אַריין. אין פאַבריק איז נאָך מעהר רחבות ווי אויפ'ן הויף.

און די פאַבריק איז פול מיט וואַרשטאַטען. און ביי יעדען וואַרשטאַט שטעהט אַ פועל. דער וואַרשטאַט וואַרפט זיך, און דער פועל וואַרפט זיך מיט'ן וואַרשטאַט, און דער פועל מיט'ן וואַרשטאַט זעהן אויס ווי איין גוף, ווי איין חולה־נופל, וואָס וואַרפט זיך, שאַקעלט זיך און זעצט...

און וואָס איז די נשמה פון דעם גוף? די פּאַרע! זי רודערט עס מיט אַלעם דורך לעדערנע רימען, מיט וועלכע יעדער וואַרשטאַט איז אַרומגענומען...

אויסער דער פּאַרע האָט דאָ קיין גוף קיין אַנדערע נשמה נישט, נישט דער וואַרשטאַט, נישט דער פועל, וואָס טהוט נאָך דעם וואַרשטאַט; זיי האָבען קיין נשמה נישט, קיין רצון נישט, קיין ידיעה נישט...

אַזוי דאַכט זיך מיר!

און מיין תלמיד וויל מיר אַלץ פערטייטשען, געבען צו פערשטעהן, וואָס דאָ טהוט זיך, וואָס מען אַרבייט, ווי אַזוי מען אַרבייט; נאָר, — איך הער נישט, איך שרעק מיך פאַר די קלאַפּענדיגע גולמות...

די אויערן ווערען מיר טוב פון גערויש און קלאַפּעריי...

אַ ים קולות, אַ מבול קלעפּ און שלעג... און עס קראַצט, און רייבט, און קריצט מיט די ציינער...

און אַ וואונדערליכע מחשבה פליהט דורכ'ן מוח:

און ווען עס קומען אַהער, אין דעם גיהנם אַריין, די גרעסטע נביאים... ישעיה, ירמיה... און ווען משה רבינו אַליין, — ווען זיי עפענען די מיילער, און — זיי ווילען רעדען — צו וואָל־

מען זיי איבערגעשריגען דאָס גיהנם? צי וואָלט ער עמיצער פון די געפייניגטע נשמות געהערט?

ניין, זיכער נישט! טראַכט איך און לויף אַרויס, בעגאָסען מיט קאַלטען שוויים פאַר שרעק!

און מיר געהען ווייטער דורכ'ן שמאָלען פעדערצימער, און איך מיט יצחק'ן קאָנען צוזאַמען נישט דורכגעהן...

— נאָך וואָס איז דאָ אַזוי ענג? פרעג איך.

— דאָ רעווידירט מען די אַרבייטאָרער, — ענטפערט יצחק'ל — איינעם נאָכ'ן צווייטען רעווידירט מען...

— נאָך וואָס?

— מען גנב'עט פון פאַבריק... כלים... סחורה...

— גנבים זענען זיי, גנבים?

— נישט אַלע, חס ושלום! נאָר אויף טייל פאַלט אַ חשד!...

— און, אַז אויף אַ טייל פאַלט אַ חשד, רעווידירט מען אַלע?

— דער טאַטע זאָגט, אַז מען קאָן נישט מבייש זיין, רעווידירט מען אַפילו די מייסטער אַליין...

---

אויך „שלא לבייש", נאָר אויף אַ גאַנץ אַנדערן נוסח!

---

## ג.

# די קְלָלָה.

און ערגיץ אין אַ גרויסע שטאָדט איז געוועזען אַ גרויסע נבירה.

און די גבירה איז געווען אַ מיוחסת, הן פון איהר צד, הן פון מאַן, פון גביר׳ס, צד.

אַ גרויסע יפת־תאר איז זי אויך געווען, האָט זי זיך גרויס געהאַלטען, ווי מען זאָגט, געבלאָזען פון זיך, און מיט די רעשט ווייבער פון שטאָדט קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט.

זי פלעגט אין ערגיץ אפילו אויף קיין שמחה נישט געהן, און ביי איהר איז נאָך קיין שמחה נישט געווען, ווייל זי האָט, האָטש עטליכע יאָהר נאָך דער חתונה, נאָך קיין קינדער נישט געהאַט.

און דעריבער, אַז דער מאַן, אַ לייפסקער סוחר, איז אַרויסגעפאָהרען פון דער היים, איז די גבירה אַרומגעגאַנגען איינע אַליין אין איהרע גרויסע און רייכע שטובען, און האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טהון.

לייענען צאינה וראינה, קב־הישר, צי אַנדערע מוסר־ספרים אויף עברי טייטש, האָט זיך איהר נישט געגלוסט; פּיאַנע פלעגט מען נאָך אין יודישע הייזער נישט שפּיעלען, קיין מעשה־ביכלעך פאַר ווייבער איז נאָך דעמאָלט נישט געווען; דעם משרת מיט די צוויי דיענסטען, וואָס זי האָט געהאַט, פלעגט זי האַלטען פון זיך ווייט; אומגערופען האָט קיינער געטאָרט צוקומען, — פלעגט זי שטעהן גאַנצע טעג ביים ציערונג־קעסטעל, שפּיעלען זיך מיט די אַלערליי גאָלדענע און ברילאַנטענע זאַכען, וואָס זי האָט געהאַט, קוקען ווי די פלעמלעך גיסען זיך איבער אין די טהייערע שטיינער; אָנמעסטען און אויסטהון, אויסטהון און אָנמעסטען, אַבי ווי עס איז, די צייט צו פערברענגען.

אַז איהר איז דאָס נמאס געוואָרען, פלעגט זי צוגעהן צו דער קליידער־שאַנק און איבערוואַרפען אַלע זיידענע, אטלאַסענע און סאַמעטענע קליידער, וואָס זי האָט געהאַט.

און אַזוי פלעגט זי אָבלעבען די צייט און אָבוואַרטען, ביז דער מאַן וועט צוריקקומען פון לייפּסק.

איין מאָל האָט זיך אָבער דער מאַן לענגער פערזוימט, און, ווען ער האָט געדאַרפט, לויט אַלע יאָהר, אַרויספאָהרען,

האָט ער ערשט געשיקט א בריעף: היות די עסקים וועלען איהם לענגער פערהאַלטען... מיט גאָטס הילף וועט ער אפילו מאַכען גרויסע און גוטע געשעפטען, נאָר זיין עגמת נפש איז גרויס, וואָס ער קען אפילו נישט מגביל זיין די צייט פון אַרויספאָהרען.

און ווייל ער רעכענט, אַז זי האָט אויך אַ ודאי עגמת נפש דערפון, וויל ער — שרייבט ער — זי משמח זיין אַביסעל, שיקט ער איהר גאָרנאָסטאַיען אויף אַ פוטער, טהייערע גאָרנאָסטאַיען צו 15 רענדלעך אַ שטיק...

אין עטליכע טעג אַרום, אַז די גבירה האָט בעקומען די גאָרנאָסטאַיען, האָט זי זיך גענומען צום מאַכען דאָס פוטער.

ערשטענס, זענען איהר די פעלכלעך זעהר געפעלען; צווייטענס, וועט זי האָבען מיט וואָס זיך צו פערנעהמען, נישט משוגע צו ווערען איבער דער צייט.

אַהיים־געבען אַ בעל־מלאכה די פעלכלעך, האָט זי מורא, מען זאָל זי נישט בע׳גנב׳נען, שיקט זי נאָך אַ שניידער, ער זאָל אויפנעהען דאָס פוטער ביי איהר אין שטוב; זי אַליין וועט זיצען ביי דער אַרבייט.

און דער שניידער, וואָס די גבירה האָט געלאָזט רופען, איז געוועזען אַ וואהלער יונג, ווי עס טרעפט זיך צווישען שניידער.

אַ מאַנספערשוין — אַ פאָרטרעט, אַ מויל — ווי אויף שרויפען. און אַ בריה, — די נאָדעל פלעגט איהם פליהען אין דער האַנד, און דערביי, אויב ער האָט נישט גערעדט, פלעגט ער זינגען ווי אַ קאַנאַרעק.

און עס איז געקומען דערצו, אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ שמועס צווישען דער גבירה מיט׳ן חייט.

און דער שניידער דערצעהלט איהר פון זיינע קינדערשע יאָהרען:

אַז ער איז גאָר פריה אַ יתום געבליבען, אָהן אַ טאַטען און אָהן אַ מאַמען, רחמנא ליצלן; אַז די אָרעמע קרובים זיינע,

וואָס האָבען איהם נישט געקענט מפרנס זיין און צאָהלען פאַר׳ן חדר־געלד, האָבען איהם אָבגעגעבען צו׳ן אַ שניידער...

און דער שניידער האָט איהם זעהר שלעכט בעהאַנדעלט...

עבודת הפרך האָט ער געאַרבייט, ניר נישט ביי דער מלאכה... האַלץ פלעגט ער האַקען, וואַסער טראָגען...

און מכות אכזריות פלעגט מען איהם שלאָגען... דער בעל־הבית, די בעל־הבית׳טע, די עלטערע פועלים...

הונגער האָט ער אויך געליטען...

און וואָס איז ער נישט אויסגעשטאַנען?

זומער און ווינטער פלעגט ער אַרומגעהן נאַקעט און באָרוועס.

אין די גרעסטע פרעסט פלעגט ער שלאָפען אויף דער גאָלער ערד, אונטערגעלעגט די פויסט! ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין מלבוש מיט וואָס זיך צוצודעקען, וכדומה...

און די גבירה, אויף וועלכער מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט אַ שטיינערן האַרץ, האָט רחמנות געקריגען אויפ׳ן יתום, און פרעגט דעם שניידער גאָר מיט איין אַנדער קול, ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלץ געקענט אויסהאַלטען?

און דער שניידער זאָגט איהר, אַז ער ווייסט אַליין נישט! אַז ער איז טאַקי שטאַרקער געוועזן פון אייזען, אַז ער האָט עס אויסגעהאַלטען!

נאָר אַ מוטער האָט ער געהאַט אַ צדקה׳ס: אפשר איז איהם איהר זכות בייגעשטאַנען...

דעם פאָטער האָט ער נישט געקענט!

נאָר וואָס מעהר וואונדער, ביי אַלע צרות און יסורים, וואָס ער האָט אויסגעליטען, איז ער תמיד געוועזן פרעהליך און לוס־טיג; מען שלאָגט איהם אומזיסט, שטעלט ער זיך אַוועק אין אַ ווינקעלע און וויינט, נאָר איידער די טרעהרען ווערען טרוקען — ער זינגט שוין.

וואָרעין זינגען האָט ער ליעב געהאַט דאָס לעבען! עס האָט

זיך איהם תמיד געוואָלט זינגען, אַזוי זינגען, ווי דאָס פויגעלע, וואָס פליהט אין דער לופטען, און האָט איבער זיך קיין אויבער־הערר נישט! דעריבער האָט מען איהם טאַקי גערופען משה פויגעל! „משה" האָט ער געהייסען.

און דער שניידער דערצעהלט איהר ווייטער, אַז ער האָט געקענט אויסענווענינ אַלע חזנישע זאַכען; אפילו פון פרעמדע חזנים, וואָס פלעגען קומען דאַוונען אויף בילעטען! דורך די פענסטער פלעגט ער זיך אריין־גנבנ'ען און הערען...

קומט מען צו פאָהרען מיט אַ קאַטאַרינקע, גנב'עט ער זיך שוין אַרויס, און לויפט איהר נאָך פון הויז צו הויז, פון גאַס צו גאַס, ביז ער נעהמט איבער אַלע נגונים!... גאַנצע נעכט פלעגט ער שטעהן אונטערן פענסטער פון אַ חתונה, אויב עס האָבען פרעמדע כלי־זמרים געשפיעלט, צו מאָרגענס האָט ער שוין אַלץ איבערגעזונגען... אפילו דער פיעדעלס שטייגער צו דער חופה!

„ויהי ערב — ויהי בקר", — דער שניידער דערצעהלט, די גבירה פרעגט איבער; און טהייל מאָל, אַז זי פרעגט נישט, זינגט ער אין דער שטיל; הערט זי ווי ער זינגט.

---

אויף מאָרגען האָט דער שניידער דערצעהלט, אַז די שמחה, דאָס בעשטענדיגע פרעהליך זיין, איז איהם טאַקי בייגעשטאַנען.

אַביסעל איז עס געוועזען מעשה נסים.

דער מייסטער, דער בעל־הבית זיינער, איז פלוצים קראַנק געוואָרען, ער האָט געפיהלט, אַז לאַנג לעבען וועט ער שוין נישט, די דאָקטוירים האָבען איהם אויך שוין געלאָזט אויף גאָט'ס בעראָטה...

האָט ער דער עיקר גרויס צער געהאַט דערפון, וואָס ער געהט פון דער וועלט אָהן אַ קדיש, און לאָזט איבער אַ ווייב

אַיין אַלמנה און אַ טאָכטער אַ יתומה; וואָרען ער האָט קיין בן זכר נישט געהאַט, וואָס זאָל קדיש זאָגען און איבערנעהמען די מלאכה...

האָבען איהם קרובים, שכנים און גוטע פריינד אַיין עצה געגעבען, ער זאָל די טאָכטער זיינע, — אֶסתר'ל האָט זי גע־הייסען — תיכף חתונה מאַכען מיט אַ פועל, וועט דער איידעם מפרנס זיין די טאָכטער מיט דער אַלמנה און קדיש זאָגען במקום אַ זוהן.

בעשטעהט ער.

זאָגט אָבער, אסתר'ל: אַז זי וויל מיך; משה פויגעל וויל זי.

זאָגט מען איהר, אַז איך בין קוים אלט אַכטצעהן יאָהר.

זאָגט זי, אַז זי האָט נאָר זיבצעהן, איז עס אַ גלייכער שידוך!

זאָגט מען איהר ווייטער, אַז איך קען נישט די מלאכה, איך בין קיין פרנסה געבער.

זאָגט זי, אַז איך וועל מיך אויסלערנען; אַז אויב איך קען נאָך נישט, איז עס נישט מיין שולד! אַז משה פויגעל איז קיין פוילער נישט, און מסוגל צו דער מלאכה איז ער, נאָר מען האָט איהם נישט געלערנט!

דער פאָטער בעט זיך ביי איהר, די מוטער וויל שלאָגען.

די בת יחידה אָבער האַלט זיך שטאָהל און אַייזען: אָדער משה פויגעל, אָדער גאָר נישט!

— נו, און דו האָסט זי געוואָלט? פרעגט די גבירה מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל.

— אַ שאלה אַביסעל! שמייכעלט דער שניידער — מיין אֶסתר איז דאָך שעהן ווי אסתר המלכה, און אַזוי גוט ווי אסתר המלכה! — —

און וואָס האָבען זיי געקאָנט טהון? דער חולה איז מסופק

און ער וויל זיך באין אופן ניט שיידען פון דער וועלט, אָהן איין איידעם; קוועהלט ער זיך נעביך אזוי לאנג, ביז ער מוז בעשטעהן!

האָט מען א חופה געשטעלט!

און דעם צווייטען טאָג בין איך אויפגעשטאנען א מייסטער, און האָב בעקומען שליטה איבער די, וואָס פלעגען מיך קוועהלען אָהן רחמנות...

און, אז די גבירה פרעגט, צי ער בעצאָהלט זיי אצונד מיט פראָצענט? — ענטפערט ער: — חס ושלום!... ער גלויבט, אז א מענש איז נאָר דעמאָלט איין אכזר, ווען עס איז איהם נאָר ביטער אויפ'ן האַרץ! „זיי האָבען געליטען, האָבען זיי צו מיר אויסגעלאָזט דעם כעס... איך בין דאָך דער שוואכסטער געוועזען... אָבער איך?

געלויבט איז, השם יתברך, מיין האַרץ איז נישט פערבי־טערט... טרעפט זיך א מאָל איין עגמת נפש, זינגט מען...“

די גבירה פרעגט, צי זיין אָסתר'ל זינגט אויך?

— מיין אסתר המלכה זינגט, נאָר נישט אויף א קול!

די גבירה פערשטעהט נישט און משה פויגעל זאָגט, אז ער אליין פערשטעהט אויך נישט!

נאָר איזען איז אזוי! און אויב ער פלעגט א מאָל נאָכ־זינגען כלי־זמרים, אָדער חזנים, זינגט ער היינט אָסתר'לס נגונים...

ערשט צונד איז איהם איינגעפאלען, אז עס איז אזוי!

„אז איך קוק איהר אין די אייגען אריין, זינגט זיך! איז א סימן, אז דאָרט שטעקט ער, דער נגון!“

די גבירה ציהט ווייטער מיט די אקסעל און משה פויגעל זאָגט נאָך אמאָל, אז ער פערשטעהט אליין אויך נישט, נאָר עס איז אזוי!

— אזוי איז עס! זאָגט ער — און הויבט זיך אויף,

ער האָט די אַרבייט געענדיגט; די גבירה האָט איהם בע־צאָהלט, און ער איז אוועקגעגאַנגען...

---

און די גבירה איז ווייטער אַליין געבליבען... זי האָט ווייטער נישט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טהון; עס האָבען זי שוין אפילו די קליידער מיט'ן ציערונג, נישט פערנומען... אויסער ביים אָנמעסטען, האָט זי נאָך דעם מאַנס מתנה, דעם טהייערן פעלץ אויפ'ן לייב נישט געהאַט!

דערמאַהנט זי זיך פלוצים, אַז זי האָט מלבושים איבערצו־מאַכען... און שיקט נאָך משה פויגעל.

און עס מאַכט זיך ווייטער אַ שמועס.

די גבירה וויל וויסען, ווי משה פויגעל לעבט מיט זיין „אָסתר המלכה", און דער שניידער דערצעהלט:

— השם יתברך, זאָל געבען אויף לאַנגע יאָהר, — זאָגט ער — עס זאָל אונז נאָר קיין בייז אויג נישט שאַטען!...

מיר לעבען זיך ווי די טויבען...

נישט שטענדיג באָדט מען זיך אין מילך און אין פוטער... אין מיט'ן דער וואָך, פעהלט אַמאָל אַ שטיקעל פלייש, נאָר וואָס מאַכט עס אויס?... נישט דאָס איז דער עיקר... אַבי דער מענש איז נאָר צופריעדען, די נשמה הייסט עס!

די גבירה הויבט אָן חוקר־ודורש זיין; וואָס זיי טהוען? פרעגט זי...

— וואָס זאָל'מיר טהון? — איך טהו מיר מיין אַרבייט... איך נעה און שטעפּ, און זי איז בעל־הבית'טע: קעהרט, קאָכט און וואַשט, אַ דאגה! איך אַרבייט און זי אַרבייט; איך זינג און זי הערט זיך צו פון דערווייטען, פון איהר ווינקעלע. האָט זי צייט, קומט זי צו מיר צו, זעצט זיך ביים טיש...

אַ קליין חנו'דיג קעפּעל האָט זי, שפּאַרט זי עס אָן אויף דער האַנד...

אויגען האָט זי גרויסע, קוקט זי אויף מיר...

טהו איך איהר להכעיס, און קוק איהר אין די אויגען אריין, ווערט זי רויטליך, און מיר ווערט פרעהליך, אז עס הויבט זיך אן צו זינגען... זינגט זיך! עס לעבט זיך נישט קשה! בפרט אצונד...

וואס „אצונד״?

— אהה! דער „אצונד״ איז א גרויסע זאך, — ענטפערט דער שניידער, — א נייע פויגעלע קומט אויף דער וועלט... משה פויגעלס א פויגעלע וועט קומען! אסתר המלכה׳ס פויגעלע...

---

משה פויגעל האט נאך נישט געענדיגט די ארבייט ביי די גבירה, און אסתר המלכה, ריכט זיך אין בעט אריין...

משה פויגעל לאזט איבער די באבען אין שטוב און געהט צו דער ארבייט; ער זאגט צו, באלד צוריק צו קומען...

און קומט נישט אזוי געשווינד!

אסתר האט דערוייל וועהען בעקומען, און משה פויגעל זיצט נאך אלץ ביי דער ארבייט, און דערצעהלט, ווי גוט אסתר׳ל איז, ווי שעהן זי איז, ווי צוגעבונדען ער איז צו׳ן איהר...

די גבירה לאזט איהם נישט אוועקגעהן; דאס קלייד דארף זי נעטהיג...

ער ארבייט ווייטער.

די גבירה בעצאהלט ווי איין אמת׳ע שׂרה! פאר געלד קריעגט מען גוטע זאכען, און „אסתר המלכה״ וועט דארפען גוטע זאכען... דער קליינער פויגעל וועט אויך דארפען!

און א ברית וועט זיין א קנאקענדיגער!

ארבייט ער געשווינד, און זינגט, און דערצעהלט...

און, אז די וועהען האבען זיך געשטארקט, און אסתר המלכה האט געשיקט א שכנה נאך משה פויגעל, איז די שכנה צוריק געקומען מיט א תשובה, אז זי האט משה פויגעל נישט

נעזעהן; אַרויסגעקומען איז די גבירה... זי האָט איהר אַליין געעפענט און געזאָגט, אַז זי וועט איהם שוין שיקען!

און אַז די וועהען זענען נאָך שטאַרקער געוואָרען, איז איין אַנדערע שכנה געגאַנגען, שוין איין עלטערע יודענע, וואָס האָט שוין געזאָלט „אָננעהמען משה פויגעל ביי די פאות און אַהיים־שלעפּען ווי אַ פּגר". נאָר זי האָט אויך נישט די העזה געהאַט קעגען דער גבירה, און איז אויך צוריק־געקומען מיט דער בשורה, אַז זי וועט איהם באַלד שיקען...

— זי האָט מיך, — פערענטפערט זי זיך, — איבער דער שוועל נישט געלאָזט!

און אַז די באָבע האָט געזאָגט, אַז אסתר'ל איז אין אַ גרויסע סכנה, אַז, אויב, השם יתברך, וועט זיך, חס ושלום, נישט מרחם זיין, ווייסט זי נישט, וואָס דער סוף קען זיין...

האָט די יולדת פּאַר גרויס צער אַ געשריי געטהון:

— רבונו של עולם! אויב עס איז אויף מיר נגזר געוואָרען פון הימעל, אַז איך זאָל אַזוי פריה אַוועקגעהן פון דער וועלט און מיין אייגען קינד נישט זעהן, לאָז מיך חאָטש נאָך אַמאָל זעהן מיין משה פויגעל!

און אַ דריטע שכנה איז געלאָפען, און איז צוריק גע־קומען, אין געזאָגט: אַז באַלד קומט ער, ער ענדיגט שוין דאָס קלייד! אַזוי האָט די גבירה געזאָגט...

אין די גבירה האָט באמת נישט געוואוסט, אַז עס איז סכנת נפשות, זי האָט גאָר נישט געלאָזט צו זיך רעדען...

— וואָס טהוען זיי דאָרט? האָט די יולדת מיט די לעצטע כחות געשריגען.

און די שכנה איז מודה, אַז זי איז געשטאַנען אַ ווייל־ע אונטער דער טהיר און האָט געהערט, ווי משה פויגעל דער־צעהלט עפּים, זאָגט וואָס אַ מאָל: אסתר המלכה, מיין אסתר המלכה, און זי, די גבירה, לאַכט...

און אסתר'ל האָט אויסגערופען:

— רבונו של עולם, זאָל זי שוין לאַכען ביז'ן טויט אריין;
אין קבר זאָל זי לאַכען...
און זי איז אָיועקגעקומען...

---

דאָס איז געוועזען אַ קללה פון אַ שכיב מרע!
און זי איז מקוים געוואָרען, די קללה!
די גבירה האָט שוין נישט אויפגעהערט צו לאַכען!
אַ צופריעדענער שמייכעל איז איהר ווי צוגעקלעבט געוואָרען צום פנים. און, עפּעס זי דאָס מויל, לאַכט זי!
זי שמייכעלט ביים גרעסטען צער, ביי די גרעסטע יסורים; דאָס האַרץ ברעכט און זי לאַכט!
זי שמייכעלט, ווען זי בעט איין זיך דעם טויט; זי לאַכט, ווי ווען דער מלאך המות וואָלט פאַר איהר אַ מלאך־הגואל געווען!
עס קומט אריין דער משרת, ער שטעלט זיך פון ווייטען און וויזט איהר, ער האָט אַ בריעף, אודאי פון מאַן.
שטעהט ער און וואַרט, זי זאָל איהם געבען אַ צייכען, אַז ער זאָל איהר דערלאַנגען דעם בריעף; דערזעהט ער, אַז זי איז עפּיס היינט פריינדליכער, ווי אַלע מאָל, אַז זי שמייכעלט!...
גלויבט ער זיינע אויגען נישט, עפענט זי דאָס מויל, און לאַכט.
זי וויל איהם זאָגען, ער זאָל דערלאַנגען דעם בריעף, און — לאַכט...
דער משרת איז געוועזען בטבע איין אויסגעלאַסענער, אַ בעהאַלטענער רשע, קוקט ער איין איהר שוין גאָר אַנדערש.
זי שמייכעלט ווייטער...
זי וויל זיך בייזערן, עפּענט ווייטער דאָס מויל און — לאַכט!
— וואָס איז מיט איהר געוואָרען? מיט דער מיוחסת?
ער קען עס גאָר נישט פערשטעהן. קלערט ער, ווי איהם טויג זיך. גערדט ער נעהנטער צו, — זי שמייכעלט!

מיינט ער, דער רשע, אז ער האט ביי איהר פלוצלונג נושא חן געווען, געהט ער צו נאך געהנטער!

נעהמט ער זי אן ביי א האנד! זי שמייכעלט! קושט ער די האנד, — און לאכט!

מעהר דארף ער נישט, דער אויסגעלאסענעד משרת! פערגעסט ער אן בריעף וואס דער בעל־הבית, האט געשיקט פון וועג, אז ער קען אנקומען באלד נאכ׳ן בריעף, — און נעהמט זי ארום...

זי שמייכעלט, זי לאכט!

קומט טאקי אן דער בעל־הבית, זעהט ער וואס עס טהוט זיך, און נעהמט זי אן און — ווארפט זי ארויס...

זי לאכט!

עס איז ווינטער; א קעלט, א שניי, זי געהט ארום אין שמייכעלט...

מען לויפט איהר נאך, מען לויפט אויף איהר וואונדער און זי לאכט; זי שמייכעלט און לאכט...

---

און אזוי טרייבט זי זיך, לאבענדיג, ארום אין די גאסען —

זי בעטעלט און לאכט.

מען ווארפט איהר נאך שטיינער, שלעכטע מענשען פייני־גען זי, זי שמייכעלט און לאכט...

זי געהט איבער פון איין האנד צו דער צווייטער, פון איין רשע צום צווייטען, מיט׳ן פערגליווערטען שמייכעלע אויפ׳ן פנים, מיט׳ן קלינגענדיגען געלעכטער אין מויל!

זי פאלט ביז אויף דער נידריגסטער מדרגה — און אל׳ן מיט א שמייכעל אויפ׳ן פנים, מיט א געלעכטער אין מויל!

און אזוי האט זי געשמייכעלט און געלאכט, ביז צום טויט, און — נאכ׳ן טויט!

י. ל. פרץ.

זי גוסס'ט און לאַכט, די נשמה רייסט זיך איהר פון גוף אַרויס און דאָס פנים לאַכט...

און דאָס פנים לאַכט אפילו אין קבר!...

די עטליכע נושאים, וואָס האָבען זי אַריין-געלאָזט אין קבר אַריין, האָבען מיט טויט-שרעק דעם קבר פערשיט. און געאיילט זיך זיי זאָלען שון דעם וויסטען שמייכעל נישט זעהן...

— — — — — — — — — —

וואָרנט אייך יוחנן מלמד: היט אייך פאַר אַ קללה, בפרט פון אַ שכיב מרע!...